STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01852

DI HOYPT SHTREMUNGEN IN DER LITERATUR FUN NAYNTSENTEN YORHUNDERT

Georg Morris Cohen Brandes

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געאָרג בראַנדעס

די הויפּט שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נײַנצענטען יאָרהונדערט

באנד 3.

די ראָמאַנטישע שול אין דײַטשלאַנד

איבערזעצט פון

ל. לעהרער

מאַקס נ. מײזעל
אידישער פאַרלאַג פאַר ליטעראַטור און װיסענשאַפט
424 גרענד סטריט, ניו יאָרק,
1921

Copyright, 1921
by
Max N. Maisel

אינהאַלט.

(ראָמאַנטישע שולע אין דייטשלאַנד — צווייטע אָפּטיילונג.)

קאַפּיטעל 12. — די ראָמאַנטישע נשמה — נאָוואַליס — — 9

נאָוואַליס דער דיכטער פון געמיט; נאָוואַליס'עס ערציהונג; זיין אומנאָרמאַל לעבען; דער טויט פון זיין געליבטער און זיין ברודער; זיין באַציהונג צו קראַנקהייט, צו נאַכט און טויט; זיין בליק אויף מאַטעמאַטיק; זיינע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע אידעען; אַ פאַרגלייך מיט שעלי'ן.

קאַפּיטעל 13. — בענקשאַפט — „די בלאָע בלום." — — 43

ראָמאַנטיזם און בענקשאַפט; דער סימבאָל — „די בלאָע בלום"; געטע'ס „ווילהעלם מייסטער" און „שטערנבאַלד"; נאָוואַליס'עס באַשלוס צו שאַפען אַ ווערק וואס איז לויטער פאָעזיע; זיין „הייגריך פאָן אָפטערדינגען"; אַ פאַרגלייך מיט אינגעמאַן און זיין ווערק „די שוואַרצע ריטער"; ווייטער וועגען דער בלאָער בלום; איהר אָפּשפּיגלונג אין אייכענדאָרפ'ס „פונ'ם לעבען פון אַ שלים מזל"; די ראָמאַנטישע ווייטקייט פון לעבען.

קאַפּיטעל 14. — ארנים און ברענטאנא — — — — — — — — 73

עטליכע פאַקטען פון אַרנימ'ס לעבען; די מערקווירדיגקייט אין זיין ליטעראַרישער ארבייט; באַגעסענ'ס לידער; די פערזענליכקייט פון קלעמענס ברענטאַנאָ; קאַטערינאַ עמעריכ'ס איינפלוס אויף איהם; זיינע אַבערגלויבערישע נייגונגען; זיין אָפּשטאַמונג און זיין לעבען; זיינע פאַרדינסטען.

קאַפּיטעל 15. — דער מיסטיציזם אין דער ראָמאַנטישער דראַמע — — — — — — — — — — — — — — — 104

דער אונטערשיד צווישען דראַמע, ליריק און עפּיק; טיק'ס מיסטישער פאַנטעזיזם; אַרנימ'ס „האַלע אין ירושלים"; הייגריך פאָן קלייסט; זיינע דראַמען; זיין טראַגישער סוף; צאַכאַריאַס ווערנער און זיינע דראַמאַטישע שריפטען; דער תמצית פון ראָמאַנטיזם.

קאַפּיטעל 16. — די ראָמאַנטישע ליטעראַטור און פּאָליטיק 156

טיק'ס „קאַטער און שטיוועל"; סימנים פון פּאָליטישען אונטערעס; די פּאָליטישע געשעהענישען פון אָנהויב פון נייגצעהנטען יאָרהונדערט"; מאָריץ אַרנט און יאַן; פוקיי און זיינע ווערק.

קאַפּיטעל 17. — ראָמאַנטישע פּאָליטיקער — — — — — 178

דער „ריח פון הייליגקייט"; גערעס דער רעוואָלוציאָנער; זיין שפּעטערע רעליגיעזיטעט און זיין קאַמף אַנטקעגען פּראָטעסטאַנטיזם; גענץ און זיינע סימפּאַטיען מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; זיין שפּעטערע חרטה; זיין צעלאָזען לעבען; זיין פרייגדשאַפט מיט מעטערניכ'ן; די כאַראַקטעריסטיק פונ'ם ראָמאַנטיזם פון פאַרשידענע לענדער.

קאַפּיטעל 12.

די ראָמאַנטישע נשמה — נאָוואַליס.

נאָוואַליס דער דיכטער פון געמיט; נאָוואַליס'עס ערציהונג; זיין אומנאָרמאַל לעבען; דער טויט פון זיין געליבטער און זיין ברודער; זיין באַציהונג צו קראַנקייט, צו נאַכט און טויט; זיין בליק אויף מאַטעמאַטיק; זיינע רעליגיעזע און פילאָזאָפישע אידעען; אַ פאַרגלייך מיט שעלי'ן.

דער רייזענדער וואָס באַזוכט אַ מינע לאָזט זיך אַראָפּ אין אַן אונטערערדישער אויסגראָבונג, אין דער באַלייטונג פון אַ מענשען וועלכער האַלט אַ לאָמפּ, וואָס ביי איהר אומבאַשטימט ליכט פאָרשט ער אוים די פארבאהאלטענע טיפענישען. אויף אַזאַ סאָרט רייזע פאַרבעט איך טאַקע איצט מיינע לעזער מיך צו באַלייטען. די אויסגראָבונג אין וועלכער מיר וועלען זיך באַלד אַראָפּלאָזען איז דאָס דייטשישע „געמיט", אַ מינע, וואָס קיין אַנדערע קען זי ניט אריבערשטייגען אין טיפקייט, פינסטערניש, מאָדנעקייט, רייכקייט אין טייערע מעטאַלען און ווערטלאָזען אָפּפאַל. לאָמיר באַמערקען די סימנים וואָס דאָס דאָזיגע געמיט האָט באַקומען אין די צייטען פונ'ם ראָמאַנטיזם, און צוליב דעם צוועק זיך גענוי אָפּשטעלען אויפ'ן ראָמאַנטיקער, וואָס איז דער פּאָעט פון געמיט — נאָוואַליס.

קיין שום וואָרט אין קיין אַנדער שפּראַך האָט ניט דעם זעלביגען טייטש וואָס דאָס דייטשישע וואָרט „געמיט". „געמיט" איז כאַראַקטעריסטיש דייטש, עס איז דער אינווייניגסטער פלאַץ, דער אינווייניגסטער שמעלץ־אויווען. אין די באַרימטע ווערטער פונ'ם „וואַנדערערס שטורם־ליד":

Innere Warma
Seelenwarme
Mittelpunkt!
Gluh entgegen
Phob-Appolon,
Kalt wird sonst
Sein Furstenblick
Ueber dich vorubergleiten

האָט געטע געשילדערט דאָס געמיט און זיין אַרט אין דיכטער'ס לעבען. ביי די וואָס האָבען ג ע מ י ט ציהט זיך יעדע זאַך צום אינערליכען; דאָס געמיט איז די צענטריפעטאַלע קראַפט פון גייס־טיגען לעבען. פאַר אַ מענשען וואָס האַלט אַז געמיט איז העכער פון אַלץ אין מענשליכען לעבען, איז איניגע ווארעמקייט אַ פּאַטענט אויף גייסטיגער אריסטאָקראַטישקייט. אין זייער באַגריף וועגען גע־מיט, ווי אין יעדער זאַך, זיינען די ראָמאַנטיקער עקסטרעם. זיי פאַרגרעסערן אַלץ וואָס איז מיסטעריעז, טונקעל און ניט קלאָר אין דעם געמיט, אויפ'ן חשבון פונ'ם קלאָרען און שעהנעם. פאַר זיי איז געטע דער גרעסטער פון אַלע פּאָעטען, ניט צוליב זיין פּלאַסטי־שער קראַפט, נאָר צוליב דער מטושטוש'דיגקייט, דער געניאַלער מיסטעריעזקייט, וואָס רינגעלט ארום אַזעלכע העלדען ווי האַרפער און מיניאָן, און צוליב דער פיעל־זאָגענדיגער שאַרפקייט פון זיינע קלענערע לידער. אָבער לעסינג און שילער זיינען, לויט זיי, אין גאַנצען קיין דיכטער ניט, און זיי ווערען אויסגעלאַכט און גרינגשעצ־ציג קריטיקירט צוליב דער אויסוויינינגסטער ריכטונג פון זייערע שאַרפע, ענערגישע געדאַנקען. וואָרים ענטוזיאַזם, כאַראַקטער שטאַרקייט, און ענליכע אייגענשאַפטען, זיינען ניט ג ע מ י ט. דאָס געמיט בלייבט אין דער היים ווען דער ענטוזיאַזם ציהט די שווערט און געהט אין דער מלחמה אריין. פאַר די ראָמאַנטיקער איז דער גרעסטער פּאָעט דער, וואָס האָט צום מעהרסטען געמיט.

די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די ראָמאַנטיקער, איז וואָס זיי האָבען פאַרוואַנדעלט געטע'ס „נשמה ווארעמקייט" אין היץ, אַ היץ וואָס הייבט זיך אויף ביז'ן קאָך־פּונקט אָדער שמעלץ־פּונקט און אין איהר העפטיגקייט פאַרצערט זי אַלע איינגעפונדע־וועטע פאָרמען און אידעאַלען. די גלאָריע פונ'ם ראָמאַנטישען פּאָעט איז די היץ און ליידענשאַפט פון די געפיהלען וואָס ברענען אין איהם. אַלץ וואָס נאָוואַליס טוט ווערט געטאָן מיט דער גאַנ־צער נשמה. זיין מאָטאָ איז העפטיגע, אומבאַרעכענטע געפיהלען.

פרידריך פאָן האַרדענבערג *), אַ זוהן פון אַ זעהר אַלטער פאַ־מיליע, איז געבוירען געוואָרען אין ווידערשטעט, אין דער מאַנס־

---

*) נאָוואַליס'עס ריכטיגער נאָמען. — איבערז.

פעלדער פּראָווינץ, אין מאַי 1772. זיין פאָטער, א מענש מיט א מוטיגער, הייסער נאַטור האָט זיך באַקערט — נאָך דעם „ווי ער האָט געפירט א זעהר עולם־הזה'דיג לעבען" — צו דער ענגלישער מעטאָדיסטישער אמונה צו איין און דרייסיג יאָהר, בעת ער איז געווען אין גרוים צער צוליב זיין ערשטער פרוי'ס טויט. שפּעטער צו איז ער אַרונטער אונטער'ן איינפלוס פון די „מאָראַוויען ברידער", ספּעציעל פונ'ם גראַף צינצענדאָרף; און ער איז תמיד געווען באַאיינפלוסט פון זיין עלטערן ברודער, א פאַנאַטישער, און א ביסעל אַן אומוויסענדער אַריסטאָקראַט מיט פּיעטיסטישע נייגונגען. דער ווילען פונ'ם עלטערן ברודער איז געווען א געזעץ אינ'ם אינגערנס היים נאָכ'ן לעצטענ'ס צווייטער חתונה. זיינע שטרענגע פּרינציפּען האָבען פאַרבאָטען פאַר דער פאַמיליע יעדען געזעלשאַפטליכען פאַרקער, און די קינדער זיינען געווען געצוואונגען פאַרזיכטיג צו באַהאַלטען זייערע יוגענדליכע אַמוזירונגען. אין 1787 איז נאָוואַליס'עס פאָטער באַשטימט געוואָרען אַלס דירעקטאָר פון די זאַלץ־גרובען אינ'ם שטעטעל וויסענפעלד.

טיק האָט זיך באַקאַנט מיט דער האַרדענבערג פאַמיליע אין 1799, און זיי האָבען אויף איהם געמאַכט א טיעפען איינדרוק. קעפּקע זאָגט: „זיי האָבען געפירט א שטיל, ערנסט לעבען, א לעבען פול מיט פשוט'ער, ערליכער פרומקייט. די פאַמיליע האָט געהערט צו דער סעקטע „מאָראַוויען ברידער" און האָבען מיט זייער לעבען פאַרקערפּערט די געדאַנקען פון אָט דער סעקטע. דער אַלטער האַרדענבערג, א שטאָלצער, בכבוד'ער מענש, וועלכער איז געווען אין זיין יוגענט א פיינער סאָלדאַט, האָט געלעבט ווי א פּאַטריאַרך צווישען זיינע טאַלאַנטפולע זיהן און זעלטענע טעכטער. ער האָט געהאַסט ענדערונגען און אויפקלערונג אין יעדער פאָרם; ער האָט ליב געהאַט און געלויבט די גוטע אַלטע, פאַלש געאורטיילטע צייטען, און ביי געלעגענהייטען האָט ער געקענט אויסדריקען זיינע געדאַנקען מיט פיעל אַנטשלאָסענקייט און אַרויספאָדערונג, אָדער זיך צעהיצען אין א פּלוצלונגען צאָרן.

די פאָלגענדע קליינע שטוב־סצענעס רעדען פאַר זיך אַליין. אַמאָל האָט טיק געהערט ווי דער אַלטער האַרדענבערג האָט זיך געבייזערט און געזידעלט אין א דערביייאיג צימער. „וואָס איז גע־

שעהן?" האָט ער נייגיריג געפרעגט ביי דער דינסט, וועלכע איז אריינגעקומען. „גאָרניט, איז געווען דער טרוקענער ענטפער, דער בעל הבית גיט בלויז אַ ביבעל לעקציע". דער אַלטער הארדענבערג האָט געהאַט די געוואוינהייט צו פירען די רעליגיעזע איבונגען פון דער פאַמיליע, און אין דער זעלביגער צייט צו עקזאַמינירען די יונגערע קינדער אין רעליגיעזע ענינים, און דאָס האָט ניט זעלטען געבראַכט צו אַ פאַמיליען שטורעם.

אזוי האָט אויסגעזעהן פרידריך פאָן הארדענבערג'ס היים. ער איז געווען אַ פאַרטרוימט, איידעל קינד, אַ פאַרשטענדיגער, אַמביציעזער בחור. אין 1791 איז ער אַוועק קיין יענאַ צו שטודירען יוריספּרודענץ. דאָס איז געווען אין דער בליהונג־צייט פון יענעם אוניווערזיטעט, וואָס צווישען זיינע פּראָפּעסאָרען האָבען זיך געפונען אַזעלכע מענשען ווי רייגהאָלד, פיכטע און שילער. שילער'ס לעקציעס האָבען באַזונדערס אויפגערודערט נאָוואַליס'עס גייסט, און דער דיכטער איז געווען פאַר'ן יונגען מאַן „דער פולקאָמער מוסטער פון דער מענשהייט". פיכטע'ן, מיט וועמען ער האָט זיך אויך באַקאַנט, האָט ער גערופען „דער גרעסטער געבער פון דער נייער וועלט־אָרדנונג". קיינער האָט אין יענער צייט ניט געקענט פאָראויסזעהן אינ'ם יונגען הארדענבערג דעם קומענדען כהן גדול פון אַבסקוראַנטיזם.

אין יענע יוגענדליכע טעג געפינען מיר איהם שטאַרק אריינגעטאָן אין שטודירען זיין אייגענעם „איך". ער בייט כסדר זיינע פּלענער. אָט באַשליסט ער צו זיין אַ פליסיגער מתמיד, און אָט — אַוועקצואוואַרפען דעם שטודיום פון דער וויסענשאַפט און ווערען אַ סאָלדאַט. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, אָבער די מענשען וועלכע ער האָט אין יענער צייט געהאַלטען פאַר זיינע מאָדעלען, זיינען געווען די פריינד פון פרייהייט וואָס זיינען אין דער זעלביגער צייט געווען די אַפּאָסטאָלען פון דער תורה פון אוטיליטאַריאַניזם*). ער שרייבט צו זיין ברודער: „קויף פראַנקלינ'ס אויטאָביאָגראַפיע און זאָל דער זשעני פון דעם בוך זיין דער פירער". טיילמאָל

---

*) דער געדאַנק אַז דאָס מענשליכע גליק איז באַגרינדעט אויף קאָנקרעטע נוצען. — איבערז.

הערען מיר פון א קליינער יוגענטליכער נארישקייט; ווידער און אָבעראמאָל איז ער אויף צרות צוליב חובות וואָס ער האָט אָנגענו־מען. אָבער ער רעדט זיך דורך מיט זיין פאָטער זעהר שכל'דיג, ווען דער לעצטער נעמט אָן צו ערנכט זיינע עבירה'לעך.

דער פאָטער און דער פעטער האָבען נאַטירליך באַטראַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע מיט שרעק און עקעל, אָבער פרידריך און זיין עלטערער ברודער זיינען געווען איהרע ווארעמסטע אָנהענ־גער.

אָבער אַזוי ווי אין זאַקסען איז אַלץ געפירט געוואָרען אויף א צו קליינעם מאַסשטאַב אז עס זאָל געפעלען פרידריכ'ס געשמאַק, האָט איהם זיין משפחה, דער פרייסישער מיניסטער (שפּעטער קאַנצלער) פאָן האַרדענבערג, פּאַרגעלייגט א שטעלע אין פרייסען. ער האָט זי אָבער ניט געקענט אָננעמען, ווייל זיין פאָטער האָט ניט געוואָלט דערלאָזען, אז ער זאָל ווערען אָן איינגעהער אין הויז פון זיין ליבעראַל געשטימטען שוועסטערקינד פון בערלין. ענדליך האָט מען איהם געשיקט קיין טענשטעט, לעבען ערפורט, צו קריגען פראַק־טישע ערפאַרונגען אין דורכפירען די געזעצען פון זאַקסישען קור־פירשטענטום, אונטער'ן אויסגעצייכענטען באַצירק ריכטער יוסט.

נאָוואַליס'עס ערשטער פריינד פון די ראָמאַנטיקער איז געווען פרידריך שלעגעל, מיט וועמען ער האָט זיך באַקאַנט אין יענא. ביידע האָבען געהאַט פיעל בשותפות'דיגס, און נאָוואַליס איז גלייך ארונטער אונטער שלעגעל'ס איינפלוס. צו איין און צוואַנציג יאָהר, שרייבט ער צו איהם: „פאַר מיר ביסטו געווען דער כהן גדול פון עלייסים**); דו האָסט פאַר מיר אַנטפּלעקט דעם גן עדן מיט'ן גיהנום; דורך דיר האָב איך פאַרזוכט פון עץ הדעת". דער יונגער האַרדענבערג ווייזט אַז ער איז לחלוטין פריי פון פּאָליטישען פאַר־אורטייל; ער האַלט שטאַרק פון שלעגעל'ס הויז־ווירט צוליב זיין „ערליכען רעפּובליקאַניזם", און ער לאַכט פון שלעגעל'ס שטרענג־קייט וואָס באַשולדיגט איהם און דעם דערמאָנטען הויז־ווירט פאַר

**) עלויסיס איז א שטאָט אין גריכענלאַנד, פון וואַנען עס שטאַמען אָפּ די וויכטיגסטע רעליגיעזע מיסטעריעס פון אַלטע צייטען. איבערז.

זייער טריישאַפט צום פרינצליכען הויז. ער האָט אַ זעהר הויכע מיינונג פון פרידריך שלעגלען אַלס קריטיקער, ער באַוואונדערט די פיינקייט פון די נעץ־לעכער פון זיין קריטישער נעץ, וואָס לאָזט ניט דורך קיין פיש, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, און ער רופט איהם „אַ לעסינג אָהן פלאָגיסטאָן.“***)

ווען שלעגעל האָט באַזוכט האַרדענבערג׳ן אין זיין היים, אין 1797, האָט ער איהם געטראָפען אין גאַנצען אַ צעבראָכענעם. אַ יונג מיידעל, סאָפי פאָן קין, וועמען ער איז געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען, איז גראָד דעמאָלט געשטאָרבען. זיין פאַרצווייפ־לונג האָט אָנגענומען די פאָרם פון בענקען נאָכ׳ן טויט, און ער האָט טיף געגלויבט אַז זיין קערפּער דאַרף זיך אונטערגעבען צום דאָזי־גען פאַרלאַנג זיינעם און צו זיין בענקשאַפט נאָך דער פאַרשטאָר־בענער. כאָטש ער האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע זעלבסט־מאָרד פּלענער, האָט ער אָנגערופען זיין טויט־פאַרלאַנג וואָס האָט איהם אַרומגענומען „אַ פעסטער באַשלוס וואָס וואָלט געמאַכט אַז דער טויט זאָל זיין אַ פרייוויליגער. אונטער׳ן איינפלוס פון אַזעלכע גע־דאַנקען האָט ער געשריבען זיינע „הימנען צו דער נאַכט“.

דער דאָזיגער איבערפלוס פון פאַרצווייפלונג, און אויך דער אומשטאַנד אַז סאָפי, וועלכע איז געשטאָרבען צו פופצעהן יאָהר, איז בלויז צוועלף יאָר אַלט געווען ווען ער האָט זיך אין איהר פאַר־ליבט, קוקט אויס צו זיין אַן עדות אַז עפּעס אומגעזונטעס און אומ־נאָרמאַלעס איז געווען אין נאָוואַליס׳עס כאַראַקטער. דער דאָזיגער איינדרוק ווערט נאָך שטאַרקער ווען מיר געפינען אויס, אַז בלויז מיט איין יאָר שפּעטער איז ער שוין אַ חתן געוואָרען מיט דער טאָכטער פון פאָן שאַרפענטיעה, דעם מינען אויפזעהער. עס איז גאַנץ אמת, ווי לאַ ראַשפוקאָ זאָגט, אַז די קראַפט פון אונזערע ליי־דענשאַפטען האָט גאָר קיין שייכות ניט צו זייער דויערהאַפטיגקייט; דאָך איז עס מאָדנע וואָס האַרדענבערג האָט זיך פּלוצלינג געקענט

***) מען האָט אַמאָל געגלויבט, אַז יעדע ברענענדיגע זאַך האָט זיך, אין מאָמענט פון ברענען, קאָמבינירט מיט אַ בעמישען שטאָף „פלאָגיסטאָן“, און אַז אָהן פלאָגיסטאָן קען קיין זאַך ניט ברענען. — איבערז.

טרייסטען מיט אַן אַנדערער, נאָך דעם ווי זיין פאַרגעניגען אין משך פון אַ יאָר צייט איז געלעגען אין געדאַנק וועגען טויט, רעדענדיג אַ גאַנץ יאָר עפּעס אַזוי ווי אַלץ וואָס איז איהם טייער ליגט אין טויט. עס איז געווען אַ שוואַכע אַנטשולדיגונג וואָס יוליע קוקט איהם אויס צו זיין אַ פאַרקערפּערונג פון סאָפי'ן, כאָטש אַזאַ פאַנטאַזיע איז ניט געווען קיין חידוש ווען מען געדענקט וויפיל די ראָמאַנטיקער האָבען זיך אָפּגעשטעלט אויפ'ן געדאַנק פון אַ פריהערדיגער עקזיסטענץ. אָבער דאָ, פּונקט ווי אומעטום אין האַרדענבערג'ס לעבען, קען מען לייכט דערקלערען אַ סך זאַכען, וואָס זעהען אויס צו זיין אומנאַטירליך, ווען מען פאַרשטעהט ריכטיג די אומשטענדען. סאָפי פאָן קין איז, זעהט אויס, געווען, פּונקט ווי אויגוסט ביימער, אַ זעהר פריהצייטיג קינד. ווען דער 23 יעריגער יונגערמאַן האָט זיך מיט איהר באַקאַנט האָט זי פאַרמאָגט אַלע מעלות פון אַ קינד קאָמבינירט מיט די מעלות פון אַ מיידעל. איהרע געזיכטשטריכען זיינען געווען אידעלע. איהר געקרייזעלטער קאָפּ איז געווען לייכט באַלאַנסירט, און אַ גאַנצע וועלט האָט געלעבט אין איהרע גרויסע, טונקעלע, אויסדרוקפולע אויגען. אַזעלכע וואָס זיינען געווען אומפּאַרטייאישער פון האַרדענבערג'ן האָבען זי גערופען „אַ הימליש וועזען."

סאָפי'ס ליכטיגע, גאַסטפריינדליכע היים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטאַרקען קאָנטראַסט לגבי דער היים פון'ם יונגען האַרדענבערג; די גאַנצע פאַמיליע האָט איהם (און אויך זיין עלטערן ברודער) באַצויבערט, און דאָס יונגע מיידעל איז געוואָרען זיין מוזע, זיין בעאַטריצע, זיין אידעאַל, כאָטש, וואָלט זי געלעבט, וואָלט זי איהם אפשר אַנטוישט מיט דעם וואָס זי וואָלט געוואָרען עולם הזה'דיג אָדער אומוויכטיג. ווען מיר דערמאָנען זיך אַז כמעט אין דערזעלביגער צייט ווען סאָפי איז געשטאָרבען, האָט האַרדענבערג אויך פאַרלוירען זיין ברודער עראַסמוס, וואָס צו איהם איז ער געווען צוגעקניפּט מיט אַן אינטימער און שעהנער פריינדשאַפט, קענען מיר זיך שוין ניט חידוש'ן וואָס איהם האָט זיך אויסגעוויזען אַז דאָס לעבען האָט פאַרלוירען יעדען רייץ. ער האָט באַטראַכט דעם טויט ניט בלויז אין ליכט פון אַ באַפרייאונג; זיין מיסטישע נייגונג האָט, ווי שוין דערמאָנט, געבראַכט איהם צו רעדען דערפון ווי וועגען „אַ פריייוויליגען קרבן". אין יענער צייט האָט ער געשריבען אין זיין טאָג־בוך: „מיין טויט וועט זיין אַ באַווייז אַז איך

פאַרשטעהן אין שאַץ אַפּ דאַס, וואָס איז דאָס העכסטע; עס וועט זיין אַן אמת'ער קרבן, ניט קיין אַנטלויפען, ניט קיין אויסוועג". אין דער צייט פון דאָזיגען קריזיס נעמט ער זיך ווענדען אין דער ריכטונג פון פּאָזיטיווען קריסטענטום. ער האָט ניט געטראַכט צו ווערען אַן אנהענגער פון אַ באַשטימטער קירך, אָדער גלויבען אין אַ באַשטימטער צאָל דאָגמעס, נאָר אָט די היידנישע בענקשאַפט נאָכ'ן טויט האָט באַקומען אַ קריסטליכע קאָליר. זיין טיף, גייסטיג לעבען איז שוין געווען אַזאַ, אַז ווען ניט דער איינפאַלוס פון דער צייט, וואָלט ער פונקט אַזוי גוט געקענט ווערען אַן אַנטשלאָסענער געגנער פון יעדער קירכליכער דאָקטרין. זיין גייסטיגער צושטאַנד איז מסתמא געווען אַזאַ ווי פרידריך שלעגעל האָט אָנגעוויזען בעת ער האָט צו איהם געשריבען אין אַ יאָר אַרום: „מעגליך אַז דו האָסט נאָך, מיין פריינד, די ברירה אויסצוקלייבען צי דו זאָלסט זיין דער לעצטער קריסט, דער ברוטוס פון דער אַלטער רעליגיע, אָדע דער קריסטוס פון דער נייער תורה". באַלד דערנאָך האָט ער זיינס אויסגעקליבען.

אין דעצעמבער 1798 פיהלט ער נאָך אַלץ, ווען ער פאַרגלייכט זיך מיט זיין פריינד יוסט, אַז ער איז בלויז דער אַפּאָסטאָל פון ריי־נער גייסטיגקייט. ער פאַרלאָזט זיך ניט, ווי יוסט „מיט קינדישען גלויבען אויף די אומפאַרענדערליכע ווערטער פון אַ מיסטעריעזען אַלטען דאָקומענט". ער וויל ניט זיין געבונדען פון אַ בוכשטאַב, און איז גענייגט צו געפינען זיין אייגענעם וועג צו דער אור־אַלטער וועלט. ער זעהט אין די קריסטליכע דאָקטרינעס אַ פאָראויס־גע־צייכענטען סימן פון דער קומענדיגער אַלוועלטליכער רעליגיע. ער שרייבט צו יוסט'ן: „אין אָט דעם באַגריף פון רעליגיע וועסטו בלי ספק איינזעהן איינעם פון די פיינסטע עלעמענטען פון מיין נשמה, דהיינו, פאַנטאַזיע". מיט אַנדערע ווערטער, ער אַנערקענט אַז פאַנ־טאַזיע ליגט אין סאַמע פונדאַמענט פון זיין רעליגיעזער אַנטוויקלונג.

אין זעלביגען יאָהר (1798) האָט ער געשיקט עטליכע פראַג־מענטען צו ווילהעלם שלעגלען צו פאַרעפענטליכען אינ'ם „אַטענע־אום", מיט דער בקשה אַז דער נאָמען פונ'ם שרייבער זאָל זיין נאָ־וואַליס „וואָס איז אַן אַלטער פאַמיליען נאָמען און ניט אין גאַנצען אומפּאַסיג".

טיק האָט באַגעגנט נאָוואַליס׳ן צום ערשטען מאָל בעת ער האָט באַזוכט יענאַ, אין זומער פון 1799. אויגוסט ווילהעלם שלעגעל האָט זיי צוזאַמען געבראַכט, און זיי זיינען באַלד געוואָרען איבערגעגעבענע פריינד. דעם ערשטען אָוונט האָבען די דריי פאַרבראַכט אין אַן ערנסט געשפרעך עפּענענדיג איינער פאַר׳ן צווייטען זייערע הערצער. נאָך האַלבער נאַכט זיינען זיי אַרויס צו געניסען די שעהנקייט פון דער זומער נאַכט. „די פולע לבנה, זאָגט קעפּקע, האָט באַגאָסען מיט אַ צויבערדיגען שיין די בערגיגקייט אַרום יענאַ". באַגינען האָבען טיק און שלעגעל באַלייט נאָוואַליס׳ן אַהיים. טיק האָט פאַראייביגט דעם דאָזיגען אָוונט אין „פאַנטאַסוס".

נאָוואַליס האָט געשריבען זיין הויפּט ווערק „היינריך פאָן אָפטערדינגען" אונטער טיק׳ס איינפלוס. בעת ער האָט עס געהאַלטען אין שרייבען האָט שווינדזוכט פאַרענדיגט זיין לעבען. ער איז געשטאָרבען צו ניין און צוואַנציג יאָהר, בלויז צוויי יאָהר נאָך דעם ווי ער האָט באַגעגנט טיק׳ן און א. וו. שלעגלען, וואָס איך האָב פריהער דערמאַנט. דער דאָזיגער פריהצייטיגער טויט, אַ וואונדערבאַרע מדרגה פון אָריגינאַליטעט און פיעל פערזענליכע שעהנקייט האָבען צוזאַמען געשאַפען אַרום נאָוואַליס׳ן אַ פּאָעטישע אַטמאָספערע. ער איז געוועזען דער הייליגער יוחנן פון דער נייער באַוועגונג, און אויך זיין אויסערליכער קוק איז ענליך געוועזען צום רוחניות׳דיגסטען פון די אַפּאָסטאָלען. זיין שטערען איז געוועזען כמעט דורכזיכטיג, און זיינע ברוינע אויגען האָבען געלויכטען מיט וואונדערבאַרען גלאַנץ. אין די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבען האָט מען געקענט לייענען אין זיין פּנים אַז איהם איז באַשערט נעוועזען אַ פריהצייטיגער טויט.

נאָוואַליס איז אַלט געווען זיבעצעהן יאָר ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען. ווען מען וואָלט געבעטען צו געבען אַ דעפיניציע פון דער הויפּט אידעע פון אָט דער גרויסער באַוועגונג, וואָלט מען געקענט זאָגען, אַז זי איז געווען די צעשטערונג פון אַלץ וואָס איז געווען בלויז טראַדיציאָנעל און דער פאַרלאַנג אָוועקצושטעלען די מענשליכע עקזיסטענץ אויף אַ באָדען פון ריינעם שכל דורך אָפּרייסען זיך פון אַלץ וואָס איז היסטאָריש. די דענקער און העלדען פון דער רעוואָלוציע דערלאָזען אַז דער שכל

זאָל, אזוי צו זאָגען, אַלץ פּאַנאַנדעררודערן, כדי דער שכל זאָל אויף ס'ניי אַלץ איינשטעלען. כּמעט נאָוואַליס איז טויב צו יעדען סאָציאַלען און פּאָליטישען רוף פון זיין צייט, און בלינד צו אַלע איהרע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען, און כּמעט ער ענדיגט מיט דער פּאָסקודנעסטער און עקעלדיגסטער רעאַקציע, איז ער פון דעסטוועגען ניט בלויז באַאיינפלוסט, נאָר — אַלץ אומבאַוואוסטזיניג — לחלוטין דורכגעדרונגען מיט'ן גייסט פון דער צייט. צווישען איהם — דעם שטילען, אינטראָספּעקטיווען (זעלבסט־באָאָבאַכטענדיגען), טרייען זאַקסישען אַסעסאָר — און די אָרימע „סאַנקילאָטען“ — וואָס האָבען געאיילט פון פּאַריז צו דער גרענעץ זינגענדיג די מאַרבעלעזע און פאָכענדיג מיט דער דריי־קאָלירטער פאָהן — איז פאַראַן די פונדאַמענטאַלע ענליכקייט וואָס ביידע פאַרלאַנגען מען זאָל חרוב מאַכען די גאַנצע אויסערליכע וועלט און בויען אַן אינערליכע. נאָר זייער אינערליכע וועלט איז דער שכל, זיינע — די נשמה; פאַר זיי איז נויטיג דער שכל מיט זיינע פאָדערונגען און פאָרמולעס: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט; פאַר איהם — די נשמה מיט איהר מאָדנעם נאַכטליכען אומעט, וואו ער שמעלצט אַלץ פאַנאַנדער און געפינט אויף דער דנאָ פונ'ם שמעלץ אויוון דאָס גאָלד פון דער נשמה — נאַכט, קראַנקהייט, מיסטיציזם און ליידענשאַפט.*)

אַלזאָ ניט קוקענדיג אויף זיין ווילדער שנאה צו זיין צייט, האָט נאָוואַליס צו איהר געהערט; כּמעט ער איז געווען דער דירעקטער געגנער פון איהר גאַנצער אויפקלערונג און שעהנע אידעען, איז ער, צו להכעיס זיך אַליין, געווען אונטער'ן איינפלוס פון איהר גייסט.

דאָס וואָס ביי פיכטע'ן און ביי די מענשען פון דער רעוואָלוציע איז קלאָרער שכל וואָס פאַרשטעהט און פּרובירט אַלץ, איז ביי נאָוואַליס'ן אַן אַלץ דורכדרינגליכע זעלבסט־אַריינגעטונקייט וואָס ווערט אַן אמת'ע ליידענשאַפט. וואָרים דער נייער גייסט האָט איהם אזוי פעסט ארומגענומען אַז ער האָט זיך, אזוי צו זאָגען, אַרומגעוויקעלט אַרום זיינע נערוועז, פאַראורזאַכענדיג אַ מין ליידענשאַפטליכע אויפגערייצטקייט. דאָס וואָס ביי זיי איז אַבסטראַקטע פריי־

*) A. Ruge, Werke I, 247, etc.

הייט, די פרייהייט ווידער אָנצוהייבען אַלץ פון׳ם אָנהייב, איז ביי איהם די הפקר׳דיגע פאַנטאַזיע, וואָס בייט אַלץ, וואָס לייזט אויף נאַטור און געשיכטע אין עמבלעמען און מיטען, כדי זיך צו קענען פריי שפּילען מיט אַלץ וואָס איז אויסערליך, און זיך צעלאָזען אָהן אַן אָפּהאַלט אין טראַכטען וועגען זיך. ווי אַרנאַלד רוגע דריקט עס אויס: „מיסטיציזם, וואָס איז טעאָרעטישע ליידענשאַפט, און ליידענשאַפט, וואָס איז פּראַקטישער מיסטיציזם, געפינען זיך אין נאָוואַליס׳ן אין גלייך שטאַרקע פּראָפּאָרציעס.

נאָוואַליס אַליין ווייס גאַנץ גוט, אַז זיין כראָניש־קראַנקע פאַנטאַזיע, ניט קוקענדיג אויף איהר גאַנצער כלומר׳שטער רוחניות, איז גענייגט צום גשמיות׳דיגען. שרייבענדיג צו קאַראָלינע שלעגלען איבער „לוצינדע“, זאָגט ער: „איך וויים אַז די פאַנטאַזיע ווערט צום מעהרסטען צוגעצויגען פון׳ם אוממאָראַלסטען, פון׳ם חיה׳ש־סטען; איך וויים אָבער אויך ווי חלום־אַרטיג די גאַנצע פאַנטאַזיע איז, ווי זי האָט ליב נאַכט, זינלאָזיגקייט און איינזאַמקייט“. ער באַשטעטיגט דאָ וועגען דער פאַנטאַזיע בכלל דאָס, וואָס מען האָט געקענט אָנווענדען ספּעציעל אויף זיינער.

טיק שרייבט ענטוזיאַסטיש וועגען מוזיק, וואָס לערנט אונז צו „פיהלען דאָס געפיהל“. נאָוואַליס איז אַ לעבעדיגע אויסטייטשונג פון די דאָזיגע ווערטער. דער, וואָס זיין צוועק איז געפיהל, אומ־באַגרענעצט, אומפאַראַנטוואָרטליך געפיהל, וויל אַליין פיהלען, און ער מאַכט קיין סוד ניט פון׳ם פאַקט, אַז ער זוכט דעם דאָזיגען גענוס. דערפאַר איז ביי איהם קראַנקייט בילכער ווי געזונט, ווייל דער קראַנקער פיהלט תמיד זיין אייגענעם קערפּער, וואָס דער גע־זונטער פיהלט ניט. פּאַסקאַל און אונזער אייגענער קירקעגאַרד, האָבען זיך באַפרידיגט דערמיט וואָס זיי האָבען דערקלערט אַז קראַנקייט איז די נאַטירליכע לאַגע פון אַ קריסט. נאָוואַליס נעהט פיעל ווייטער. פאַר איהם איז דאָס העכסטע, דאָס איינציג אמת׳ע לעבען, דאָס לעבען פון׳ם קראַנקען. „לעבען איז אַ קראַנקייט פון׳ם גייסט“. פאַרוואָס? ווייל בלויז אין לעבעדיגע מענשען פיהלט דער וועלט־גייסט זיך אַליין, דערגרייכט ער די מדרגה פון זעלבסט־באַ־וואוסטזיין. און ניט ווייניגער חשוב ווי קראַנקייט איז ביי נאָוואַ־ליס׳ן ליידענשאַפט, גשמיות׳דיגער תענוג. פאַרוואָס? ווייל דאָס

איז איינפאַך און אַנגערעגט און — צוליב דעם איז עס אין זיינע אויגען — קרענקליך זעלבסט־באַוואוסטזיין, און אומאַנטשלאָסענער קאַמף צווישען פאַרגעניגען און וועהטאָג. „וואָלט נאָר דער מענש, זאָגט ער, געקענט אָנהייבען ליב צו האָבען קראַנקייט און ליידען, וואָלט ער מסתמא אין זייערע אָרעמס איבערגעלעבט דעם זיסטען תענוג, און געפיהלט דעם ציטער פון׳ם העכסטען, פּאָזיטיווען פאַרגעניגען... הייבט זיך דען ניט אָן דאָס בעסטע אין דער וועלט ווי אַ קראַנקייט? אַ האַלבע קראַנקייט איז שלעכט, ווירקליכע קראַנקייט איז אַ פאַרגעניגען, און איינס פון די העכסטע פאַרגעניגענס". און אַנדערשוואו שרייבט ער וועגען אַ מיסטישער קראַפט „וואָס זעהט אויס צו זיין די קראַפט פון פאַרגעניגען און וועהטאָג, וואָס איהר דערקוויקענדיגע ווירקונג באַמערקט זיך אַזוי בולט אין ליידענשאַפטליכע געפיהלען".

נאָוואַליס׳עס ליידענשאַפטליך פאַרגעניגען פון קראַנקייט איז פּונקט ווי דעם פּרומאַק׳ס איבערצייגונג אין זיין זינד, די גייסטיגע קראַנקייט וואָס איז אין דער זעלביגער צייט אַ ליידענשאַפטליך פאַרגעניגען. נאָוואַליס אַליין ווייס גאַנץ גוט פון אָט דער ענליכקייט. ער זאָגט: „די קריסטליכע רעליגיע איז די ליידענשאַפטליכסטע רעליגיע. דער גרעסטער אָנשטויס צו ליבען דעם בורא עולם איז זינד; וואָס זינדיגער אַ מענש פיהלט זיך אַלץ מעהר קריסט איז ער. אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט גאָט איז דער צוועק פון ליבע און פון זינד". און ווייטער: „עס איז אַ וואונדער וואָס די באַשיינפערליכע אַסאָסיאַציע צווישען גשמיות׳דיגקייט, רעליגיע און גרויזאַמקייט האָט שוין לאַנג ניט געצויגען דעם מענשענס אויפמערקזאַמקייט צו זייער קרובה׳שאַפט און בשותפות׳דיגע טענדענצען."

און פּונקט ווי פאַר נאָוואַליס׳ן איז קראַנקייט בילכער ווי געזונט, אַזוי איז פאַר איהם נאַכט בילכער ווי טאָג מיט זיין „חוצפה׳דיג ליכט".

אַ ווידערגעפיהל צום טאָג און טאָג־ליכט איז געווען פאַרשפּרייט צווישען די ראָמאַנטיקער. איך האָב אָנגעוויזען דערויף אין „וויליאַם לאָוועל". נאָוואַליס דריקט בלויז אויס אַ הויכע מדרגה פון׳ם אַלגעמיינעם געפיהל אין זיינע בארימטע „הימנען צו דער

נאכט". אז ער זאל ליב האבען די נאכט איז לייכט צו פארשטעהן. די נאכט טרייבט דעם „איך" אריין אין זיך אליין דורך באהאלטען פאר איהם די ארומיגע וועלט; ממילא איז דאס געפיהל פאר דער נאכט און זעלבסטבאוואוסטזיין איינס און דאס זעלביגע. דער עקסטאז פון'ם געפיהל פאר דער נאכט ליגט אין איהר שרעק. לכתחילה קומט די מורא פאר'ן איינצעלנעם בעת אלץ ארום איהם פארשווינדט אין דער פינסטערניש אזוי, אז ער פארשווינדט פון זיך אליין. דערנאך קומט דער אנגענעמער ציטער בעת דאס זעלבסט־באוואוסטזיין שווימט ארויס שטארקער פון פריהער א דאנק דער דאזיגער מורא.

אין איינעם פון זיינע פראגמענטען רופט נאוואליס אן דעם טויט א חופה־נאכט, א זיסע מיסטעריע און ער גיט צו:

Ist es nicht klug, fur die Nacht ein geselliges Lager zu suchen?
Darum is kluglich gesinnt, wer auch Entschlummerte liebt.'' *)

די דאזיגע אידעע איז אזוי פולשטענדיג פארקערפערט אין דער ראמאנטישער וועלט־אנשויאונג, אז אין ווערנער'ס דראמע „די קרייץ־ברידער", זאגט דער העלד אין דער רגע איידער מען פירט איהם צום פארברענען:

''Den Neid verzeih' ich,
Die Trauer nicht. O unaussprechlich schwelg' ich
In der verwandlung Wonn', in dem Gefuhl
Des schonen Opfertodes! O mein Bruder!
Nicht war? es kommt die Zeit, wo alle Menchen
Den Tod erkennen—freudig ihn umarmen,
Und fuhlen werden, dass dies Leben nur
Der Liebe Ahnung ist, der Tod ihr Braut kuss,
Und sie, die mit der Inbrunst eines Gatten,
Im Brautgemach, uns vom Gewand entkleidet—
Verwesung, Gluterguss der Liebe ist!'' *)

---

*) איז דען ניט ריכטיג צו זוכען א שותף אין בעט פאר דער נאכט? דערפאר זיינען קלוג יענע מענשען וואס האבען די טויטע אויך ליב.

*) די קנאה בין איך מוחל, דעם טרויער — ניט. איך קען ניט אויסדריקען ווי איך פרעה זיך מיט'ן גליק פון מיין פארוואנדלונג, מיט'ן געפיהל

לעבען און טויט זיינען ביי נאוואליס׳ן בלויז „רעלאטיווע אידעען“. די טויטע זיינען האלב לעבעדיג, די לעבעדיגע — האלב טויט. אט דער געדאנק איז דאס ערשטע וואס מאכט פאר איהם דאס לעבען אינטערעסאנט. אין ערשטען ליד פון זייגע „הימנען צו דער נאכט“ שרייבט ער: „איך ווענד זיך צו דיר, הייליגע, אומבאשרייבליכע, מיסטעריעזע נאכט! ווייט, ווייט ליגט די וועלט, אזוי ווי פארזונקען אין א טיפען קבר, פארלאזען און איינזאם וואו זי געפינט זיך. די סטרונעס פון מיין הארץ ציטערן מיט טרויער... האסטו פארגעניגען פון אונז ווי מיר פון דיר, פינסטערע נאכט?... א טייערער באלזאם טריפט פון דיינע הענט, פון דיינע מאן־גארבען... דו וויקעלסט אויף די שווערע פליגעל פון דער נשמה... ווי ארים, ווי קינדיש קוקט אויס דער טאג, ווי פרייליך און געבענשט— זיין אוועקגעהן!... פיעל הימלישער ווי די פינקלענדיגע שטערען זיינען די מיליאסען אויגען וואס די נאכט עפענט אויף אין אונז. זיי זעהען ווייטער ווי די ליכטיגסטע פון יענע מיליאנען מחנות; אהן ליכט קוקען זיי אריין אין די טיפענישען פון דער ליבענדיגער נשמה, און איהרע הויכע ערטער זיינען פול מיט אומאויסדריקליכען עקסטאז. געלויבט זאל זיין די קעניגין פון דער ערד, די מאיעסטעטישע אנטפלעקערין פון הייליגע ווערטער, די היטערין פון דער געבענשטער ליבע! זי שיקט מיר דיך, מיין געליבטע, זיסע זון פון דער נאכט. איצט בין איך וואכעדיג, ווארים איך בין דיינער און מיינער. דו האסט מיר געגעבען די באלעבענדיגע תורה פון דער נאכט, האסט מיך געמאכט פאר א מענשליכער בריאה. פארצער מיין קערפער מיט די גליהענדיגע פלאמען פונ׳ם גייסט, כדי איך זאל זיך מיט דיר צוזאמענמישען אויף א נאך גייסטיגערן אופן, נאך נעהנטער, און זאל די חופה־נאכט זיין אן אייביגע.“

פון שעהנעם קרבן־טויט. א מיין ברודער,
עס קומט דאך זיכער די צייט ווען אלע מענשען
וועלען דערקענען די טויטע, זיי ארומנעמען מיט שמחה
און וועלען פיהלען אז דאס לעבען איז בלויז
א פארגעפיהל פון ליבע, דער טויט — איהר כלה־קוש,
און דאס וואס נעמט אונזערע קליידער ארונטער
אינ׳ם כלה־שטיבעל, מיט דער ליידענשאפט פון א חתן,
איז די אויפלייזונג און דאס פייער פון דער ליבע.

מען פיהלט דעם פיבערישען פארלאנג פונ׳ם שווינדזיכטיגען אין דאָזיגען השתפכות הנפש. א פאראלעלע ציטאַטע פון „לוצינדע״ איז: „אַ זומענדליכע בענקשאפט! אַבער עס קומט די צייט ווען דער פרוכטלאָזער פארלאנג און אומזיסטע טעות׳ן פונ׳ם טאָג וועלען שטארבען און פארשווינדען, און די גרויסע נאכט פון ליבע וועט ברענגען אייביגען שלום״. די געדאנקען פון אַט די צוויי ראָמאַנ־טישע ליבהאָבער פון דער נאכט טרעפען זיך צוזאמען אין אַט דער אידעע פון אן אייביגער אומארמונג.

אין דאָזיגען ענטוזיאזם פאר דער נאכט ליגט די זריעה פון רעליגיעזען מיסטיציזם. ביי יוסטינוס קערנער׳ן (וואָס דערמאָנט אָן יונג סטילינג׳ען) ווערט די פארטייאישקייט בנוגע דעם מיסטעריעזען א גלויבען אין שדים און א מורא פאר גייסטער. אין געוויסע שריפ־טען פון די שפעטערע ראָמאַנטיקער, למשל אין אכים פאָן ארנים׳ס „די שעהנע איזאבעלא פון עגיפטען״ זיינען העלפט פון די העלדען גייסטער. מיסטיציזם איז א פונדאמענטאלער עלעמענט אין קלע־מענס ברענטאנאָ׳ס קונסט, אפילו דאָרט וואו ער צייכענט זיך אויס, און דאָס גיט צויבער און קאָליר צו זיינע שילדערונגען.

נאָוואַליס אליין שילדערט מיסטיציזם ווי א ליידענשאפט — ''ein wollustiges Wesen'' — כדי ריכטיג צו פארשטעהן אָט דעם אויסדרוק, דארפען מיר זיך אריינטראכטען אין זיינע הימנען.

Hinuber wall' ich
Und jede Pein
Wird ernst ein Stachel
Der Wollust sein.
Noch wenig Zeiten
So bin ich los
Und liege trunken
Der Lieb' im Schloss *)

---

*) איך געה אַהין,
און יעדע פיין
וועט זיין אַ ציטער
פון גרויס תענוג,
אין אַ קורצער צייט אַרום
וועל איך זיין פריי
און ליגען פאַר׳שכור׳ט
אין שויס פון דער ליבע.

נאָך א פשוט'ערן אויסדרוק פון דער עקסטאַטישער ליידענשאַפט פונ'ם גשמיות'דיגען „איך” געפינט מען אין א סאַקראַמענטליכען הימן ((נומער 7 פון די „גייסטיגע לידער”) : „ווייניג מענשען ווייסען דעם סוד פון דעם לעבען; פיהלען אַן אייביגען הונגער, אַן אייביגען דורשט. די געטליכע באַדייטונג פונ'ם „אָווענט־מאָלצייט” איז אַ רעטעניש פאַר'ן ערדישען חוש. אָבער דער וואָס זויגט דעמאָלט דעם לעבענס־אָטעם פון היים געליבטע ליפּען, ווען די ציטעריגע כוואַליעס פון הייליגען פייער צעשמערצט דאָס הארץ, ווען די אויגען האָבען זיך געעפענט, אז ער קען מעסטען די טיפענישען פון הימעל וואָס מען קען ניט דערגרונ־טעווען, — וועט אייביג עסען פון „זיין” ליבע און טרינקען פון „זיין” בלוט. ווער איז שוין דערגאַנגען דעם העכסטען זין פונ'ם גוף? ווער קען זאָגען אז ער פאַרשטעהט דאָס בלוט? אמאָל וועלען אלע קערפּער זיין איינס, איין גוף, דעמאָלט וועט די געבענשטע פּאָר שווימען אין הימלישען בלוט. אָ, הלואי וואָלט דער וועלט־ים זיך שוין גענומען רויטלען און פון פעלז וואָלט שוין געוואָרען שמעקעדיג פלייש. דאָס זיסע מאָלצייט ענדיגט זיך קיינמאָל ניט, די ליבע ווערט קיינמאָל ניט זאַט. קיינמאָל קען זי איהר געליבטען ניט האָבען גענוג אינטים, גענוג נאָהענט צו זיך. דאָס גענאָסענע ווערט פאַרוואַנדעלט פון אלץ צערטליכערע ליפען, אינטימער, נעהענטער. א הייסערע ליידענשאַפט וויברירט דורך דער נשמה. אלץ דורשטיגער און דורשטיגער ווערט דאָס הארץ. און אַזוי דויערט דער גענוס פון ליבע פון אייביגקייט צו אייביגקייט. וואָלטען די ניכטערע מענשען איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם, וואָלטען זיי אלץ פאַרלאָזען, און וואָלטען זיך געזעצט ביי אונזער טיש פון בענקשאַפט, וואָס איז קיינמאָל ניט ליידיג. זיי וואָלטען פאַרשטאַנען די אומענדליכע פולקייט פון דער ליבע, און הויך געהאַלטען דעם שפּייז פון פלייש און בלוט.*)

---

*) Wenige wissen
Das Geheimnis der Liebe,
Fuhlen Unersattlichkeit
Und ewigen Durst.
Des Abendmahls

די דאָזיגע שורות גיבען אונז אן אויסגעצייכענטע אידעע פון דער נאַטור און די הויפּט כאַראַקטער־שטריכען פון'ם מיסטיציזם. דער מיסטיציזם בלייבט ביי אַלע אלטע רעליגיעזע פאָרמען, נאָר ער פיהלט אויף אַן אמת זייער באדייטונג. ער רעדט די זעלביגע שפּראַך וואָס די אָרטאָדאָקסיע, נאָר ער מאַכט פון א טויטער שפּראַך א לעבעדיגע. דאָ ליגט דער סוד פון זיין נצחון אין דער מיטעלאלטער איבער דעם טרוקענעם, פאָרמאַלען סכאָלאַסטיציזם וועלכען ער האָט פאַרצערט מיט זיין פלאַם. דאָס האָט איהם גע־מאַכט פאַרן' פאָרגעהער פון דער רעפאָרמאַציע. דער מיסטיקער דאַרף ניט קיין דאָגמעס פון דרויסען; אין זיין פרומען עקסטאַז איז ער זיין אייגענער גלח. נאָר אַזוי ווי זיין גייסטיג לעבען איז דורכאויס אַן אינוויינינג לעבען, שאַפט ער די אויסערליכע דאָגמע ניט אָפּ, און סוף כל סוף ווערט ער אין דער אמת'ן א גלח.

אין מיסטיש נביאישע ווערטער זאָגט נאָוואַליס אָן וועגען דעם אָנקומען פון דער נייער מלוכה פון הייליגער פינסטערניש:

Gottliche Bedeutung
Ist den irdischen Sinnen Ratsel;
Aber wer jemals
Von heissen, gelibten Lippen
Atem des Lebens sog,
Wem heilige Glut
In Zitternden Wellen das Herz Schmolz
Wem das Auge aufging
Das er des Himmels
Unergrundliche Tiefe mass,
Wird essen von seinem Leibe
Und trinken von seinem Blute
Ewiglich
Wer hat des irdischen Leibes
Hohen Sinn erraten?
Wer kan sgen
Dass er das Blut versteht?
Einst ist alles Leib
Ein Leib,
In himmlischen Blute
Schwimmt das selige Paar.
O! dass das Weltmeer
Schon errotete
Und in duftiges Fleisch
Aufquolle der Fels!

Es bricht die neue Welt herein
Und verdunkelt den hellsten Sonnenschein.
Man sieht nun aus bemoosten Trummern
Eine wunderseltsame Zukunft schimmern,
Und was vordem alltaglich war,
Scheint jetzs fremd und wunderbar.
Der Liebe Reich ist aufgethan,
Die Fabel fang zu spinnen an.
Das Urspiel jeder Natur beginnt,
Auf kraftige Worte jedes sinnt,
Und so das grosse Weltgemuht,
Ueberall sich regt und unendlich bluht.

Die Welt wird Traum, der Traum wird Welt,
Und was man glaubt, es sei geschehn,
Kann man von weiten erst kommen sehn;
Frei soll die Phantasie erst schalten,
Nach ihrem Gefallen die Faden verweben,
Hier manches verschleiern, dort manches entfalten,
Und endlich in Magischen Dunst verschweben.

Nie sattigt die Liebe sich;
Nicht innig, nicht eigen genug
Kann sie haben den Geliebten.
Von immer zarteren Lippen
Verwandelt wird das Genossene
Inniglicher und naher.
Heissere Wollust
Durchbebt die Seele
Durstiger und durstiger
Wird das Herz
Und so wahret der Liebe Genuss
Von Ewigkeit zu Ewigkeit.
Hatten die Nuchternen
Einmal gekostet
Alles verliessen sie
Und setzten sich zu uns
An den tisch der Sehnsucht
Der nie leer wird.
Sie erkannten der Liebe
Unendliche Fulle,
Und priesen die Nahrung
Von Leib und Blut.

Wehmuth und Wollust, Tod und Leben
Sind hier in innigster sympathie,—
Wer sich den hochsten Lieb' ergeben,
Genest von ihren Wunden nie. *)

נאַכט, טויט, ליידענשאַפטליכער עקסטאַז, הימליש גליק — די דאָזיגע אידעען זיינען נאָך טיפער איינגעוועבט אין די פערזען איבער'ן בית עלמין טויער אין „היינריך פאָן אָפטערדינגען". די טויטע זאָגען:

Susser Reiz der Mitternachte
Stiller Kreis geheimer Machte,
Wollust rathselhafter Spiele
Wir nur kennen euch.
....

*) עס רייסט זיך אַריין די נייע וועלט
און דעם העלסטען זונען־שיין פאַרשטעלט.
דורך מאָך־באַדעקטע חורבות זעהט מען
אַ וואונדער פייערל פון דער צוקונפט
און דאָס וואָס פריהער איז וואָכעדיג געווען
זעהט איצט אויס פרעמד און וואונדערבאַר.
דאָס קעניגרייך פון ליבע איז אויפגעעפענט,
די פאַבעל פאַנגט זיך אָן צו שפינען.
די נשמה פון יעדער זאַך שטעהט אויף
און יעדע טראַכט פון מעכטיגע ווערטער,
אַזוי, אַז דאָס גרויסע וועלטגעמיט
וועקט זיך אומעטום און בליהט אָהן אַ סוף.
— — — — — — — — — — — — — — —
די וועלט ווערט חלום, דער חלום ווערט וועלט,
און דאָס וואָס מען גלויבט אַז ס'איז שוין געשעהן
קען מען בלויז זעהן אַז עס קומט אָן פון ווייטען.
זאָל די פאַנטאַזיע געוועלטיגען פריי
און וועבען די פעדים לויט איהר געשמאַק,
דאָ עפּעס פאַרשלייערן, דאָרטען — אַנטפּלעקען,
און צום סוף פאַרשווינדען אין כשופ'דיגען נעפּעל.
טרויער און תענוג, טויט און לעבען
אָטעמען דאָ אין אינטימער האַרמאָניע.
דער וואָס גיט זיך אָפּ דער העכסטער ליבע
היילט זיך קיינמאָל פון איהרע וואונדען ניט אויס.

Leiser Wunsche susses Plaudern
Horen wir allein, und schauen
Immerdar in sel'ge Augen,
Schmecken nichts als Mund und kuss.
Alles was wir nur beruhren,
Wird zu heissen Balsamfruchten,
Wird zu weichen garten Brusten,
Opfern kuhner Lust.

Immer wachst und bluht verlangen
Am geliebten festzuhangen,
Ihn im innern zu empfangen,
Eins mit ihm zu sein.
Seinem Durste nicht zu wehren,
Sich im Wechsel zu verzehren,
Von einander sich zu nahren,
Von einander nur allein.

So in Lieb' und hoher Wollust
Sind wir immerdar versunken,
Seit der wilde trube Funken
Jener Welt erlosch;

Seit der Hugel sich geschlossen
Und der Scheiterhaufen spruhte
Und den schauernden Gemuhte
Nun das Erdgesicht zrefloss. *)

---

*) זיסער רייץ פון האַלבער נאַכט,
שטילע, מיסטעריעזע מאַכט,
מאָדנע שפּיל פון ליידענשאַפטען,
מיר נאָר קענען אייך.

— — — — — — — — —

בלויז מיר הערען דאָס זיסע שעפּטשען
פון שטילע פאַרלאַנגען און קוקען
אייביג אריין אין גליקליכע אויגען,
פיהלען גאָרניט, חוץ ליפּ און קוש.
אַלץ וואָס מיר רירען נאָר אָן
ווערט אַ הייסע באַלזאַם פרוכט,

דער דאָזיגער מיסטיציזם, וואָס האַלט אַז די טויטע זיינען גליקליך ווייל ער דענקט אַז זיי זיינען פאַרטאָן אין כל'ע מינים ליידענשאַפטען, ווערט — אין דער פּראַקטיק — אַ סאָרט קוויע־טיזם*), ד. ה. דאָס איבערגעבען זיך צו אַ שטיל־וואַקסענדיג, פלאַנץ־אַרטיג לעבען, דאָס לעבען וואָס ווערט הויכגעשעצט אין „לוצינדע".

„די פלאַנצען, זאָגט נאָוואַליס, זיינען די פשוט'סטע שפּראַך אויף דער וועלט; יעדעס נייע בלאַט, יעדע וואונדערבאַרע בלום איז עפּעס אַ סוד וואָס זוכט זיך צו אַנטפּלעקען און וואָס בלייבט שטום און באַוועגלאָז בלויז דערפאַר ווייל זייענדיג פול מיט פרייד און ליבע קען זי ניט ריידען און זיך ניט באַוועגען. אויב אימיצער

ווערט אַ ווייכע, צאַרטע ברוסט,
אַן אָפּער פון טיפען פאַרלאַנג.

אייביג בליהען די פאַרלאַנגען,
דעם גליכטען אומצוהאַלדזען,
איהם אין האַרצען צו באַזיצען,
איינס צו זיין מיט איהם.
אייביג איהם זיין דורשט צו שטילען,
איינס דאָס אַנדערע פאַרצערען,
איינס פון אַנדערן זיך נערען,
איינס פון אַנדערן אַליין.

אין דער ליידענשאַפט און ליבע
זיינען אייביג מיר פאַרזונקען,
זינט עס האָבען זיך פאַרלאָשען
פון דער ערד די בלאַסע פונקען;
זינט דער קבר האָט פאַרמאַכט זיך
און דער שייטערהויפען ברענט,
און דער אַנבליק פון דער ערד
פאַר'ן ציטערדיגען האַרץ
האָט זיך אויפגעלייזט.

*) אַ רעליגיעזער מיסטיציזם וואָס האָט געהאַלטען אַז דער מענש דאַרף זיך אָפּזאָגען פון עולם הזה און זיין גלייכגילטיג צו אַלע וועלט־ליבע אינטערעסען. דער דאָזיגער געדאַנק איז געפּרעדיגט געוואָרען פון אַ סעקטע אין זיבעצעהנטען יאָרהונדערט. — איבערזעצער.

טרעפט אַן אין זיין איינזאַמקייט אַזאַ בלום, זעהט דען ניט אויס אַלץ וואָס איז אַרום איהר ווי פארענדערט? דוכט זיך ניט אַז די קליינע באַפליגעלטע זינגער זוכען צו זיין מיט איהר אין שכנות? אַ מענש קען וויינען פון צופרידענהייט, און, פארגעסענדיג די וועלט, קען ער אריינגראָבען, זיינע הענט און פיס אין דער ערד, שלאָגען וואָרצלען, און קיינמאָל ניט פארלאָזען די גליקליכע אַרומיגקייט.״

וואָסער איבערטריבענער סענטימענט! ער שאַפט זיין איי־גענע פאַראַדיע אין דער משוגענער לאַגע וואָס דערמאָנט אונז, דענער, אַן עפּעס ענליכעס אין האַלבערג׳ס Ulises von Ithacia

אין אַן אַנדער טייל פון „אפטערדינגען״ לייענען מיר: „בלומען זיינען פּונקט ווי קינדער... פּונקט ווי קינדער געפינט מען זיי צום נידעריגסטען, נעהענטער צו דער ערד; די וואָלקען זיינען אפשר אַנטפּלעקונגען פון דער צווייטער, דער העכערער קינדהייט, פונ׳ם צוריק געוואונענעם גן עדן; דערפאַר קומט עס וואָס זיי גיסען אַזאַ דערפרישענדיגען טוי אויף די קינדער פון דער ערד.״ אין ראָמאַנטישען זשאַרגאָן רעדט זיך אפילו פון דער קינדישקייט פון וואָלקענס. די נאַאיוויטעט רייסט זיך, און זי איז ניט צופרידען ביז זי דערגרייכט דעם הימעל. אַ פּאַלאַניום! אָט די נאַאיווע וואָלקענס זיינען די אמת׳ע, די ריכטיגע סימבאָלען פונ׳ם ראָמאַנטיזם.

אָבער אפילו אין די פלאַנצען און אין די וואָלקענס זיינען פאַראַן צופיעל שטרעבונגען און אומרוהיגקייט אַז די ראָמאַנטישע נשמה זאָל זיין צופרידען. אפילו דאָס שטילע וואַקסען איז ניט קיין לחלוטינ׳דיגע אָפּגעזונדערטקייט, קיין לחלוטינ׳דיגע איינגע־שטילטקייט. דאָס ציהען זיך פון דער פלאַנץ צו ליכט פארמאָגט אַ שטרעבונג ארויפצוצו דערפאַר איז אפילו דאָס פלאַנץ־לעבען ניט דאָס העכסטע. נאָוואַליס געהט אַ טראָט ווייטער פון פריד־ריך שלעגלען.

„דאָס העכסטע לעבען איז מאַטעמאַטיק. אָהן ענטוזיאַזם— קיין מאַטעמאַטיק. דאָס לעבען פון די געטער איז מעטעמאַטיק. ריינע מאַטעמאַטיק איז רעליגיע. מען דערגרייכט זי בלויז דורך אַנטפּלעקונגען. דער מאַטעמאַטיקער ווייס אַלץ. ווען דאָס וויסען

ווערט דערגרייכט ענדיגט זיך יעדע טעטיגקייט. דער צושטאַנד פון וויסען איז גליק, אַן עקסטאַטיש רוהיג נאָכדענקען, אַ הימלי־שע אָפּגעזונדערטקייט."

איצט האָבען מיר דערגרייכט דעם קלימאַקס. דאָס גאַנצע לעבען קריסטאַליזירט זיך אין טויטע מאַטעמאַטישע ציפערען.

דאָ ווערט דאָס נשמה לעבען אַזוי איינגעשרומפּען אַז עס קומט צו אַ שטילשטאַנד. עס קומט אויס ווי דער זייגער פון דער נשמה וואָלט אויפגעהערט צו קלינגען. יעדע הויכע שטרעבונג יעדע טענדענץ צו אומאָפּהענגיגער אַרבייט ווערט צוריק געטריבען און דערשטיקט צווישען די לופטלאָזע ווענט פון דער נשמה.

דערפאַר ווערט ביי אָט דעם פונקט די טיפע גייסטיגקייט פאַרוואַנדעלט אין אַ גראָבען מאַטעריאַליזם. בעת יעדע פעהיג־קייט אַרויסצוברענגען נייע אויסערליכע פאָרמען, ווערט ניט בלויז פאַרהאַסט, נאָר פּשוט צעשטערט, אין אַזאַ מאָמענט קומען מיר צום קריטישען פונקט, צום פונקט וואו אַלע איינגעפונדעוועטע אויסערליכע פאָרמען ווערען אַנערקענט און אָנגענומען, און וואָס געסט־באַשטימטער זיי זיינען, וואָס נעהענטער זיי קומען צו דער קריסטאַליזירטער פאַרשטיינערטקייט, אַלץ וויליגער נעמט מען זיי אָן, אַלץ זיכערער איז מען אַז בלויז זיי גיבען אַ מעגליכקייט פאַר אַ לעבען פון רוהיגען וואַקסען. נאָוואַליס מאַכט דעם שריט אין אַ וואונדערבאַרער עסיי „דאָס קריסטענטום אין איירָאָפּאַ", וואָס טיק האָט, דורך זיינע אויסמעקונגען, אומזיסט געפּרובירט צו־נישט צו מאַכען, און וואָס פרידריך שלעגעל האָט, דורך אויסלאָ־זען די וויכטיגסטע שטעלען, געמאַכט פון איהר אַ פאַרטיידיגונג פונ'ם קאַטאָליציזם.

אין זיין עסיי שרייבט ער אַזוי: „גליקליכע, גרויסאַרטיגע טעג זיינען געווען די טעג ווען איירָאָפּע איז נאָך געווען אַ קריסטליכער קאָנטינענט, די היים פון דער איינציגער, אומצע־טיילטער קריסטליכער רעליגיע... דער קלוגער פירער פון דער קירך האָט ריכטיג געשטעלט זיך אַנטקעגען דעם געוואַגטען אויפ־קלערען פון מענשליכען מח אויפ'ן חשבון פון רעליגיעזען גלוי־בען, און אַנטקעגען פריה־צייטיגע און געפערליכע אַנטדעקונגען אויפ'ן פעלד פון דער וויסענשאַפט. אַזוי האָט ער פאַרבאָטען די

וויסענשאַפטסלייט אָפּען אַרויסצוזאָגען אַז אונזער ערד איז אַן אומוויכטיגער פּלאַנעט, ווייל ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מענ־שען וועלען פאַרלירען יעדע אַכטונג צו זייער הימלישער היים און צו זייערע מיטמענשען צוזאַמען מיט דער אַכטונג פאַר דער ערדישער היים; אַז זיי וועלען גיכער אויסקלייבען אַ באַגרענעצט וויסען איידער אומבאַגרענעצטען גלויבען, און זיי וועלען קריגען די געוואוינהייט צו האַסען יעדע גרויסע און וואונדערבאַרע זאַך, פּשוט אַלס רעזולטאַט פון לעבענסלאָזע געזעצען."

מיר קענען זיך כמעט פאָרשטעלען אַז מיר הערען דאָ אַ מוסר דרשה פון עפּעס אַ גלח'ל פון אַכצעהנטען יאָה־הונדערט. און דאָך פיהלען מיר דעם דיכטער'ס אויסגעהאַלטענקייט. פּאָעזיע, וואָס האָט שילער'ן צוריקגעפירט קיין גריכענלאַנד. פירט נאָ־וואַליס'ן צוריק צו דער אינקוויזיציע, און רעדט איהם צו, פּונקט ווי זשאָזעף דע מעטער, צו האַלטען מיט איהר אַנטקעגען גאַלילעאָ'ן.

וועגען פּראָטעסטאַנטיזם זאָגט ער: „אַט דער גרויסער גייסטיגער אויפברוך, וואָס איז באַלייט געוואָרען פון אומגליקליכע מלחמות, איז געווען אַ וויכטיגער באַוויז פון'ם געפאַר פון אַ באַשטימטער מדרגה פון קולטור... די סעפּעראַטיסטען האָבען אָפּ־געזונדערט דאָס וואָס מען קען ניט אָפּזונדערען, זיי האָבען צו־טיילט די אומצעטיילבאַרע קירך, און חוצפה'דיג אָפּגעריסען זיך פון דער קריסטליכער געמיינשאַפט, וואָס דורך איהר, און נאָר דורך איהר אליין איז מעגליך אַ דויערנדיגע ווידער־אויפלעבונג... מען האָט געמאַכט אַ רעליגיעזען שלום, געשטיצט אויף פּרינציפּען וועלכע זיינען געווען פּונקט אַזוי נאַריש ווי אומרעליגיעז, וואָרים די כסדרדיגע עקזיסטענץ פון'ם אַזוי־גערופענעם פּראָטעסטאַנטיזם איז געווען דאָס אייגענע ווי מען וואָלט געגרינדעט אַן אינוויינינ־סטע סתירה, דהיינו, אַ שטרענגע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג... לוטער האָט באַהאַנדעלט דאָס קריסטענטום אייגענוויליג, מיספאַרשטאַנען זיין גייסט, און אַריינגעבראַכט אַ ניי אות, אַ לחלוטין נייע דאָקט־רין. די דאָקטרין אַז די ביבעל איז אַ הייליגע און העכסטע אוי־טאָריטעט, דאָס האָט, אומגליקליכערווייז, געהייסען, אַז אין רעלי־גיעזע ענינים מישט זיך אַריין אַן אַבסאָלוט פרעמדע, לחלוטין

ערדישע וויסענשאַפט, דהיינו, פילאָזאָפיע, וואָס אין איהר צעשטע־רענדיגען איינפלוס קען מען, פון דעמאָלט אָן, קיין טעות ניט האָ־בען... מען איז באַלד באַשטאַנען דאַרויף אַז די ביבעל דאַרף פּאָפּולאַריזירט ווערען, און איהר מיאוס'ער אינהאַלט, און די גראָבע אַבסטראַקטע צייכענונג פון אַ רעליגיע וואָס מען געפינט אין איהרע ביכער, האָבען וואונדערבאַר געהאָלפען צונישט צו מאַכען די אינ־ספּירירענדיגע, אַנטפּלעקענדיגע טעטיגקייט פון „היילינען גייסט".
די רעפאָרמאַציע איז געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר'ן קריסטענטום...
גליקליכערוויז פאַר דער קירך, האָט זיך אין יענער צייט געגרינ־דעט אַ נייער רעליגיעזער אָרדען, וואָס איהם האָט, ווי ס'ווייזט אויס, דער שטאַרבענדיגער גייסט פון דער הייליגער היראַרכיע, באַשאָנקען מיט זיינע לעצטע מתנות. דער דאָזיגער אָרדען האָט אַריינגעבראַכט אַ נייע לעבען אין די אַלטע פאָרמען, און מיט וואונדערבאַרער אינטואיציע און אַנטשלאָסענקייט האָט ער גענו־מען ווידער אויפשטעלען די פּאַפּסטליכע מאַכט. די וועלט־געשיכ־טע האָט נאָך קיינמאָל פריהער ניט געהערט פון אַזאַ געזעלשאַפט...
די יעזואיטען האָבען גאַנץ גוט געוואוסט וויפיעל לוטער האָט גע־האַט צו פאַרדאַנקען זיינע דעמאָגאָגישע פעהיגקייטען און זיין באַקאַנטשאַפט מיט'ן פּשוט'ען פאָלק... שוין פון אַלטע צייטען איז דער געלערנטער געווען דער אינסטינקטיווער שונא פון'ם גלח; די געלערנטע און רעליגיעזע פּראָפעסיעס מוזען אָנפירען אַ פאַר־טיליגונג מלחמה, איינע אַנטקעגען דער אַנדערער, אַזוי לאַנג ווי זיי זיינען אָפּגעזונדערט; ווייל זיי קעמפען פאַר דער זעלביגער פּאָ־זיציע... דעם רעזולטאַט פון מאָדערנעם געדאַנק האָבען מענשען געגעבען אַ נאָמען פילאָזאָפיע; און אונטער פילאָזאָפיע פאַר־שטערען זיי אַלץ וואָס איז געווען פיינדליך צו דער אַלטער אָרדנונג, ממילא נעמט זי אריין יעדע אַטאַקע אויף דער רעליגיע. דאָס וואָס איז לכתחילה געווען אַ פערזענליכער האַס צו דער רוימיש־קאַטוי־לישער קירך, איז ביסלעכווייז געוואָרען אַ האַס צו דער ביבעל, צו דער קריסטליכער אמונה, אין דער אמת'ן צו רעליגיע בכלל".

מיר באַמערקען ווי קלאָר נאָוואַליס האָט פאַרשטאַנען אַז פריי־דענקעריי איז אַרויסגעקומען פון'ם פּראָטעסטאַנטיזם. ער שרייבט ווייטער:

„ניין, נאך מעהר, דער האס צו רעליגיע האט זיך נאטירליך און אומפארמיידליך אנטוויקעלט אין א האס צו ענטוזיאזם בכלל, וואס האט פארדאמט פאנטאזיע און געפיהל, מאראל און ליבע צו קונסט, די פארגאנגענהייט און די צוקונפט, האט קוים אנערקענט אז דער מענש איז דער העכסטער צווישען די חיות, און רעדוצירט די שאפענדיגע מוזיק פונ׳ם אוניווערז צו א מאנאטאנעם דרעהען זיך פון אן אומגעהייערער מיל, וואס ווערט געטריבען פונ׳ם שטראם פון צופאל, — א מיל אהן א בויער אדער מילנער אן אמת׳ע „פערפעטואום מאבילע“... איין ענטוזיאזם האבען זיי גרויסמוטיג איבערגעלאזען דער מענשהייט, אן ענטוזיאזם פאר דער גרויסארטיגער פילאזאפיע און איהרע כהנים. פראנקרייך האט געהאט דאס גליק צו זיין דער פלאץ פון דער דאזיגער נייער אמונה, וואס מען האט צוזאמענגעלאטעט פון פארשידענע שטיקער וויסען. צוליב איהר אויספאלגען די געזעצען פון דער מאטעמאטיק און צוליב איהר געוואגטקייט, איז ליכט געווען דער אפגאט פון די דאזיגע מענשען. די געשיכטע פונ׳ם מאדערנעם אומגלויבען איז זעהר וואונדערבאר, און איז דער שליסעל צו אלע שרעקליכע ערשיינונגען פון די לעצטע צייטען. די דאזיגע געשיכטע הייבט זיך אן ערשט אין איצטיגען יארהונדערט, זעהט זיך וויינג אן ביז אין מיטען פון יארהונדערט, און דעמאלט אנטוויקעלט זי זיך שנעל אין יעדער ריכטונג מיט א געוואלטיגער קראפט. א צווייטע, א מעהר אומפאסענדיגע און וואונדערבארע רעפארמאציע איז געווען אומפארמיידליך, און האט זיך נויטוועגדיג באוויזען אין לאנד, וואס איז צום מעהרסטען מאדערניזירט געווארען און צום לענגסטען געליטען פון וויינג פרייהייט... בעת דער דאזיגער אנארכיע איז די רעליגיע ווידער געבוירען געווארען, אן אמת׳ע אנארכיע איז געווען איהר באשאפענדיגער עלעמענט פאר׳ן נאכטראכטענדיגען באאבאכטער איז דער אומווארפער פונ׳ם שטאאט א סיזיפוס. איידער ער דערגרייכט דעם שפיץ וואו עס הערשט א גלייכגעוויכט, קייקעלט זיך שוין די געוואלטיגע משא אראפ אויף דער אנדערער זייט. זי קען קיינמאל ניט בלייבען דארט אויבען סיידען א צוציהונג צום הימעל־צו זאל זי האלטען אין יענער פאזיציע. אייערע

אלע אונטערהאלטער זיינען צו שוואך אזוי לאנג ווי דער שטאט ציהט זיך צו דער ערד“.

ער זאגט ענטוזיאסטיש פאראויס אז עס וועט קומען א צייט פון „נשמה“: „אין דייטשלאנד קענען מיר שוין אנווייזען אויף זיכערע סימנים פון א נייער וועלט... דא און דארט, און אפט אין א דרייסטער פאראייניגונג, קען מען געפינען אומפארגלייכליכע פיעלזייטיגקייט, פינקלענדיגען גלאנץ, ברייטע ידיעות און א רייכע און א שטארקע פאנטאזיע. א שטארק געפיהל פון דער שאפענדיגער אייגענוויליגקייט, דער אומבאגרענעצטקייט, אומענדליכער פיעל־זייטיגקייט, הייליגער ארגינאליטעט און אומבאגרענעצטער פעהיגקייט פון מענשליכען גייסט, נעמט באהערשען דעם מענשען... כאטש דאס זיינען בלויז סימנים, ניט פארבונדענע און רויהע, דעקען זיי דאך אויף פאר'ן היסטארישען אויג אן אוניווערסאלע פערזענליכקייט, א נייע געשיכטע, א נייע מענשהייט, די זיסע אומארמונג פון א לעבענדיגען גאט און א יונגער פארוואונדערטער קירך, און דעם באגריף פון א נייעם משיח אין די הערצער פון די אלע טויזענדער כיטגלידער פון דער דאזיגער קירך. ווער פיהלט ניט, מיט א ליבער שאנד, אז ער איז מעוברת? דאס קינד וועט זיין דאס אויסדריקליכע אפבילד פון פאטער — א נייע גאלדענע תקופה, מיט טונקעלע אויגען אהן א גרונד; א נביאישע, נסים־באווייזענדיגע, טרייסטענדיגע תקופה, וואס וועט אנצינדען דאס פייער פון אייביגען לעבען; א גרויסער איבערבעטער, אן אויסלייזער וואס — פונקט ווי א גייסט וואס באזעצט זיך צווישען מענשען — מען וועט בלויז גלויבען אין איהם נאר מען וועט איהם ניט זעהן, ער וועט ערשיינען פאר די גלויביגע אין אהן א שיעור פארמען, מען וועט איהם פארצערען פונקט ווי ברויט און וויין, מען וועט איהם אומארמען ווי א געליבטען, איינאטעמען ווי לופט, הערען איהם ווי ווערטער און געזאנג, אויפנעמען ווי דעם טויט מיט ליידענשאפטליכען עקסטאז און דעם טיפסטען וועה פון ליבע אין די איניגסטע שפאלטען פונ'ם אויפלייזענדיגען גוף“.

נאך דעם ווי מיר האבען זיך אזוי לאנג אפגעגעבען מיט ליידענשאפטליכען עקסטאז, גליק, רעליגיע, נאכט און טויט, שרייען מיר דען ניט אויס אינסטינקטיוו: „לופט! ליכט!“ מיר פיהלען

אַז מיר ווערען דערשטיקט. די דאָזיגע „נשמה“ איז באמת ענליך צו אַן עפּענונג פון אַ שאַכט. נאָוואַליס'עס ליבע פאַר'ן מינען־אַרבייטערס לעבען וואו רויכיגע לאַמטערען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון זונען־ליכט, איז ניט אָהן אַ באַדייטונג. און וואָס איז דער סוף פון דעם אַלעם? וואָסער ניי קינד קומט אַרויס פון דער אומאַרמונג צווישען אַ ליבענדיגען גאָט און אַ יונגער, פאַרוואונ־דערטער קירך? וואָס, אויב ניט קיין ווידער־געבוירענע רעאַקציע, וואָס האָט פראַנקרייך אומגעקערט דעם קאַטאָליציזם און (נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן איז געפאַלען) די בורבאָנען, און איינגעפירט אין דייטשלאַנד אַ פאַרהאַסטע טיראַניי וואָס האָט דאָרט געגעבען דעם פּיעטיזם דיזעלביגע מאַכט וואָס דער קאַטאָליציזם האָט געהאַט אין פראַנקרייך, אַריינגעוואָרפען יונגע לייט אין די תפיסות, און געטריבען די בעסטע שרייבער פון יענער צייט אַפּצוריכטען גלות.

נאָוואַליס האָט אַלץ צוגעשריבען צום נשמה־לעבען, צו דער אינוויינינגסטער וועלט. זי האָט אַלץ פאַרשלונגען, די כחות פון דער רעוואָלוציע און פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע; אין איהר זיי־נען אַלע לייבען פונ'ם גייסט געלעגען געבונדענע; אין איהר זיי־נען געווען פאַרשלאָסען און היפּנאָטיזירט אַלע ריזיגע כחות פון דער געשיכטע. די נאַכט האָט זיי אַרומגערינגעלט. זיי האָבען געפיהלט די ליידענשאַפטליכע פריידען פון פינסטערניש און טויט. דאָס לעבען זייערס איז געווען אַ לעבען פון אַ פּלאַץ, און צום סוף איז פון זיי געוואָרען אַ שטיין. אין דער אינוויינינגסטער וועלט איז געלעגען דער גאַנצער אוצר פונ'ם גייסט, אָבער עס איז געווען אַ טויטער אוצר, אַ לעבענסלאָזע מאַסע, וואָס מען האָט קונציג קריס־טאַליזירט לויט מאַטעמאַטישע געזעצען. עס איז געווען ווי גאָלד און זילבער אין די אינוויינינגסטע טיילען פון דער ערד, און דער פּאָעט איז געווען דער מינען־אַרבייטער, וואָס איז מיט באַגייסטע־רונג אַראָפּ אין די טיפענישען און זיך געפרייט מיט אַלץ וואָס ער האָט געזעהן.

אָבער בעת ער איז געבליבען אונטען זיינען די ענינים אין דער אויבערשטער וועלט געגאַנגען מיט'ן געוויינליכען סדר. די דרויסענדיגע וועלט איז אַ האָר ניט צורודערט געוואָרען דערפון וואָס

דער פּאָעט און דער פילאָזאָף האָבען זי פאַנאַנדערגענומען אויף שטיקלאַך אין דער אינווייניגסטער וועלט. וואָרים זיי האָבען ניט געאַרבייט אויפ׳ן פּראָסטען, גראָבען אופן פון אַ מיראַבאָ אָדער אַ באָנאַפּאַרט, באַפרייט פון די גייסטער, איז ער ווידער ארויסגעקומען פון זיין שאַבט, האָט ער דערזעהן אַז די דרויסענדיגע וועלט — וואָס ער האָט געמיינט אַז זי איז פאַנאַנדערגעפאַלען אויף איהרע עלעמענטען — איז פּונקט ווי זי איז פריהער געווען. אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צעשמאָלצען אין זיין האַרץ איז דאָרט געשטאַנען פעסט און קאַלט; און אַזוי ווי די דרויסענדיגע וועלט האָט איהם קיינמאָל ניט פאַראינטערעסירט, און אַזוי ווי זי האָט איהם אויסגעוויזען צו זיין כמעט אַזוי נאַכט־אַרטיג, אומעטיג און פאַר־שלאָפען ווי זיין אינווייניגסטע וועלט, האָט ער איהר געגעבען זיין ברכה און זי געלאָזען שטעהן.

נאָוואַליס׳עס נביאישע אייגענשאַפט, זיין באַזונדערער טיפּ פון פערזענליכער שעהנקייט, זיין עכטער לירישער טאַלאַנט, און זיין פריצייטיגער טויט, האָט געפירט קריטיקער איהם צו פאַרגלייכען מיט שעלי׳ן וועלכער איז געבוירען געוואָרען צוואַנציג יאָר נאָך איהם. דאָ ניט לאַנג האָט אין דער Revue des Deux Mondes בלאַז דע בירי געצויגען אויפמערקזאַמקייט צו אָט דער ענליכקייט. ער שרייבט: „שעלי׳ס פּאָעזיע איז זעהר ענליך צו נאָוואַליס׳עס, און די ענליכקייט צווישען די דאָזיגע צוויי אויסנעמליכע פּאָעטען איז ניט בלויז קיין פיזישע; ביידע האָבען בשותפות אַ נאָהנטע באָאָבאַכטונג פון דער נאַטור, טרעפען אַלע איהרע קליינע סודות, אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פון געפיהל מיט פילאָזאָפישען געדאַנק. עס פעלט זיי לחלוטין דאָס ממשות׳דיגע; געדאַנקען, אָבער אָהן אַ גוף, אַ שטייגען ארויפצוצו, אַ שטרעבונג וואָס פירט אין ערגיץ ניט".

אָבער די דאָזיגע ענליכקייטען רירען ניט אָן די באַזונדערט־קייטען, די דיאַמעטריש היפּוכ׳דיגע גייסטיגע שטאַנדפּונקטען פון די דאָזיגע פּאָעטען, וועלכע זעהען אויס צו זיין אַזוי ענליך פּסי־כיש, וואָס איינער פון זיי איז געבוירען געוואָרען פאַר דער גרויסער גייסטיגער רעוואָלוציע ביים אָנפאַנג פון איצטיגען יאָרהונדערט, און דער אַנדערער — דערנאָך.

דערמאָנט זיך אָן די הויפּטשטריכען פון שעלי'ס לעבען. זייענדיג אַ זון פון אַ געהויבענער פאַמיליע האָט מען איהם געשיקט אין אַן אַריסטאָקראַטישער שול וואו, בעת ער איז נאָך געווען אַ קינד, האָט זיך אין איהם אויפגעוועקט אַ צאָרן און אַ געגנערשאַפט צוליב דער ברוטאַליטעט פון די אינגלעך און דער גרויזאַמקייט פון די לערער. ווען ער איז עלטער געוואָרען האָט זיך באַזונדערס אָנגעצונדען זיין כעס צוליעב דער היפּאָקריטישקייט מיט וועלכער די, וואָס האָבען פריי געלאָזען זייערע מיאוס'ע ליידענשאַפטען, האָבען תמיד גערעדט וועגען גאָט און קריסטענטום. אויף זיין צווייטען יאָר אין אָקספאָרד האָט שעלי געשריבען אַן עסיי „איבער דער נויטיגקייט פון אַטעאיזם", און ער האָט מיט נאַאיווער אָפענהאַרציגקייט צעשיקט קאָפּיעס צו די פירער פון דער קירך און דעם אוניווערזיטעט. זיי האָבען איהם גערופען, און אָפּזאָגענדיג זיך צוריקצוציהען וואָס ער האָט געשריבען, האָט מען איהם אַרויסגעוואָרפען צוליב זיין אַטעאיזם. ער איז אַהיים געפאָרען, אָבער זיין פאָטער האָט איהם אויפגענומען מיט אַזאַ פאַראַכטליכער קאַלטקייט, אַז ער איז באַלד ווידער אַוועק, און זיך מעהר ניט אומגעקערט. זיין גאַנץ לעבען איז געווען אַ געוועב פון ענליכע אויפשטאַנדען און ענליכע אומגליקען. צו צוואַנציג יאָר האָט ער זיך געשראָקען פאַר שווינדזוכט, און כאָטש ער איז געזונט געוואָרען, איז ער פון דעמאָלט אָן געווען אַ שוואַכער, נערוועאישער אויפגערעגטער מענש. דאָס געריכט האָט איהם אָפּגזאָגט, אַ זער זאָל ווערען דער אַפּטרופּוס איבער זיינע אייגענע קינדער (נאָך'ן טויט פון זיין ערשט ווייב) ודערפאַר וויל ער פאַרשפּרייט אוממאָראַלע און אומרעליגיעזע טעאָריעס אין Queen Mab נאָך דעם האָט ער פאַרלאָזען ענגלאַנד אויף אייביג, און געלעבט אין איטאַליען אין פרייוויליגען גלות ביז אַן אומגעריכטער טויט האָט אַ סוף געמאַכט צו זיין טרויעריג, היימלאָז־לעבען. זיין שיף האָט זיך איבערגעקערט אין ספּעציאַנער גאָלף, און ער איז דערטרונקען געוואָרען צו דריי און צוואַנציג יאָר.

אין פאַרגלייך מיט אַזאַ סאָרט לעבען איז האַרדענבערג'ס אַן אמת'ע דייטשישע פּראָווינציעלע אידיליע. צו פינף און צוואַנציג יאָר האָט ער באַקומען אַ רעגירונג־שטעלע אַלס קאָנטראָלער פון

איינעם פון די שטאַטליכע זאַלץ גרובען, און אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום האָט ער געשטיגען צו דער שטעלע פונ׳ם אַסעסאָר אין די ווייסענפעלזער זאַלץ גרובען. זיין ראָמאַנטיזם האָט איהם באין אופן ניט געשטערט אויסצופירען זיינע התחייבות׳ן ווי אַ גוטער בירגער. אין דער פּאָזיציע פון אַ רעגירונג באַאַמטען איז ער געווען פלייסיג, געוויסענהאַפט און געטריי — אַ מענש וואָס טוט זיין אַרבייט און פריי פון פאַרשווענדעריי און וואָס זיין לאַגע איז ממילא אַ זיכערע. זיין רעפּובליקאַניזם האָט געהאַט קורצע יאָרען, און בלויז צוליב זיין נאַאיוויטעט באַשולדיגט מען איהם ניט אין קנעכטישקייט. פרידריך ווילהעלם׳ען און לואיזא׳ן פון פרייסען רופט ער „אַ קלאַסישע מענשען־פּאָר“; אין דער אַנטפּלעקינג פון די דאָזיגע „גאונים“ זעהט ער אַ צייכען פון אַ בעסערער וועלט. פרידריך ווילהעלם איז, זאָגט ער, דער ערשטער פרייסישער קעניג; ער קרוינט זיך יעדען טאָג. אַן אמת׳ע פאַרוואַנדלונג איז פאָרגעקומען; וואָרים פונ׳ם הויף איז געוואָרען אַ פאַמיליע, פונ׳ם טראָן — אַן אַלטאַר, פון אַ קעניגליכער הייראַט אַן איביגע פאַרבינדונג פון הערצער. ער האַלט אַז בלויז דער יוגענדליכער פּאָראָורטייל פיהרט צו אַ רעפּובליק; דער באַווייבטער פאַרלאַנגט אָרדענונג, זיכערקייט, שטילקייט, אַ גוט איינגעשטעלטע היים, אַן „אמת׳ע מאָנאַרכיע“. „אַ קאָנסטיטוציע האָט פאַר אונז בלויז דעם אינטערעס פון אַ טויט אות. ווי אַנדערש עס איז דאָס געזעץ וואָס איז דער אויסדרוק פונ׳ם ווילען פון אַ באַליבטען און פאַרערטען מענשען! מיר האָבען קיין רעכט ניט צו באַטראַכטען דעם מאָנאַך ווי דעם ערשטען באַאַמטען פון שטאַט; ער איז ניט קיין בירגער, און דערפאַר קען ער קיין באַאַמטער ניט זיין. דער קעניג איז אַ מענשליך וועזען דערהויבען צו דער פּאָזיציע פון אַן ערדישער השגחה“.

אויב מיר פאַרגלייכען אַזעלכע אויסדרוקען מיט די וואָס געפינען זיך אין שעלי׳ס פּאָעמעם וואָס זיינען אינספּירירט געוואָרען פון דער טיראַניי וואָס האָט געהערשט אין זיין געבורט־לאַנד, אָדער יענע וואו ער גלאָריפיצירט די איטאַליענישע רעוואָלוציע און די גריכישע באַפרייאונג־מלחמה, באַמערקען מיר דעם שאַרפסטען קאָנטראַסט וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלען. אין דעם זעלבי־

בען קאָנטראַסט באַגעגענען מיר וואו נאָר מיר ווענדען זיך. נאָוואַלים זינגט די ליבּ־לידער פון קראַנקהייט. שעלי זאָגט: „עס איז זיכער, אַז חכמה איז ניט אין איינקלאַנג מיט קראַנקהייט, און אַז, אין איצטיגען צושטאַנד פון די קלימאַטען פון דער ערד, איז געזונט, אין אמת'ן און ברייטען זין פון וואָרט, אַ זאַך וואָס דער ציוויליזירטער מענש קען ניט דערגרייכען".

נאָוואַלים זאָגט: „מיר שטעלען זיך פאָר גאָט ווי אַ מענשען, פּונקט ווי מיר דענקען פון זיך אַליין. גאָט איז פּונקט אַזוי פּערזענליך און אינדיווידועל ווי מיר זיינען". שעלי זאָגט: „עס איז ניטאָ קיין גאָט! די דאָזיגע אַפּליקענונג, דאַרף פאַרשטאַנען ווערען, האָט אַ שייכות בלויז צו אַ באַשאַפענדיגען גאָט. די השערה פון אַ דורכדרינגענדען גייסט וואָס איז פּונקט אַזוי אייביג ווי דער אוניווערז, בלייבט גאַנץ... עס איז אוממעגליך צו גלויבען, אַז דער גייסט וואָס דרינגט דורך די דאָזיגע אומענדליכע מאַשין האָט געהאַט אַ זוהן פונ'ם קערפּער פון אַ אידישער פרוי, אָדער אַז ער איז אין כעס צוליב די רעזולטאַטען פון דער נויטווענדיגקייט וואָס איז זיין אייגענער סינאָנים. די גאַנצע צרה'דיגע מעשה מיט'ן טייוועל און חוה'ן און אַ מליץ יושר, מיט די קינדישע לעבערליכקייטען פונ'ם גאָט פון די אידען, איז ניט אין הסכם מיט אונזער וויסען וועגען די שטערען. די ארבייט פון זיינע הענט האָבען עדות געזאָגט אַנטקעגען איהם".

נאָוואַלים זינגט דאָס ליבּ־ליד פון פּריסטערטום און פון די יעזואיטען. שעלי זאָגט: „אין משך פון אַ סך פינסטערע און שלעכטע תקופות האָט די דאָזיגע מעשה (די דאָקטרין פון דער ביבעל) זיך שטילערהייט איינגעגראָבען אין הארצען; אָבער סוף כל סוף זיינען אויפגעשטאַנען מענשען וואָס האָבען חושד געווען, אַז די דאָזיגע מעשה איז אַ פאַבעל און אַן אָפּנאַרעריי, און אַז יעזוס קריסטוס איז געווען ווייט פון אַ גאָט, נאָר פּשוט אַ מענש ווי זיי אַליין. אָבער אַ גרויסע צאָל מענשען, וואָס האָבען באַקומען און באַקומען נאָך איצט אַ גרויסע באַלוינונג פון אַזאַ מיינונג, האָבען דערציילט דעם פּראָסטען עולם, אַז ווי באַלד זיי וועלען ניט גלויבען אין דער ביבעל זיינען זיי פאַר'משפט'ע אויף אייביג; און זיי האָבען פאַרברענט, איינגעשפּאַרט, און פאַר'סם'ט אַלע אומ־

פּאַרטייאישע און זעלבסטשטענדיגע פאָרשער וואָס זיינען אויפ־געשטאַנען פון צייט צו צייט. זיי אונטערדריקען זיי נאָך איצט אויך אויף ווי וויט מענשען, וואָס ווערען איצט אַלץ אויפגעקלער־טער, דערלאָזען עס... די זעלביגע מיטלען וואָס האָבען אונטער־שטיצט יעדע פּאָפּולערע אמונה האָבען אונטערשטיצט דאָס קריס־טענטום. מלחמה, תפיסה, טויט און פאַלשקייט, מעשים וואָס האָבען ניט קיין ביישפּיל און קיין פאַרגלייך אין גרויזאַמקייט, האָ־בען עס געמאַכט פאַר וואָס עס איז. דאָס בלוט וואָס עס האָבען פאַרגאָסען די דינער פון׳ם גאָט פון רחמנות און שלום, זינט זיין רעליגיע איז געגרינדעט געוואָרען, וואָלט אפשר גענוג געווען צו דערטרינקען אַלע אנדערע סעקטאַנטען וואָס לעבען איצט אויף דער באַוואוינבאַרער ערד".

פון די דאָזיגע אויסצוגען — צו וועלכע מען קען צוגעבען אָהן א שיעור אנדערע מיט דערזעלביגער טענדענץ, — זעהען מיר ווי גרויס עס איז געווען דער מהלך צווישען נאָוואַליס׳ן מיט זיין אינטראָספּעקטיוו נשמה־לעבען, און שעלי׳ן מיט זיין פּראַקטישען ענטוזיאַזם פאַר פרייהייט.

דאָס זיינען אַלזאָ די צוויי פּאָעטען, וועלכע מענשען האָבען פּראָבירט פאָרשטעלען ווי צווילינג גייסטער. ביידע זיינען גרויס אַלס לירישע פּאָעטען, כאָטש שעלי איז א פּאָעטישער גאון פון א פיעל העכערער מדרגה ווי נאָוואַליס. אָבער אפילו ווען נאָוואַליס וואָלט אַלס פּאָעט געשטאַנען נעהנטער צו שעלי׳ן, ווי קלענער איז אָבער דער סכום אמת וואָס מען קען געפינען אין זיינע ווערק אין פאַרגלייך מיט די אמת׳ן ביי שעלי׳ן!

פאַר נאָוואַליס׳ן איז דער אמת געווען פּאָעזיע און טרוים: פאַר שעלי׳ן — פרייהייט. פאַר נאָוואַליס׳ן איז דער אמת געווען א פעסט איינגעפונדעוועטע און מעכטיגע קירך; פאַר שעלי׳ן — א קעמפּענדיגע, א געדריקטע און געשטיקטע אפּיקורסות. נאָ־וואַליס׳עס אמת איז געזעסען אויף קעניגליכע און פּאַפּסטליכע טראָנען; שעלי׳ס איז געווען פאַרהאַסט און שוואַך.

כדי אַן אמת, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, זאָל מאַכען א ווירק־ליכען איינדרוק אויף מענשען, דאַרף ער האָבען מענשליך לעבען, פלייש און בלוט. אין די ערשטע ביאָגראַפיעס פון דעפּאַ׳ן, דעם

מחבר פון רוביסאָן קרוסאָ, ־דערציילט מען אונז אז אין יולי 1703 האָט מען איהם פאַר׳משפט, אלס שרייבער פון אַ געוויסען פּאַמ־פלעט, אז מען זאָל איהם ערשטענס אָפּשניידען די אויערן און דערנאָך צונאַגלען צום שאַנד־קלאָץ. דער טאָג איז געקומען, מען האָט דעם פּסק דין אויסגעפירט, דער מענש מיט׳ן בלאַסען צע־כאַלעט־שעטען פּנים, פון וואַנען עס האָט געטריפט בלוט, איז גע־שטאַנען ביים שאַנד־קלאָץ, מיט׳ן פּנים צום פאַרזאַמעלטען עולם. דעמאָלט, ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסקוקען, אנשטאט דעם גע־וויינליכען הויכען אויספייפען צוזאַמען מיט אַ האָגעל פאַרפוילטע עפּעל, אייער, קאַרטאָפּלעס, א. א. וו. איז אָנגעפאַלען אַ טויטע שטילקייט; מען האָט קיין איינציגען עפּעל ניט געוואָרפען, קיין איין מיאוס וואָרט האָט זיך ניט געהערט — דעפאָ איז צו טייער געווען פאַר׳ן הארצען פון פאָלק. בינו לביני האָט איינער פון עולם, וואָס איז געזעסען אויף אַ צווייטענס אַקסלען, אוועקגע־לייגט אַ קראַנץ אויף׳ן צעקאַלעטשעטען קאָפּ. איך האָב דאָס גע־לייענט ווען איך בין נאָך געווען אַ אינגעל, און כאָטש איך ווייס איצט אז דעפאָ האָט ניט פאַרלוירען זיינע אויערן, און אז פּאָפּ האָט געהאַט אַ טעות ווען ער האָט געשריבען:

„אָהן אויערן, נאָר הויך איז געשטאַנען דעפאָ אַ שטאָלצער".

און כאָטש איך ווייס שוין אויך אז דעפאָ איז ניט געווען דער ריינער מענש פאַר וועלכען איך האָב איהם געהאַלטען אין יענער צייט, דאָך בלייבט דאָס בילד גרויסאַרטיג, און עס האָט זיך אריינ־געגראָבען אין מיין נשמה, ווייל עס פאַרמאָגט אַן אייביגען אמת. בדרך כלל שטעלט דער אמת מיט זיך פאָר אין אונזער וועלט אַן ערשיינונג, וואָס איז גאַנץ ענליך צום פאַר׳משפט׳ען ביים שאַנד־קלאָץ. און איך געדענק ווי איך האָב מיר דעמאָלט געטראַכט:

„ווען עס מאַכט זיך אַז אַ מענש געפינט אזא׳ן אָרימען, פאַרהאַס־טען, אונטערדריקטען אמת אויף׳ן שאַנד־קלאָץ, וואָסער גרויסער מאָמענט וואָלט עס געווען אין זיין לעבען ווען ער וואָלט געקענט צוקומען נאָהנט אין אַרויפלייגען אַ קראַנץ אויף זיין שטערען!"

דאָס האָט שעלי געטאָן, — נאָוואַליס — ניט.

קאפיטעל 13.

בענקשאפט — „די בלאָע בלום“.

רעמאַנטיזם און בענקשאַפט; דער סימבאָל — „די בלאָע בלום; געטע'ס „ווילהעלם מייסטער“ און „שטערנבאַלד“; נאָוואַליס'עס באַשלוס צו שאַפען אַ ווערק וואָס איז לויטער פּאָעזיע; זיין „היינריך פאָן אָפטערדינגען“; אַ פאַרגלייך מיט אינגעמאַן און זיין ווערק „די שוואַרצע ריטער“; ווייטער וועגען דער בלאָער בלום; איהר אָפּשפּיגלונג אין אייכענדאָרף'ס „פונ'ם לעבען פון אַ שלים מזל“; די ראָמאַנטישע ווייטקייט פון לעבען.

איך האָב געשילדערט דאָס ראָמאַנטישע „געמיט“ ווי געפיהל־טיפקייט אָהן שטרעבונגען אָדער פאַרלאַנגען, ווי אַ גליהענדיגער אייוועט וואו די פרייהייט ווערט פאַרטשאַדעט און יעדע טענדענץ צו אויסערליכער טעטיגקייט ווערט חרוב. אָבער דאָס איז ניט דער גענויער אמת. איין אויסערליכע טענדענץ בלייבט יאָ, די וואָס איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „בענקשאַפט“. בענקשאַפט איז אין ראָמאַנטיזם דאָס זעלביגע וואָס שטרעבונג, און איז די מוטער פון דער גאַנצער ראָמאַנטישער פּאָעזיע. וואָס איז בענקשאַפט? עס איז אַ קאָמבינאַציע פון אַ געפיהל אַז עפּעס פעלט מיט אַ פאַרלאַנג אָהן דער אַנטשלאָסענקייט אָדער די מיטלען צו דערגרייכען דאָס וואָס פעלט און ווערט פאַרלאַנגט. און וואָס איז דער ציל פון אָט דער בענקשאַפט? וואָס, אויב ניט דאָס וואָס איז דער ציל פון יעדער בענקשאַפט און יעדען פאַרלאַנג, מעג עס זיין פאַרשטעלט מיט די פיינסטע, היפּאָקריטישסטע ווערטער — געניוס און גליק. דער ראָמאַנטיקער באַנוצט ניט דאָס וואָרט גליק, אָבער דאָס מיינט ער דאָך. ער זאָגט ניט „גליק“, ער זאָגט „דאָס אידעאַלע“. אָבער זאָלען ווערטער אונז ניט נאַרען. פון דעסטוועגען איז די ספּעציעלע כאַראַקטעריסטיק פונ'ם ראָמאַנטיקער ניט זיין גליק זוכעניש ,נאָר זיין גלויבען אַז עס איז פאַראַן, אַז עס מוז זיין אָנגעגרייט פאַר איהם, און אַז עס וועט קומען ווען ער וועט זיך צום ווינציגסטען ריכטען דערויף. און אַזוי ווי גליק איז אַ מתנה פון

הימעל, אזוי ווי ער אליין באשאפט עס ניט, קען ער זיך פירען א צוועקלאָזען לעבען ווי איהם ווילט זיך, בלויז אונטער דער אויפזיכט פון זיין טונקעלער בענקשאפט. מען דארף בלויז אויפהאלטען זיין גלויבען, אז די דאָזיגע בענקשאפט וועט באפרידיגט ווערען. און עס איז א גלויבען וואָס מען קען לייכט אויפהאלטען, ווייל אלץ ארום דעם ראָמאַנטיקער איז פול מיט סימנים און נביאות אז זיין פארלאנג וועט דערגרייכט ווערען.

נאָוואליס איז געווען דער מענש וואָס האָט אָנגערופען דעם ציל פון דער ראָמאַנטישער בענקשאפט מיט'ן בארימטען, מיסטישען נאָמען „די בלאָע בלום“. דעם דאָזיגען אויסדרוק דארף מען, נאַטירליך, ניט פארשטעהן בוכשטעבליך. די „בלאָע בלום“ איז א מיסטעריעזער סימבאָל, א מין איכטוס (דער פיש) פון די ערשטע קריסטען. זי איז א פארקירצונג, א קאָנדענסירטע פאָרמולע פון אומענדליכקייט פון גליק נאָך וועלכען א פארשמאכט הארץ איז פעהיג צו בענקען. ממילא קען מען זעהן איהרס אין אָפּגלאנץ נאָך איידער מען דערגרייכט זי; מען חלומ'ט פון איהר א סך פריהער איידער מען זעהט זי; מען באמערקט זי אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט אין עפעס וואָס ווייזט זיך ארויס צו זיין אן אילוזיע; מען זעהט זי א ווייל צווישען אנדערע בלומען וואו זי פארשווינדט גלייך; מען קען אָבער דערשפירען איהר ריח, טיילמאָל זעהר שוואך, אן אנדערש מאָל שטארק און דער זוכער ווערט פאר'שכור'ט פון איהר. כאָטש ער פליהט ארום, ווי א זומער פייגעלע, פון בלום צו בלום, אָפּשטעלענדיג זיך דאָ אויף א וויאָלעט, דאָ אויף עפעס א טראָפּישער פלאנץ, זוכט ער און בענקט תמיד נאָך דער איינציגער זאך — נאָכ'ן פולשטענדיגען, אידעאלען גליק.

די דאָזיגע בענקשאפט און איהר ציל באהאנדעלט נאָוואליס אין זיין הויפּט ווערק. עס איז א ווערק, וואָס מיר מוזען שטודירען, און, כדי עס ריכטיג צו פארשטעהן, דארפען מיר זעהן ווי אזוי עס איז געשאפען געוואָרען.

דער וואָרצעל דערפון ליגט אין געטע'ס „ווילהעלם מייסטער“, און מיר קענען קלאָר ארויסזעהן די פסיכישע פּראָצעסען דורך וועלכע „ווילהעלם מייסטער“ איז ביסלעכווייז פארוואנדעלט געוואָרען אין „היינריך פאָן אָפטערדינגען“. ווילהעלם איז ניט אקטיוו, ער

ווערט בלויז באַאיינפלוסט, ער שטרעבט ניט, ער בענקט. ער פּאָלגט
נאָך אידעאַלען זוכענדיג זיי צום ערשט אויף דער בינע, און דער־
נאָך אין אמת'ן לעבען. ווילהעלם איז אויך אַ קינד פון „געמיט".
דאָס בוך איז דורכגעדרונגען מיט געמיט. ניט בלויז די העלדען
זיינען פול מיט געמיט, ווי אין אַ סך ענגלישע ראָמאַנען. (אַ טייל
פון דיקענס'עס ראָמאַנען, למשל), אָבער דאָרט געפינט זיך אַ מין
געמיט אין דער באַזונדערער מטושטוש'ער אַטמאָספערע, וואָס רינ־
געלט זיי אַרום. קיין שטריך איז ניט רעאַליסטיש גראָב אָדער באַ־
שטימט; די קינדער פון געמיט האָבען ווייכע קאָנטורען. הייבערג
האָט אַמאָל געמאַכט אַ סך הכל פון געטע'ס פילאָזאָפיע, וואָס ער
אליין איז געווען איהר אנהענגער, אין די פאָלגענדע ווערטער:
„געטע איז ניט אוממאָראַליש און ניט אומרעליגיעז, ווי דאָס
וואָרט ווערט געוויינליך פאַרשטאַנען, ער ווייזט אָבער אַז עס זיי־
נען ניטאָ קיין געזעצען פון פליכטען אָהן באַדינגונגען, און אַז מיר
דאַרפען אוועקשטעלען אונזער רעליגיע אויף דער זעלביגער מדרגה
ווי אונזער פּאָעזיע און אונזער פילאָזאָפיע". בעת מיר לייענען
„ווילהעלם מייסטער" וואונדערן מיר זיך אויף דעם אופן אויף וועל־
כען די פעסטע שול עטיק אָדער טעקסט־בוך עטיק, די ענג־האַרציגע,
קאָנווענציאָנעלע אידעען וועגען מאָראַל און גערעכטיגקייט, ווערען
אַזוי פאַראַנדערשט, אַז מאָראַל ווערט מעהר ניט באַטראַכט ווי דאָס
אַבסאָלוטע געזעץ פון לעבען, נאָר בלויז ווי אַ וויכטיגער לעבענס
פּרינציפּ, איינער פון אַ סך, וואָס אַלע זיינען גלייך געזעצליך און
גלייך אונטער אַ קאָנטראָל, פונקט ווי דער מאַרך פון דער חיה,
כאָטש ער איז זעהר וויכטיג, איז ניט, לויט דער אָפּשאַצונג פון'ם
פיזיאָלאָג, די איינציג וויכטיגע טייל, נאָר בלויז אַן אָרגאַן, וואָס
טוט זיין אַרבייט אין פאַרבינדונג מיט'ן האַרץ, מיט דער לעבער,
און די אַנדערע אָרגאַנען. ממילא ווערט ליידענשאַפט ניט באַלייי־
דיגט ווי עפּעס חיה'שעס, נאָר זי ווערט פּשוט און אָפענהאַרציג
פאָרגעשטעלט (אין פילין) ווי עפּעס אנגענעמס און ליבס. די
האַרמאָנישע אַנטוויקלונג פון ווילהעלמ'ס כאַראַקטער ווערט דער־
גרייכט דורך פיעל צווייפעלהאַפטע איבערלעבונגען. בנוגע די ווייב־
ליכע העלדען פאַרלאַנגט מען פון אונז צו באַוואונדערן די גוט־
דערציגענע זעלבסטקאָנטראָל און די איינגעבוירענע איידעלקייט

פון א שעהנעם כאראקטער; די פיזישע און גייסטיגע העכערקייט און די פרייהייט וואָס זיינען א פועל יוצא פון א זעהר גינסטיגער און זיכערער לאַגע ווייזען זיך סימפּאטיש ארויס אין דער פערזענליכקייט פון א העכערן ראַנג. מיר קענען אפשר האָבען טענות וואָס „איידעל“ און „אריסטאָקראטיש“ ווערען איצט אזוי אָפט באַטראַכט ווי סינאָנימען, אָבער די סיבה דערפון דאַרף מען זוכען אין די קלעגליכע, ענגע געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען פון דייטשלאַנד אין געטע'ס צייט. אזוי ווי די דערציילונג איז ניט קיין קינד פון דער פאַראייניגונג פון פאַנטאַזיע און ווירקליכקייט נאָר פון פאַנטאַזיע און „געמיט“, דערפאַר איז פאַראַן עפּעס אומרעאַלס אין איהר גאַנצען כאַראַקטער; א סך איז פאַרשטעלט, א סך — אָפּגעריינינגט; אַלץ איז אזוי אידעאַליזירט אז עפּעס ווי די מאַטעריעלע וועלט וואָלט געשטאַנען אין שאָטען פון דער גייסטיגער.

עס רעדט זיך דאָרט בלויז פון פּריוואַטע אומשטאַנדען און מענשען. אמת, פאַראַן א וואונק אויף א מלחמה, און אויף אזא אופן אז מיר האָבען א מעגליכקייט צו שליסען אז עס רעדט זיך וועגען דער מלחמה וואָס איז געקומען נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; אָבער קיין באַשטימטע זאַך ווערט וועגען דעם ניט געזאָגט. בנוגע דעם פּלאַץ קענען מיר בלויז קומען צום שלוס אז ער איז ערגיץ אין צענטראַל דייטשלאַנד; אָבער די לאַנדשאַפט פאַרמאָגט ניט קיין בולט'ע כאַראַקטער שטריכען, זי קלינגט אָפּ ווי א שוואַכע מוזיקאַלישע באַגלייטונג צו דער שטימונג אין דער וועלט, וואָס די דערציילונג שילדערט, ווערט קונסט, באַטראַכט, לויט דער צעדרעהטער מאָדע פון יענער צייט, ווי די שול פון לעבען, אנשטאָט צו באַטראַכטען דאָס לעבען ווי די שול פון קונסט. נאַציאָנאַלע, היסטאָרישע געשעהענישען זיינען בלויז „א ביסעל טעאַטער גערויש הינטער די קוליסען“*) קיין איינער פון די העלדען האָט ניט אין זין קיין פּראַקטישען צוועק; בלויז דער שטראָם פון זייערע בענקשאַפטען און שטימונגען טרייבט זיי פאַראויס. זיי וואַנדערן ארום, ניט געבונדען פון די אומשטאַנדען, ניט אכטענדיג אויף די גרענעצען פון לענדער און פירען א „פּלאַנלאָז“ לעבען.

---

*) Auerbach: Deutsche Abende.

דאס וואס געטע האט אויסגעמיטען אלע פסיכאלאגישע עקסטרעמען איז א וויכטיגער אנווייז אויף דער צענטריפעטאלער טענדענץ פונ׳ם „געמיט״. א.א עקסטרעם איז א פארברעך וואס מען האלט פאר פארברעכעריש. אפילו ווען געטע באריט דאס שרעקליכע, ווי, למשל, ליידענשאפט צווישען אייגענע (די מעשה פונ׳ם הארפען שפיגער), איז זיין פארלאנג אז מיר זאלען בלויז טיף גערירט ווערען, ניט אז מיר זאלען אורטיילען; ער ברענגט ניט דעם משפט פאר׳ן מאראלען טריבונאל און פיעל וויניגער פאר׳ן געזעצליכען. און די מעשה פארלירט א טייל פון איהר פיינליכקייט צוליב דעם אופן אויף וועלכען זי ווערט אונז איבערגעגעבען. מיר הערען דאס ניט פונ׳ם הארפען שפילער אליין; זיינע ליפען זיינען פארשלאסען; א פרעמדער דערצעהלט אונז נאך זיין טויט.

אט טאקע אין דער זעהר אידעאליזירטער וועלט, אויף וועלכער דעם דיכטער׳ס האנט האט אוועקגעלייגט זיין חתימה פון שעהנקייט, וואנדערט ווילהעלם ארום אהן א פלאן, אבער ניט אהן א ציל. ער ציהט זיך צו א אידעאל — צו א אידעאלער פראפעסיע, א אידעאלער פרוי, א אידעאלער קולטור. לכתחילה איז ער א סוחר, דערנאך אן אקטיאר, דערנאך א דאקטאר; לכתחילה ליבט ער מאריאנען, דערנאך די גרעפין, דערנאך טערעזע׳ן, דערנאך נאטאל׳ען. זיין ערשטער קולטור אידעאל איז ערפארונג, זיין צווייטער — אינטעלעקטועלע ראפינירטקייט; דערנאך זוכט ער איהם אין זעלבסט־פארלייקענונג, און ער ענדיגט מיט עקספערימענטען אין סאציאלער רעפארם, וואס האט, אין זיין צייט, געמאכט „וואנדער יארען״ פאר איינס פון די ביכער צו וועלכען סאציאליסטישע רעוואלוציאנערען האבען זיך זעהר גערן געווענדט. אבער די הויפט זאך צו באמערקען איז, אז ווילהעלם בייט תמיד זיין אידעאל. ער געפינט איהם ניט; ער פארלירט איהם, אזוי צו זאגען. מען קען ניט זאגען, אז ער ווערט דער בורזשוא, דער פיליסטער, ווארים דאס ווארט פארלירט זיין זין פאר איהם.

א יונגערמאן וואס נעמט זיך מיט התמדה שטודירען פילאזאפיע, זוכענדיג אויפקלערונג בנוגע גאט, אייביגקייט, דעם צוועק פון לעבען, און דער אומשטערבליכקייט פון דער נשמה, מיט איהם טרעפט אפט, אז אין שטודיום פארלירען די דאזיגע ווערטער דעם

זין וואָס ער האָט זיי פריהער געגעבען; ער באַקומט אַן ענטפער אויף זיינע פראַגען, אָבער אַן ענטפער וואָס לערנט איהם, אַז די דאָזיגע קשיות דאַרפען אַנדערש געשטעלט ווערען. דאָס זעלביגע טרעפט איין לעבען מיט ווילהעלם'ען, אין זיין בענקשאַפט נאָך אַ פאָראויס באַגריפענעם אידעאַל. אַ סך מענשען האָבען ארומגענומען אַ וואָלקען אָנשטאָט יונאָ'ן; ווילהעלם לאָזט אָפּ דעם וואָלקען און דריקט יונאָ'ן צו זיין האַרצען.

„ווילהעלם מייסטער" האָט געהאַט כמעט פונקט אַזאַ חלק ווי „די השתפכות הנפש פון אַ קלויסטער ברודער" אין דער שאַפונג פון טיק'ס שטערנבאַלד, וואָס איז כסדר אַן עכאָ פון געטע'ס גרויס ווערק. גלייך נאָך דער ערשיינונג פון „ווילהעלם מייסטער", האָט טיק סקיצירט אַ פּלאַן פון זעהר אַן אינטערעסאַנטער מעשה „דער יונגער סטאָליער", וואָס איז פאַרעפענטליכט געוואָרען ערשט אין איין און פערציג יאָר אַרום. דער העלד, שוין כמעט אַ צו מושלמ'דיגער און אַרטיסטישער יונגער סטאָליער, געהט דורך אַן אַנטוויקלונג פּראָצעס וואָס איז זעהר ענליך צו ווילהעלם מייס־טער'ס בנוגע די איינפלוסען פון אַריסטאָקראַטישע באַקאַנטע, פון דראַמאַטישער קונסט און טעאַטער. זייענדיג אַן אמת'ער ראָ־מאַנטיקער האָט ער פאַרגעשטעלט שעקספיר'ס קאָמעדיעס אין אַ פריוואַט טעאַטער וואָס איז גענוי נאָכגעמאַכט נאָך די טעאַטערן פון שעקספּיר'ס צייט, און ער איז דער ליבהאָבער סיי אויף דער בינע סיי הינטער דער בינע.

ער האָט דאָס דאָזיגע ווערק אָפּגעלייגט צו גונסטען „שטערנ־באַלד". דער מאָדערנער סוחר האָט געדאַרפט אָפּטרעטען דעם וועג דעם אַרטיסט פון דער ראָמאַנטישער פעריאָדע פון אַלבערט דירער. „שטערנבאַלד" איז די פאַרגעטערונג פון „געמיט", פון ריינעם גע־מיט, אָהן אַ צומיש פון שכל און קלאָרקייט. אַלזאָ, דער סך הכל און דער תמצית פונ'ם בוך איז דער פאַרלאַנג, אַ לעכצענדיגער פאַר־לאַנג; דערפאַר דערצעהלט מען אונז וועגען אַזאַ געשעהעניש ווי די רעפאָרמאַציע, אַז, אָנשטאָט צו שאַפען אַ געטליכע פולקייט אין דער רעליגיע, האָט זי בלויז געשאַפען אַ פּוסטקייט אין דענקען וואו אַלע הערצער שמאַכטען; דערפאַר ווערט פון דער מילדער לייד־ענ־שאַפט פון געטע'ס ראָמאַן דער ברוטאַלער פאַרלאַנג פון אַ טיף ווי־

וויליאַם לאָוועל. ווען דער העלד קוקט אריין אין זיך, זעהט ער, ווי לאָוועל, אַ קעסעל גרוב אָהן אַ גרונד, אַ רוישענדיג, פּאַרטויבענדיג רעטעניש. אין דער צווייטער אויפלאַגע האָט טיק געהאַלטען פאַר ראַטזאַם אויסצולאָזען אַ טייל פון די אויסגעלאַסענע סצענעס פון באָדען זיך און טרינקען צווישען וועלכע עס צעלאָזט זיך די אומ־רוהיגע בענקשאַפט פונ'ם העלד.

אָבער די הויפּט זאַך צו וועלכער איך וואָלט געוואָלט ציהען די אויפמערקזאַמקייט איז דאָס, וואָס די ווירקליכקייט איז דאָ ראַ־פינירט און גערייניגט אויף אַן אופן וואָס איז געטע'ן אומבאַ־קאַנט. זי ווערט דאָ דינער, דינער — אַ פּאַרע, אַ געפיהל־פּאַרע; די פּערזענליכקייט ווערט פּאַרטרונקען אין דער לאַנדשאַפט, די האַנדלונג — אין דער מוזיק פונ'ם וואַלד־מענשענס פייפעל. אין „שטערנבאַלד" איז יעדער טאָג אַ יום טוב. אַ געפיהל פון איבער־געגעבענקייט דרינגט דורך די לופט; עס דוכט זיך מיר הערען דעם קלאַנג פון די קירכען גלאָקען און ווייסען אַז די וועלט איז שבת'דיג. די פאָלגענדע ווערטער פונ'ם העלד אַנטהאַלטען די פילאָזאָפיע פונ'ם ווערק: „אין דער דאָזיגער וועלט קענען מיר בלויז פאַרלאַנ־גען, מיר קענען בלויז לעבען אין כונות; אמת'ע האַנדלונג געהערט צו יענער וועלט". ממילא איז אין דער מעשה קיין האַנדלונג ניטאָ; די העלדען וואַנדערן ארום מיט אַזוי ווייניג קלאָרע צילען אַזוי ווי קאָמעטען; זייער לעבען באַשטעהט פון אַ סעריע צופעליגע, ניט געזוכטע פּאַסירונגען; זיי וואַנדערן תמיד ארום זוכענדיג דאָס אי־דעאַלע, און אַזוי ווי מען גלויבט אין אַלגעמיין אַז דאָס אידעאַלע האָט זיך באַזעצט ערגיץ אין שכנות פון רוים, ענדיגט זיך דאָרט דאָס בוך. די מעשה האָט ניט קיין סוף, און ווערט קיינמאָל ניט ווייטער געפירט.

אַ זעלכע ענטוויקלונג דער פּאַר'חלום'טקייט און ניט פאַרבונדענ־קייט איז פאַר נאָוואַליס'ן „שטערנבאַלד" בילכער ווי „ווילהעלם מייסטער". „ווייל דער תוך פון מיין פילאָזאָפיע, זאָגט ער, איז דער גלויבען אַז דאָס פּאָעטישע איז דאָס אַבסאָלוט רעאַלע, און וואָס פּאָעטישער עפּעס איז אַלץ אמת'ער איז עס. דערפאַר איז דעם דיכטער'ס עובדא ניט צו אידעאַליזירען, נאָר ארויפצוהויבען אַ כשוף. די פּאָעזיע פון דער צויבער מעשה איז די אמת'ע פּאָעזיע.

אַ צויבער מעשה איז אַ ניט פאַרבונדען טרוים־בילד, און איהר כח ליגט דערין וואָס זי איז פונקט דער היפוך פון דער אמת'ער וועלט, און דאָך אין גאַנצען ענליך צו איהר." די צוקונפט וועלט איז, לויט נאָוואַליס'ן, אַ שכל'דיגער כאָאָס, דער הערשענדיגער כאָאָס. די עכטע צויבער מעשה דאַרף דערפאַר זיין, דענקט ער, ניט בלויז אַ מעשה, נאָר אויך אַ נביא'ישע פאַרשטעלונג, דאָס אידעאַלע, דאָס אומפאַרמיידליכע. דער שרייבער פון צויבער מעשיות איז דער מאָדערנער זעהער. דער ראָמאַן איז, אַזוי צו זאָגען, פייע געשיכטע, די מיטאָלאָגיע פון דער געשיכטע. און ליבע, זייענדיג די פאָרם פון מאָראַל וואָס איז כולל אין זיך די מעגליכקייט פון מאַגיק, איז די נשמה פונ'ם ראָמאַן, דער פונדאַמענט פון אַלע ראָמאַנען. וואָרים וואו עס איז פאַראַן אמת'ע ליבע דאָרט געשעהען וואונדערליכע זאַכען, נסים.

די דאָזיגע טונקעלע, דאָך, אין אַ געוויסען זין, אומצווייפעלהאַפ־טיגע, אויסדרוקען פון נאָוואַליס'עס מיינונגען איבער דער פראַגע וועגען דער אמת'ער נאַטור פון דער פּאָעזיע און דעם ראָמאַן, מאַ־כען אונז לייכטער צו פאַרשטעהן זיין אורטייל בנוגע „ווילהעלם מייסטער", אַ בוך וואָס ער האָט שטאַרק באַוואונדערט אין זיין פריהער יוגענד. אין „ווילהעלם מייסטער", פּונקט ווי אין „טאָרקוואַטאָ טאַסאָ" איז די פּאָעזיע געצוואונגען אָפּצוטרעטען איהר פּלאַץ דער ווירקליכקייט, די פּראַקטישע אויפפאַסונג פון לע־בען פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון דער פּאָעטישער. נאָוואַליס האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלען עפּעס שענדליכערס פון דעם. עס איז געוועזען אַ זינד אַנטקעגען דעם הייליגען גייסט פון דער פּאָעזיע. אינ'ם ראָמאַן, אין דער ליטעראַטור, קען די פּאָעזיע ניט איגנאָרירט ווערען, קען אפילו ניט באַגרענעצט ווערען, זי מוז ווערען דערהויבען און גלאָריפיצירט.

דערפאַר באַשליסט ער צו שרייבען אַ ראָמאַן וואָס זאָל זיין פּונקט דער היפוך פון ווילהעלם מייסטער. ער שטעלט זיך אָפּ אפילו אויף אַזעלכע קליינינקייטען ווי שריפט און גרויס, און ער באַ־שטימט אַז בנוגע דעם זאָל „היינריך פאָן אָפטערדינגען" זיין פּונקט דער היפוך פונ'ם בוך וואָס זיין וועלטליכע פילאָזאָפיע וועט ער אָפּ־לייקענען מיט זיין מאַגישען מיסטיציזם. ער שרייבט צו טיק'ן:

„מיין ראָמאַן איז אין פולען גאַנג; ער וועט זיין אַ פאַרגעטערונג פון פּאָעזיע. אין דער ערשטער טייל וואַקסט היינריך פאַן אָפטערדינגען אויס אַ פּאָעט, אין דער צווייטער טייל איז ער שוין אַ באַרימטער פּאָעט. די מעשה וועט אין אַ סך פּרטים ענליך זיין צו אייער שטערנבאַלד, אָבער אָהן דער לייכטקייט וואָס דאָרט איז פאַראַן. דאָך וועט דאָס אפשר ניט זיין קיין חסרון ווען מען באַטראַכט די טעמע."

נאָוואַליס קריטיקירט גאַטעס'ן און „ווילהעלם מייסטער" אַזוי: „געטהע איז דורכאויס אַ פּראַקטישער פּאָעט. זיינע ווערק זיינען אַזוי ווי ענגלישע מלבושים: איינפאַך, געשמאַקפול, פּאַסיג פאַר זייער צוועק און דויערהאַפט... פּונקט ווי דער ענגלענדער, פאַרמאָגט ער אַ חוש פאַר אָרדנונג און עקאָנאָמיע און אַן אַנטוויקעלטען חוש פאַר פיינקייט און איידעלקייט... „ווילהעלם מייסטער'ס לערן יאָרען" איז, אין אַ געוויסען זין, לחלוטין מאָדערנע און פּראָזאַאיש. דאָס ראָמאַנטישע פאַרשווינדט דערין, דאָס זעלביגע איז אויך מיט פּאָעזיע — די מאַגישע אייגענשאַפט — פון דער נאַטור. דאָס בוך באַהאַנדעלט בלויז טאָג טעגליכע מענשליכע עסקים; די נאַטור און דער גלויבען אין איהרע מיסטעריעזע כחות ווערען כמעט ווי אויסגעלאָזען. עס איז אַ פּאָעטיש געשריבענע מעשה פון בורזשואזען שטוב לעבען, וואו דאָס וואונדערבאַרע ווערט אויסדריקליך באַהאַנדעלט ווי פּאָעזיע און פאַנטאַזיע. דער גייסט פון'ם בוך איז אַרטיסטישער אַטעאיזם. „ווילהעלם מייסטער" איז אַ „קאַנדיד" *) בנוגע פּאָעזיע".

אַלזאָ, נאָוואַליס'עס ציל איז צו שאַפען אַ ווערק וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון דעם, אַ ווערק וואו אַלץ ווערט סוף כל סוף רעדוצירט צו פּאָעזיע, וואו „די וועלט ווערט הוילע נשמה", ווייל אַלץ איז נשמה. „די שייכות פון דער נאַטור צו דער נשמה איז דער שייכות פון אַ סאָלידען קערפּער צו ליכט. דער סאָלידער קערפּער טיילט אָפּ ליכט, ברעכט עס פאַנאַנדער אין וואונדערליכע קאָ-

---

*) קאַנדיד איז דער נאָמען פון אַ העלד פון וואָלטער'ס אַ ווערק. זיין הויפּטכאַראַקטעריסטיק איז דאָס וואָס ער פאַרטראָגט אַלע צרות מיט פילאָזאָפישער גלייכגילטיגקייט. — איבערזעצער.

לירען א. אז. וו., א. אז. וו. מענשליכע באַשעפּענישען זיינען נשמה פריזמען.“

זיין ראָמאַן איז אַלזאָ אַן אַלעגאָריע, וואָס איהר שליסעל ליגט אין דער צויבער מעשה וואָס ווערט אריינגעפירט אינ׳ם ווערק די דאָזיגע צויבער מעשה דאַרף ווייזען ווי אַזוי די אמת׳ע אייביגע וועלט ווערט באַשאַפען; עס איז אַ שילדערונג פון דער ווידערגע־בורט פון דער מלוכה פון ליבע און פּאָעזיע וואו די גרויסע „וועלט נשמה שפּרייט זיך אויס און בליהט אויף אייביג“. נאָוואַליס גלויבט אַז ווי באַלד דער פּאַראַנענער הימעל און די פאַראַנענע ערד זיינען בטבע פּראָזאאיש, און ווי באַלד אונזער צייט איז אַ צייט פון פּראַק־טישקייט, מוז קומען אַ פּאָעטישער יום הדין, אַ צויבער שפּרוך מוז דורכגעבראָכען ווערען, איידער דאָס נייע לעבען קען אויפבליהען. דער קעניג יורקטורוס און זיין טאָכטער דרימלען, פאַרפרוירען אין זייער אייזיגען פּאַלאַץ. פּאַבעל (ד. ה. פּאָעזיע) און איהר ברודער, עראָס, באַפרייען זיי. עראָס איז דאָס קינד פונ׳ם אומרוהיגען פאָ־טער, שכל, און דער געטרייער מוטער, הארץ. פּאַבעל איז געקומען אויף דער וועלט צוליעב דער אומטרייקייט פון שכל; זי איז אַ קינד פון פאַנטאַזיע, טאָכטער פון לבנה; איקר קוואַטערין איז די הי־טערין פון דעם פאַמיליען אַלטאַר, סאָפי, די הימלישע חכמה.

דער „שרייבער“ מאַכט אַ קאָנספּיראַציע אַנטקעגען די גוטע כחות פון אָט דער אַלעגאָריע. דער שרייבער איז דער גייסט פון פּראָזע, ווייניג אויפגעקלערט; ער ווערט געשילדערט ווי ער האַלט אין איין שרייבען. ווען סאָפיא טונקט איין אַלץ וואָס ער האָט גע־שריבען אין אַ שיסעל וואָס שטעהט אויפ׳ן אַלטאַר, איז טיילמאָל אַביסעל דערפון נאָך לעזבאַר, אָבער אָפט ווערט עס אין גאַנצען אַראָפּגעוואַשען. טרעפט זיך אַז טראָפּענס פון דער שיסעל פאַלען אויף איהם, פאַלען זיי ווידער אַראָפּ פון איהם אין דער פאָרם פון ציפערן און געאָמעטרישע פיגורען, וועלכע ער קלייבט מיט חשק צו־נויף, ציהט זיי ארויף אויף אַ פּאָדעם און טראָגט זיי ארום זיין האַלז ווי אַ צירונג. דער שרייבער איז נאָוואַליס׳עס נורעדין. דער סוף פון דער מעשה איז, אַז דער פאָטער און די מוטער ווערען פאַר־שפּאַרט און דער אַלטאַר — צעשטערט.

אָבער פּאַבעל איז אַנטלאָפען. זי נידערט אַראָפּ אין קעניגרייך

פון „שלעגעלס“, און זי וואָרצעלט אוים שלעגעלס דורך דעם וואָס זי גיט איבער די „ליידענשאַפטען“ אין די הענט פון די טויט־ברענגענדיגע „שיקזאַלען“. „צייט“ און „מאָראַל“ זיינען איצט מעהר ניטאָ. „דער לעצטער פאָדעם פלאַקס איז אויסגעשפונען; דאָס טויטע איז באַלעבט; דאָס לעבען הערשט“. אין אַן אוניווערסאַלער שרפה ווערט די מוטער, הארץ, פאַרברענט אויף טויט, די זון פאַרשווינדט, און דאָס אייז ווערט צעשמאָלצען ארום דעם פּאַלאַץ פון ארקטורוס׳ן. עראָס און פאַבעל געהען אריין אין פּאַלאַץ איבער אַ נייער, גליקליכער ערד, וואָס ציהט זיך אוים ווייט און ברייט אונטער אַ נייעם הימעל. פאַבעל האָט דערגרייכט איהר מיסיע; זי האָט געבראַכט עראָס׳ן צו זיין געליבטער, דעם קעניג׳ס טאָכטער. עס בויט זיך אויף דאָס קעניגרייך פון פּאָעזיע.

„פעסט שטעהט דאָס קעניגרייך פון אייביגקייט
אין ליבע, שלום ענדיגט זיך דער שטרייט,
אַוועק איז שוין דער לאַנגער טרוים פון שמאַרץ,
סאָפי איז פּריסטערין פון יעדען הארץ.“

סאָפי פאַרנעמט דעם זעלביגען פּלאַץ אין אָט דער אַלעגאָריע וואָס בעאַטריצע פאַרנעמט אין דאַנטע׳ס גרויסער פּאָעמע.

דאָס וואָס ער הויבט אַזוי הויך אויף די אַלטע מייסטערזינגער איז, פאַרשטעהט זיך, געמיינט צו דערהויבען פּאָעזיע בכלל, אָבער זיין דערצעהלונג, ווי זי ווערט געגעבען אינ׳ם ראָמאַן, איז אין דער אמת׳ן די געשיכטע פון האַרדענבערג׳ס אייגען לעבען און שטערבען. היינריך פאָן אָפטערדינגען׳ס היים און שטילע קינדהייט דערמאָנען אונז אָן האַרדענבערג׳ס אַ חלום — וואָס איז טאָפּעלט רייך אין זיין באַדייטונג ווייל זיין פאָטער, אין זיין יוגענד, האָט אויך געהאַט אַזא חלום — גיט איהם אַ פאָרגעפיהל פונ׳ם מיסטעריעזען גליק פונ׳ם דיכטער׳ס לעבען, און ווייזט איהם, אין דער פאָרם פון אַ וואונדערליכער בלאָער בלום, דעם ציל פונ׳ם דיכטער׳ס בענקשאַפט און שטרעבונג.

כדי היינריך זאָל באַקאַנט ווערען מיט דער וועלט, ווערט באַשלאָסען אַז ער און זיין מוטער זאָלען פאָרען קיין אַגסבורג צוזאמען מיט עטליכע סוחרים. די אינצידענטען אויף דער רייזע

און די מעשיות פון זיינע רייזענדע באַליטער באַרייכערען איהם מיט איינדרוקען און מאַכען פרוכטבאַר די זריעה פון פּאָעטישען שאַפען וואָס ליגט פאַרבאָרגען אין זיין נשמה. זייערע אַלע גע־שפּרעכען דרעהען זיך אַרום פּאָעזיע און פּאָעטען; זיי דערצעה־לען איהם די מעשה פון אַריאָנ׳ען, און פּאָפּולערע לעגענדעס וואו פּאָעטען חבר׳ן זיך מיט מלכים, און זיי פילאָזאָפירען איבער פּאָעזיע און קונסט, ניט ווי סוחרים פון דער באַרבאַרישסטער צייט פון דער מיטעלאַלטער, נאָר ווי ראָמאַנטיקער פונ׳ם יאָ־1801. איינער פון זיי גיט, למשל, אַזאַ דערקלערונג פונ׳ם אינס־טינקטיווען אימפּולס פון דער מענשהייט צו פּלאַסטישער קונסט: „די נאַטור, ווילענדיג געניסען פון אַלע קונסטען וואָס זיינען אין איהר פאַראַן, האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין מענשליכע באַשעפעני־שען. אין זייערע נשמות, און דורך זיי, פרעהט זי זיך מיט איהר אייגענער גלאָריע, זי קלייבט אויס אַלץ וואָס איז צום אַנגענעמ־סטען און ליבסטען, און זי רעפּראָדוצירט עס אַזוי, אַז זי זאָל עס קענען באַזיצען און געניסען דערפון אויף פאַרשידענע אופנים.״

אין אַ שלאָס, וואוהין זיי קומען אַריין, באַגעגענט היינריך אַ געפאַנגען מזרח מיידעל, וואָס איהר רירענדיג קלאָג־ליד איז זעהר אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכען מיט׳ן ליד פון דער אָריענ־טאַלישער שעהנהייט (La Captive) אין וויקטאָר הוגאָ׳ס „די אָריענטאַלען״. אין אַ בוך וואָס געהערט צו אַ מיסטעריעזען פרוש (דער אָריגינאַל פונ׳ם בוך פונ׳ם האַלץ־קוילען ברענער אין איב־געמאַנ׳ס Voldemar Sejer) געפינט ער די געשיכטע פון זיין איינען לעבען.

די רייזענדער קומען אָן קיין אוגסבורג, און דאָ באַקאַנט זיך היינריך מיט אַ פּאָעט און מיט אַ צויבערדיג מיידעל. אין קלינג־זאָר׳ן געפינט ער אַן איידעלען ביישפּיל פון אַ פול אַנטוויקעלטען פּאָעט, וואָס זיינע אויסדרוקען דערמאָנען אונז אויף פאַרשידענע אופנים אָן געטע׳ן. במעט אַלץ וואָס קלינגזאָר זאָגט איז וואונ־דערבאַר שכל׳דיג און קלוג. מיר קענען קוים פאַרשטעהן ווי אַזוי נאָוואַליס אַליין האָט געקענט ניט נעמען עפּעס דערפון אין האַרצען אַריין. אָט זיינען עטליכע פון זיינע באַמערקונגען: „וויפיעל איך זאָל אייך ניט רעקאָמענדירען נאָכצוגעהן אייערע

נאַטירליכע נייגונגען אריינצודרינגען אינ'ם תוך פון זאַכען, צו שטודירען די געזעצען פון אורזאַכליכקייט, וועט עס ניט זיין שטאַרק גענוג. קיין זאַך איז ניט נויטיגער פאַר'ן פּאָעט ווי אריינ־צודרינגען אין דער טבע פון יעדער געשעהעניש, און וויסען די מיטלען מיט וועלכע צו דערגרייכען יעדען ציל... ענטוזיאזם אָהן פאַרשטאַנד איז נוצלאָז און געפערליך, און דער דיכטער וועט קענען באַווייזען ווייניג נסים אויב ער אליין ווערט נשתומם פון נסים... ווי שטיל און גערלאַנקענרייך דער יונגער פּאָעט זאָל ניט זיין, איז עס אַלץ צו ווייניג. די אמת'ע, מעלאָדישע שפּראַך־שעהנקייט פאָדערט א ברייטע, שטילע, באַאָבאַכטענדיגע נשמה." אָבער אין איין פּונקט שטימען קלינגזאָר און נאָוואַליס אין גאַנצען איין, דהיינו, אז אַלץ איז, און מוז זיין, פּאָעזיע. „עס איז א גרויס אומגליק וואָס פּאָעזיע האָט א באַזונדערען נאָמען און וואָס פּאָעטען זיינען א באַזונדערע פּראָפעסיע. עס איז ניטאָ קיין שום באַזונדער אָדער ספּעציעלע זאַך אין פּאָעזיע. זי איז די האַנדלונג פאָרם וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מענשלי־כער פּסיכיק. שטרעבען דען ניט אַלע מענשען פּאָעטיש יעדע רגע פון זייער לעבען?"

היינריכ'ס אַלע ליבע בענקשאַפטען ווערען באַפרידיגט ווען ער זעהט קלינגזאָר'ס טאָכטער, מאַטילדע'ן. ער פיהלט נאָכאַמאָל אזוי ווי ער האָט געפיהלט ווען ער האָט געהאַט די זעהונג פון דער בלאָער בלום. אָבער מאַטילדע ווערט דערטרונקען. היינריך פאַרלירט זי אָט ווי נאָוואַליס האָט פאַרלוירען סאָפי פאָן קין. ער פאַרלאָזט אוגסבורג מיט א צובראָכען הארץ. אין זיין צער ווערט ער געטרייסט פון א זעהונג (ווי די זעהונגען וואָס נאָוואַליס האָט געהאַט ביי סאָפי'ס קבר) וואו עס באַווייזט זיך צו איהם די פאַרשטאָרבענע און ער הערט איהר קול. ער לעבט „מיט דער פאַרשטאָרבענער" אין א ווייטען מאָנאַסטיר, וואָס די דאָרטיגע מאָנאַכען האָבען א מיסיע צו דערהאַלטען ביים לעבען דאָס היי־ליגע פייער אין יונגע נשמות, און וואָס זעהט אויס צו זיין א מין „גייסטער קאָלאָניע". ער לעבט איבער אַלע געפיהלען, וועלכע נאָוואַליס האָט אויסגעדריקט אין זיינע „הימנען צו דער נאַכט", דערנאָך קערט ער זיך אום פון דער גייסטער וועלט צום לעבען

און פארליבט זיך אין אַ מענשען, וואָס איז ניט ווייניגער וואונ־דערבאר ווי דער אָביעקט פון זיין ערשטער ליידענשאפט. דיאַנע פארנעמט מאַטילדע'ס פּלאַץ.

די צווייטע טייל פון ראָמאן איז בלויז א סקיצע. היינריך וואַנדערט ארום דער גאַנצער וועלט, נאָך דעם ווי ער לעבט איבער אַלע וועלטליכע ערפאַרונגען „ציהט ער זיך ווידער צוריק אין זיין נשמה אריין, אזוי ווי אין זיין אַלטער היים". מאַטע־ריעלע זאַכען ווערען איצט פארוואַנדעלט אין גייסטיגע זאַכען. „די וועלט ווערט א חלום, דער חלום ווערט אַ וועלט". היינריך געפינט ווידער מאַטילדע'ן, אָבער מען קען זי מעהר ניט אונטער־שיידען פון ציאַנע'ן, — פּונקט ווי אין נאָוואַליס'עס אייגען לע־בען איז יוליע ניט מעהר געוועזן יוליע, נאָר א לעבעדיגע געוואָ־רענע סאָפיע. און איצט ווערט געפייערט דער „יום טוב פון דער נשמה", פון ליבע און אייביגער טרייקייט. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט פארנעמט די אַלעגאָריע דעם אויבען אָן. דער פּרינ־ציפּ פון גוטס און דער פּרינציפּ פון שלעכטס קומען ארוים אין אַן אָפענער קאָנקורענץ, זינגענדיג אַנטיפאָניעס; דאָס זעלביגע טוען די וויסענשאפטען, אפילו מאַטעמאַטיק. מיר הערען אַ סך וועגען אינדיאַנער פּלאַנצען, ער מאַכט אז די לאָטוס בלום זאָל שפּילען אַ ראָלע אַזוי ווי זי וואָלט געהאַט אין זיך עפּעס פון דער „בלאָער בלום".

דער סוף פון דער מעשה ווערט בלויז אָנגעוואונקען. היינ־ריך געפינט די „בלאָע בלום" — דאָס איז מאַטילדע. „היינריך רייסט אָפּ די בלאָע בלום און באפרייט מאַטילדע'ן פונ'ם כישוף וואָס האָט זי געבונדען, נאָר ער פארלירט זי ווידער. דערשלאָגען פון צער, פארוואַנדעלט ער זיך אין א שטיין. עדא, וועלכע, א חוץ דעם וואָס זי איז „זי אליין", איז זי אויך די בלאָע בלום, די אָריענטאַ־לישע געפאַנגענע, און מאַטילדע (פּירפּאַכיגע Doppelgangerei) איז זיך מקריב פאר'ן שטיין, וואָס פארוואַנדעלט זיך דערנאָך אין א זינגענדיגען בוים. ציאַנע האָקט אראָפּ דעם בוים און פאר־ברענט זיך צוזאַמען מיט איהם, און דער בוים פארוואַנדעלט זיך אין א גאָלדענעם ווידער. עדא־מאַטילדע איז געצוואונגען מקריב צו זיין דעם ווידער, און היינריך ווערט צוריק א מענש. בעת דער

טראַנספאָרמאַציעס האָט ער כל'ע מינים וואונדערבאַרע גע־שפּרעכען". דאָס קענען מיר לייכט גלויבען.

אין דער דענישער ליטעראַטור איז אינגעמאַנ'ס „די שווארצע ריטער" דאָס ווערק וואָס איז צום נאָהענטסטען צו היינריך פאָן אָפטערדינגען. פון אינגעמאַנ'ס אויטאָביאָגראַפיע געפינען מיר אויס גענוי אין וואָסער הינזיכט דער גייסטיגער צושטאַנד זיינער, בעת ער האָט געשריבען דאָס דאָזיגע בוך, איז געווען ענליך צו די דייטשישען ראָמאַנטיקערס. „איך האָב זעהר ווייניג אויפמערק־זאַמקייט געשאָנקען די גרויסע געשעהענישען וואָס זיינען פאָרגע־קומען אין דער דרויסענדיגער וועלט. אפילו די שרפה אין מאָסקווע, דער חורבן פון דער „גרויסער ארמיי" און נאַפּאָלעאָנ'ס פאַלען זיינען פאַר מיר בלויז געווען פאָרבייגעהנדיגע ערשיינונ־גען. אפילו אין דער דייטשישער „באַפרייאונג־מלחמה" האָט איך בלויז געזעהן אַ צעטיילט פאָלק אין קאַמף מיט זיך אַליין, נאָכגע־כחות אָהן יעדען פּרינציפּ פון אחדות און האַרמאָניע. צ ו ו י־ ש ע ן ד ע ם א י ד ע א ל ע ן ל ע ב ע ן א ו ן ד ע ם מ ע נ ש ל י כ ע ן ל ע ב ע ן א י ז ג ע ל ע ג ע ן א ן אָ פּ ע נ ע ר אָ פּ ג ר ו נ ט, וואָס בלויז דער הימלישער רע־גענבויגען פון ליבע און פּאָעזיע האָט געקענט אריבערגעהן... שריי־בענדיג בין איך אריין אין אַ פייען לאַבירינט וואו ליבע איז געווען מיין אריאַדנע פאָדעם, און אין וועלכער איך האָב געהאָפט א י י נ צ ו ש ל ע פּ ע ן פ ו ן ד י מ אָ נ ס ט ע ר פ ו ן ל ע ב ע ן, מאַכען פונ'ם דיסאָנאַנס אַ גרויסע וועלט האַרמאָניע און פאַרענטפערען די וועלט מיסטעריע מיט דער גרויסער האַרף פון דער לעבענס־פּאָעזיע, וואָס איהרע סטרונעס האָט די געניא־ליטעט געצווייגען פון פעלז צו פעלז איבער'ן שווארצען אָפּגרונט."

דער פּועל יוצא פון אָט דעם פאַרזוך איז געווען קלאָגעדיג.

עס איז זיכער אז אין „היינריך פאָן אָפטערדינגען" איז נאָ־וואַליס'ן געלונגען צו שאַפען עפּעס וואָס איז אַזוי ווייט ווי מעגליך פון „ווילהעלם מייסטער". די „בלאָע בלום" איז געווען דער עמבלעם פונ'ם אידעאַל. דאָ זעהען מיר ווי דאָס רעאַלע ווערט פאַרגעסען אינ'ם אידעאַלען און דאָס אידעאַלע — אין זיין עמבלעם. פּאָעזיע ווערט לחלוטין אָפּגעזונדערט פון לעבען. נאָ־

וואַלים דענקט אַז אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. אין „אָפּטערדינ־
גען" זאָגט ער וועגען פּאָעטען: „בלויז אַ סך געשעהענישען און
וויכטיגע וועלען זיי צעטומלען. אַ פּשוט לעבען איז זייער גורל,
און זיי מוזען זיך באַקענען מיט פאַרשידענע און צאָלרייכע ער־
שיינונגען פון דער דרויסענדיגער וועלט בלויז דורך
מעשיות און ביכער. אין משך פון זייער לעבען
מעגען זיי בלויז אין זעלטענע פאַלען זיך אריינוואַרפען אין ווילדען
שטורעם פון עפּעס אַ גרויס געשעהעניש, כדי זיי זאָלען קריגען
גענויערע ידיעות וועגען דער פּאָזיציע און דעם כאַראַקטער פון
אַקטיווע מענשען, זייערע פרייע אויפנעמבאַרע מוחות זיינען גאַנץ
גענוג פאַרנומען מיט נאָהענטע און איינפאַכע ערשיינונגען... דאָ
אויף דער ערד, פאַרמאָגענדיג שוין די הימלישע רוה, ניט ווע־
רענדיג געפּייניגט פון נישטיגע פאַרלאַנגען, איינאַטעמענדיג בלויז
דעם ריח פון ערדישע פרוכטען, ניט פאַרשלינגענדיג זיי, זיינען זיי
פרייע געסט, וואָס זייערע גאָלדענע פיס טרעטען לייכט, און וואָס
זייער פאַראַנענקייט מאַכט אַז ניט ווילענדיג זאָלען זיי אויס־
שפּרייטען זייערע פליגעל... אויב מיר פאַרגלייכען דעם דיכטער
מיט'ן העלד, וועלען מיר אויסגעפינען אַז אַ סך מאָל האָט דעם
פּאָעט'ס ליד אויפגעוועקט אַ העלדישען מוט אין יונגע הערצער,
אָבער העלדישע טאַטען האָבען קיינמאָל ניט ארויסגערופען אין
לעבען דעם גייסט פון פּאָעזיע אין קיין שום נשמה".

מען וואָלט געקענט קלאָרער דעפינירען דעם פונדאַמענטאַ־
לען טעות. לויט אָט דער טעאָריע איז פּאָעזיע ניט דער אויס־
דרוק פון לעבען און זיינע מעשים; ניין, דאָס לעבען און זיינע
מעשים שטאַמען פון פּאָעזיע. פּאָעזיע באַשאַפט דאָס
לעבען. עס איז קיין ספק ניט אַז עס איז פאַראַן אַזאַ פּאָעזיע
וועגען וועלכער מען קען אַזוי זאָגען; אָבער אויב עס איז פאַראַן
אַן איינציגער סאָרט פּאָעזיע בנוגע וועלכער דאָס קען קיינמאָל
ניט זיין אמת, איז דאָס טאַקע די פּאָעזיע וועגען וועלכער עס
רעדט זיך ביי איהם. צו וואָסער מעגליכע מעשים קען זי אָנרע־
גען? אַז אימיצער זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ זינגענדיגען בוים
אָדער אַ גאָלדענעם ווידער? דאָ איז לחלוטין ניט קיין פראַגע
וועגען האַנדלונג, נאָר בלויז וועגען בענקשאַפט.

דאס בעסטע אין נאוואליס'עס ווערק איז בלויז אן אויסדרוק פון דער דאזיגער בענקשאפט, וואס נעמט אין זיך אריין יעדען פארלאנג, פון די ריין נאטירליכע ביז די העכסטע שטרעבונגען. די שעהנסטע זאכען וואס ער האט געשריבען זיינען, דוכט זיך, צוויי לידער, איינס דריקט אוים די ליידענשאפטליכע בענקשאפט פונ'ם יונגען מיידעל, דאס אנדערע דערציילט פון דער בענקשאפט וואס איז אן אינניגע טייל פון דער ענטוזיאסטישער פריינדשאפט פון יונגע לייט.

דאס ליד וואו די יונגע מיידלעך באקלאגען זיך אויף די שווערינקייטען פון זייער גורל, איז גרויסארטיג. דא איז די „בלאע בלום" פשוט א פארבאטענע פרוכט. אבער די בענקשאפט ווערט אויסגעדריקט מיט כשופ'דיגער שעלמישקייט. אינ'ם ליד „צו א פריינד" ווערט זי גאר אויסגעדריקט מיט פייער און הייליגקייט:

Was passt das muss sich runden,
Was sich versteht, sich finden,
Was gut ist, sich verbinden,
Was liebt, zusammen sein,
Was hindert, muss entweichen,
Was krumm ist, muss sich gleichen,
Was fern ist, sich erreichen,
Was keimt, das muss geseihn.

Gieb Freulich mir die Hande,
Sei Bruder mir und wende
Den Blick vor Deinem Ende
Nicht wieder weg von mir.
Ein Tempel wo wir knien,
Ein Ort wohin wir ziehen,
Ein Gluck fur das wir gluhen,
Ein Himmel mir und dir!''

דא געפינען מיר א בענקשאפט כמעט ווי ביי א קרייצטראגער — א זוכעניש ערגיץ אין דער ווייטקייט נאך עפעס גרוים און בארימטס. די „בלאע בלום" צעגעהט אין דער בלאקייט פון האריזאנט. בלויז איהר קאליר באצייכענט ווייטקייט.

לאָמיר זיך אביסעל מעהר אָפּשטעלען אויף אָט דער בלום. אין שפּילהאַגען'ס „פּראָבלעמאַטישע נאַטורען" זאָגט איינער פון די העלדען: „דו געדענקסט די בלאָע בלום אין נאָוואַליס'עס דער־ציילונג? ווייסט וואָס זי איז? עס איז די בלום וואָס קיין שטערבליך אויג האָט נאָך ניט געזעהן און דאָך איז די וועלט פול מיט איהר ריח. ניט יעדע בריאה איז געמאַכט גענוג דעלי־קאַט צו דערפיהלען איהר פּערפום; אָבער די נאַכטיגאַל איז פאַר'שכור'ט מיט אָט דעם פּערפום ווען זי זינגט און קלאָגט און זיפצט אין לבנה ליכט און אין גראָען באַגינען; און אַזוי זיינען געוועזן און אַזוי זיינען אַלע נאַרישע מענשען, וואָס האָבען אין פּראָזע און אין פּערזען אויסגעגאָסען און גיסען אויס זייערע וועה־טאָגען פאַר גאָט; און אַזוי איז אויך מיט נאָך מיליאָנען, וואָס גאָט האָט זיי ניט געשאָנקען די קראַפט אויסצודריקען וואָס זיי ליידען, און וואָס קוקען אין שטומער אנגסט אַרויף צו גאָט, וואָס האָט גאַר קיין רחמנות ניט אויף זיי. און אָך, פאַר די דאָזיגע ליידען איז גאַר קיין רפואה ניטאָ — קיין רפואה אַ חוץ דער טויט. דער וואָס האָט אַמאָל אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון דער בלאָער בלום האָט שוין קיין רוהיגע רגע ניט אין זיין לעבען. ווי אַ מערדער, אָדער ווי איינער וואָס האָט גאָט פון זיין טיר פאַר־יאָגט, ווערט ער אַלץ ווייטער פאַרטריבען, אַלץ ווייטער, ווי שטאַרק זיינע מידע גלידער זאָלען איהם וועה טאָן, און ווי היים ער זאָל ניט גאַרען אוועקצולייגען זיין מידען קאָפּ. ווען אַ דאָרשט פּיי־ניגט איהם, בעט ער אַ טרונק אין ערגעץ אַ כאַטע; אָבער ער קערט אום די ליידיגע שעפּ אָהן אַ דאַנק, ווייל זי איז געוועזן שמור־ציג, אָדער אַ מיאוס'ער אינזעקט איז געוועזן אין וואַסער — יעדענפאַלס ער האָט דערין קיין דערפרישונג ניט געפונען. דער־פרישונג! וואו זיינען די אויגען וואָס האָבען ביי אונז צוגענומען דעם פאַרלאַנג אַריינצוקוקען ווען ניט איז אין אַנדערע, ליכטיגערע און וואַרימערע אויגען? וואו איז די ברוסט אויף וועלכער מיר האָבען גערוהט מיט אַ געוויסען געדאַנק אַז מיר וועלען קיינמאָל ניט בענקען זיך צוצוהערען צום קלאַפּען פון אַ וואַרימער, און מעהר ליבענדיגער הארץ? וואו? קענט איהר מיר זאָגען וואו?

— „ליבע — אַזוי געהט דער ענטפער — איז דער ריח פון

דער בלאָער בלום, וואָס, ווי איהר האָט געזאָגט, פּילט אָן די וועלט; און אין יעדען הארץ, וואָס איהר ליבט מיט'ן גאַנצען הארצען האָט איהר געפונען די בלאָע בלום."

„איך האָב מורא אז דאָס איז ניט קיין ענטפער אויפ'ן רעדעניש — זאָגט דער העלד מיט חוזק — וואָרים אָט די באַדינגונג, אַז מיר זאָלען ליב האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען... קענען מיר קיינמאָל ניט אויספּירען. ווער פון אונז קען ליב האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען? מיר זיינע אַלע אַזוי מיד, אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז מיר האָבען ניט דעם כח און ניט דעם מוט וואָס איז דער תוך פון דער אמת'ער, ערנסטער ליבע — די ליבע וואָס שווייגט ניט ביז זי באַהערשט יעדען געדאַנק פון א מענשענ'ס מח, יעדעס געפיהל פון זיין הארץ, יעדען טראָפּען בלוט אין זיינע אָדערען."

די דאָזיגע אויסטייטשונג איז א שעהנע, און זי איז אמת אָבער ניט אויספּירליך. ניט בלויז אין ליבע, נאָר אין יעדען פּעלד פון לעבען שטעלט די בלאָע בלום מיט זיך פאָר דאָס פולקאָמענע, און אויף אַזוי ווייט דאָס אידעאַלע, און דאָך דאָס ריין פּערזענליכע גליק. די בענקשאַפט נאָך אַזאַ גליק, וואָס איז לויט זיין טבע אומדערגרייכבאר, איז דער שטענדיגער, אומרוהיגער פּארלאַנג וואָס אַלע ראָמאַנטיקער שילדערען.

קיין איינער פון די געוועהנליכע דייטשישע ראָמאַנטיקער איז דוכט זיך ניט אַזוי פולשטענדיג ווי דער פּאָעט פון ראָמאַנטישער בענקשאַפט ווי שאַק סטאַפּעלט, וואָס האָט געשריבען אין דעניש, כאָטש ער איז א געבוירענער דייטש. אָבער ער שילדערט ניט די בענקשאַפט וואָס רופט ארויס אויסוויינגסטע אומרוהיגקייט. זיין בענקשאַפט איז גאָר צו טיף אז זי זאָל זיך באַפרידיגען מיט וואַנדערען ארום דער וועלט. ערשט אין די שריפט פון א טייל פון די שפּעטערע ראָמאַנטיקער ערשיינט בענקשאַפט ווי אַן אומרוהיגער פּארלאַנג וואָס טרייבט דעם מענשען פון פּלאַץ צו פּלאַץ.

מיר שיינט אַז די טיפּישסטע שילדערונג דערפון געפינען מיר אין אייכענדאָרפ'ס ראָמאַן „פונ'ם לעבען פון א שלים מזל". דאָס בוך איז ערשינען אין 1824 און געשריבען געוואָרען צוואַנציג

יאָהר נאָך היינריך פאָן אָפטערדינגען, כאָטש דער שרייבער איז בלויז מיט צעהן יאָהר איונגער געווען פון נאָוואַליס׳ן, טיק׳ס א תלמיד, אַן אולטראַ־ראָמאַנטיקער מיט א פרומער, ליבליכער נאַטור.

יאָזעף, באַראָן פאָן אייכענדאָרף, א זוהן פון א הויך געשטעלטען אדעליגען, איז געבוירען געוואָרען אין אויבער שלעזיען אין 1788. זיין פאַמיליע איז געווען א קאטוילישע און ממילא האָט א קאטוילישער גייסטליכער געהאַט אויפזיכט איבער זיין ערשטער ערציהונג. אין 1805 איז ער אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט פון האַלע צו שטודירען יוריספּרודענץ, און צווישען אנדערע לעקציעס האָט ער אויך גענומען די לעקציעס פון די פּראָפעסאָרען שלייערמאַכער און סטעפענס, וואָס דער צווייטער פון זיי האָט איהם באַזונדערס צוגעצויגען. דאָ האָט ער זיך צום ערשטען באַקאַנט מיט דער ראָמאַנטישער ליטעראַטור; נאָוואַליס האָט פאַר איהם געעפענט א נייע טרוים־וועלט, פול מיט הבטחות. אויף זיינע סאַמע ערשטע יום טובים איז ער געפאָרען קיין וואַנדסבעק צו באַזוכען דעם אַלטען קלאַודיוס, וואָס איהם האָט ער ליב געהאַט זינט זיין פריהער יוגענד. קלאַודיוס׳עס ציידונג „דער וואַנדסבעקער באָטע” איז געווען זיין גרעסטע טרייסט אין די צייטען ווען זיין לערער האָט איהם געמאַטערט מיט מוסר השכל׳דיגע קינדער ביכלעך. פאַראַן עפּעס פון קלאַודיוס׳עס מילדען הומאָר אין אייכענדאָרף׳ס אייגענער פּאָעזיע.

דאָס יאָהר 1807 האָט איהם געטראָפען אין היידעלבערג, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט די ראָמאַנטיקער וואָס האָבען דאָרט געלעבט; ארנים, ברענטאַנאָ און גערעס זיינען געווען די באַרימטסטע. ער האָט געהאָלפען ארויסגעבען „דעס קנאַבען וואונדערהאָרן” (א באַרימטע זאַמלונג פּאָפּולערע לידער און פּאָעזיע), און מיטגעאַרבייט מיט גערעס׳ן אין זיין ווערק איבער דער אַלטער פאָלקס ליטעראַטור. אין 1809 האָט ער ווידער באַגעגענט ארנים׳ען און ברענטאַנאָ׳ן אין בערלין. דאָ האָט ער זיך אויך באַקאַנט מיט אדאַם מילער׳ן וואָס האָט געהאַט א היבשען איינפלוס אויף איהם. ער איז אויך שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרען פון פיכטע׳ס לעקציעס.

אזוי ווי עס האָט זיך פאַר איהם ניט געוויזען קיין אויסזיכט אויף א קאַריערע אין פּרייסען, איז ער אוועק אין 1810 קיין וויען, כדי צו ווערען אַן אנגעשטעלטער ביי דער עסטרייכישער רעגיערונג.

אין וויען האָט ער פיעל פון זיין צייט פאַרבראַכט אין פרידריך שלעגעל'ס געזעלשאַפט, זיך נאָהענט באַפריינדט מיט שלעגעל'ס שטיפזוהן פיליפּ פייט, דעם מאָלער, און געשריבען זיין ערשטע גוזמאַדיג־ראָמאַנטישע דערציילונג „אַנונג אונד געגענוואַרט", וואָס איז בלויז א זאַמלונג לירישע חלומות און פאַנטאַזיעס. פון דעסטוועגען האָט ער אין דעם ווערק, אַזוי גוט ווי אין זיינע שפּעטערע שאַפונגען, געוואָלט אַרויסברענגען דעם קאָנטראַסט פון דער וואַרימער האַרמאָנישקייט וואָס עקזיסטירט צווישען דער פרישער, געזונטער מענשהייט און דער נאַטור אין וואַלד, טייך, בערג, שיינענדיגע מאָרגענס און פאַר'חלום'טע שטערען־באַלויכטענע נעכט, ביז די פוסטע פאַרגעניגענס פון דער גרויסער וועלט און די געמאַכטע צניעות און אמת'ע פאַרבאָרגענקייט פון יענער צייט." פונקט ווי אַלע זיינע ווערק איז אויך דאָס פול מיט ריזיקאַלישע פּאַסירונגען. אַזוי שנעל ווי ער פאַרלאָזט די וועלט פון פרעהליכען וואַגאַבונד לעבען אין ראָמאַנטישע ריזיקאַלישע רייזעס, איז ער אין געפאַר אַריינצופאַלען אינ'ם איבערנאַטירליכען און שרעקליכען.

אָנשטאָט אָנצונעהמען א שטעלע ביי דער עסטרייכישער רעגירונג, ווי ער האָט אין זין געהאַט, האָט ער באַשלאָסען זיך צו באַטייליגען אין דער מלחמה אַנטקעגען נאַפּאָלעאָנ'ען. ער איז אַריין אין ליצאָוו'ס באַרימטען, פרייען קאָרפּוס און איז צוגעזעצט געוואָרען צו א מיליציע באַטאַליאָן. ער איז נאָר וואָס באַפרייט געוואָרען און גלייך איז אָנגעקומען די ידיעה אַז נאַפּאָלעאָן האָט זיך אומגעקערט פון עלבא. ער האָט באַלד ווידער וואָלונטירט אין דער אַרמיי, און איז אַריין אין פּאַריז מיט די דייטשישע סאָלדאַטען.

שפּעטער צו האָט ער באַקומען אַ שטעלע אין פּרייסישען קולטוס מיניסטעריום, און איז געוואָרען א געוויסענהאַפטער און פעהיגער באַאַמטער. אין 1840 האָט א ויכוח צווישען דער רעגירונג און די רוימיש קאַטוילישע בישאָפען פאַראורזאַכט אַן אָנגעשטרענגטע באַציהונג צווישען איהם (דעם גוטען קאַטאָליק) און דעם הויפּט פון זיין דעפּאַרטמענט. ער האָט אַריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציע, אָבער מען האָט זי ניט גלייך אָנגענומען; מען האָט איהם פאַרגעבען צוצוגרייטען א באַריכט וועגען דעם רעמאָנט אין מאַריענבורגער שלאָס.

ווען ער האָט זיך אויסגעלערענט גוט שפּאַניש האָט ער אי־

די דאָזי־ Autos Sacramentales בערזעצט אביסעל פון קאַלדעראָנ'ס גע ארבייט האָט איהם געפירט צו א נעהענטערע פארבינדונג מיט די פירער פון די אולטראַראָמאַניסטישער פּארטיי *) אין זיינע שפּעטערע יאָרען האָט ער קריטיקירט די מאָדערנע דייטשישע לי־טעראַטור לויט'ן גייסט פון אָרטאָדאָקסישען קאַטאָליציזם שרייבענ־דיג וועגען דער קאַטוילישער טענדענץ פון די ראָמאַנטיקער אזוי ווי זי וואָלט געוועזען די וויכטיגסטע און בעסטע זייט פון דער שול, און באַהאַנדלענדיג דעם פאַקט וואָס עטליכע פון די פירער האָ־בען געביטען זייערע מיינונגען בנוגע דעם דאָזיגען ענין ווי אַן אוועקפאַל פונ'ם אמת און ווי א צייכען פון ליטעראַרישער דעגע־נעראַציע. ער האָט געקוקט מיט פאראַכטונג אויף שילער'ס העלדען מיט זייער „רעטאָרישער אידעאַליטעט", און אויף דער סימבאָ־לישער „נאַטור פּאָעזיע" פון געטע'ס קלענערע לידער. „ווי אַנ־דערש איז — זאָגט ער — די גרויסע אידעע פונ'ם ראָמאַנטיזם: ה י י ם ־ וו ע ה, א בענקשאַפט נאָך דער פאַרלוירענער היים, ד. ה. נאָך דער אַלוועלטליכער קאַטוילישער קירך." צוזאַמען מיט די דאָזיגע אומלאָגישע טעאָריעס האָט ביי אייכענדאָרפ'ן געלעבט א ווירקליכער און היבשער לירישער טאַלאַנט. קיינער האָט, אין א קאָנדענסירטער פאָרם, ניט געגעבען קיין בעסערע רעפּרעזענ־טאַציעס פון די בענקשאַפטען און אידעאַלען פונ'ם ראָמאַנטיזם. אין דער קליינער דערציילונג „פונ'ם לעבען פון א שלים מזל" דוכט זיך אז מיר הערען דאָס צוויטשערען און זינגען פון יונגען ראָמאַנטיזם, אזוי ווי ער וואָלט איהם געכאַפּט און פארשפּאַרט אין א שטייג. דער גאַנצער ראָמאַנטיזם איז דאָרט — דער ריח פון וואַלד און דאָס געזאַנג פון פויגעל; דאָס גאַרען ארומצווייזען און דאָס פארגעניגען דערפון, ספּעציעל ווען דער ציל איז אי־טאַליען; זונטאָג געפיהלען און לבנה ליכט; דאָס עכטע ראָ־מאַנטישע ארומשלעפּען זיך און ליידיג געהעריי — אזא ליידיג־געהעריי, וואָס פון ניט באַנוצען די אברים הויבען זיי אָן ארוים־

---

*) די וואָס האָבען געהאַלטען אז דער פּאַבסט איז דער הויפּט פון אַלע קירכען, און אז עס דאַרפען ניט זיין קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע קירכען. — איבערזעצער.

פאלען פון זייערע געלענקען, און דער העלד הויבט אן צו פיהלען אזוי ווי ער וואלט „צעפאלען אויף שטיקער".

דער שלים מזל איז א מילנער'ס א זוהן, יונג און ארים, וואס זיין איינציג פארגעניגען אין לעבען איז צו ליגען אונטער די ביימער און קוקען אין הימעל אריין, אדער ארומוואנדערען אונ־טערוועגס, אהן א צוועק, מיט א ציטרע און זינגען אזעלכע טרויע־ריגע און שעהנע לידער, אז די הערצער פון אלע וואס הערען איהם „בענקען". „יעדער איינער, זאגט ער, האט זיין באשערט ארט אויף דער ערד, זיין ווארימען קאמין, זיין טעפעל קאווע, זיין ווייב, זיין גלאז וויין אין אווענט, און איז צופרידען. אבער איך בין אין ערגיץ ניט צופרידען". ער, דער באשיידענער גערטנער (דאס איז זיין פאך, ווען ער ארבייט נאר) פארגעטערט זיין חשוב'ע ליבליכע דאמע, ווענען ער האט בלויז איין מאל אדער צוויי מאל געזעהן; ער ווענדט זיך צו איהר אין א שעהן און רירענדיג ליעד:

''Wohin ich geh und schaue
In Feld und Wald und Thal,
Vom Berg hinab in die Aue,
Vielschone hohe Fraue,
Gruss ich dich Tausendmal.

''In meinem Garten find' ich
Viel Blumen, schon und fein,
Viel Kranze wohl draus wind' ich,
Und Tausend Gedanken bind' ich
Und Grusse mit derein.

''Ihr darf ich keinen reichen,
Sie ist zu hoch und schon;
Sie mussen alle verbleichen,
Die Liebe nur ohne Gleichen
Bleibt ewig im Herzen stehn.

''Ich schein' wohl froher Dinge
Und schaffe auf und ab,
Und ob das Herz zerspringe,

Ich grabe fort und singe
Und grab mir bald mein Grab.'' *)

דורכ'ן איינפלוס פון זיין דאַמע איז ער געשטיגען צו דער שטעלע פון א דירה־געלט מאָנער פונ'ם שלאָס. פונ'ם פריהערדיגען מאָנער האָט ער געירש'ענט א גרויסאַרטיגען שלאָפראָק, א רויטען, מיט געלע פינטעלעך, א פאָר גרינע לאַטשען, א נאַכט קאַפּעל און עטליכע ליולקע ציבוקס.

אָנגעטאָן אין זיין נייעם פוץ, און רויכערנדיג די לענגסטע ליולקע וואָס ער קען געפינען, לעבט ער א שטיקעל צייט א שטיל, לייכט לעבען, אויסגראָבענדיג אַלע קאַרטאָפלעס און גרינסען פון זיין גאָרטען און פלאַנצענדיג בלומען אויף זייער אָרט, און אַוועקלייגענדיג יעדען מאָרגען א בוקעט אויף א שטיינערנעם טיש, וואו זיין

*) פון אומעטום וואו כ'בין נאָר,
פון וואַלד און פעלד און טאָל,
פון באַרג און פון דער לאָנקע,
גרים איך דיך טויזענט מאָל,
מיין שעהנע, איוד'לע פריי.

ביי מיר אין גאָרטען בליהען
פיעל בלומען שעהן און פיין.
פאַרבינד איך זיי אין קראַנצען
און בינד אין זיי געדאַנקען
און גרוסען אויך אריין.

איהר גיב איך ניט קיין קראַנצען
זי איז צו גרויס און שעהן,
די בלומען וועלען וועלקען,
און אייביג בלייבט אין הארצען
די ליבע נאָר אַליין.

איך אַרבייט און עס דאַכט זיך
מיין פרייד אין מיר איז גרויס,
און מעג דאָס האַרץ צעפּלאַצען
איך גראָב און גראָב און זינג מיר,
און גראָב מיין קבר אויס.

דאָמע וועט איהם זיכער געפינען. דאָס ציהט זיך אַזוי לאַנג ביז זי פאַרשווינדט פון זיין האָריזאָנט. איין מאָל, בעת ער זיצט אַזוי ביי זיין בוך פון חשבונות, און די ציטרע לעבען איהם, פאַלט אַ זון־שטראַל דורכ'ן פענסטער אויף איהרע פאַרשטויבטע סטרונעס. „ער האָט אָנגערירט אַ סטרונע אין מיין הארץ, יאָ — האָב איך גע־זאָגט — לאָמיר אַוועקגעהן, מיין געטרייע ציטרע! אונזער קעניג־רייך איז ניט אין דער דאָזיגער וועלט!" לאָזט ער איבער זיינע חשבונות, שלאָפראָק, לאַטשען און ליולקע, און וואַנדערט אַוועק אין דער ברייטער וועלט; צום ערשטען קיין איטאַליען.

אָט דער שלים מזל איז די קאָמישסטע, אומגעלומפּערסטע, קינדישסטע בריאה וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען. גייסטיג איז ער אַרום צעהן יאָר אַלט, און ער ווערט קיינמאָל ניט עלטער. ווי אַנ־דערסענס העלדען, דער אימפּראָוויזאַטאָר און אָ. ט., ראַטעוועט ער זיך כסדר פון נסיונות בלויז אַ דאַנק זיין אומוויסענהייט און אומ־ערפאַרונג. ער באַגרייפט קיינמאָל ניט וואָס עס קומט פאָר אַרום איהם. איהם טרעפען זיך זאַכען כאָטש ער טוט גאָר ניט זיי אַרויס־צובריינגען. ער איז די צענטראַלע פיגור פון אַ גרופּע מענשען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּראָפעסיעס אַ דאַנק וועלכע זיי זיינען אַזוי פריי ווי ער אַליין: מאָלער וואָס פאָרען קיין איטאַליען, אַן אַר־טיסט וואָס אַנטלויפט מיט זיין געליבטער, קלעזמער וואָס וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, און וואַנדערער סטודענטען, וואָס שלעפּען זיך אַרום און זינגען סטודענטען לידער. אין פאַרגלייך מיט אַזאַ לע־בען פון וואַנדערן, זוכען און האָפען, זעהט אויס דאָס געוויינליכע טאָג־טעגליכע לעבען אָהן אַ שיעור מאָנאָטאָן. ווען דער העלד קערט זיך אום צו זיין געבורט שטאָט, זעהט ער ווי דער נייער דירה־געלט מאָנער זיצט פאַר זיין טיר, טראָגענדיג דעם זעלביגען געפינטעלטען שלאָפראָק, די זעלביגע לאַטשען א. אַז. וו. נאָך דעם ווי ער האָט פאַרשווענדט זיין לעבען אויף זוכען די „בלאָע בלום", געפינט ער זי ענדליך אין דער היים. זיין ערשטער עקסטאַז ווערט געשילדערט שפּילעוודיג, כמעט אויף האַנס אַנדערסענ'ס אופן, אַזוי: „עס איז געווען אַזאַ חיות צו הערען ווי זי רעדט צו מיר מיט אַזוי פיעל ליבּ־טיגקייט און צוטרוי, אַז איך וואָלט זי געקענט הערען ביז אין דער פריה. איך בין געווען אַזוי גליקליך ווי איך האָב נאָר געקענט זיין.

איך האָב אַרויסגענומען אַ הויפען מאַנדלען פון מיין קעשענע, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט אויש פון איטאַליען. זי האָט גענומען עטליכע און מיר זיינען געזעסען און זיי געקנאַקט, און צופרידען אַרויסגעקוקט בעת דער רוהיגער סצענע".

מען קען באַטראַכטען דעם שלים מזל ווי דעם רעפּרעזענטאַנט, דעם וואָרט־פירער פון דער אָרנאַמענטאַלער נוצלאָזער קונסט און פון אומענדליכער בענקשאַפט. **אומענדליכע בענקשאַפט!** לאָמיר אריינדריקען די דאָזיגע ווערטער אין אונזער זכרון, וויל זיי זיינען דער פונדאַמענט־שטיין פון דער ראָמאַנטישער פּאָעזיע.

די בענקשאַפט האָט אָנגענומען מאָדנע קרענקליכע פאָרמען אין די ווייניגער געזונטע ראָמאַנטישע נשמות. דער גוט־באַקאַנטער דייטשישער שרייבער, פראַנץ האָרן, דערציילט אונז אין זיין אויטאָ־ביאָגראַפיע אַז צו דריי אָדער פיר יאָר איז ער שוין פעהיג געווען אויף פּאָעטישער בענקשאַפט און ליידען, און צו צעטיילען דאָס לע־בען אויף שיינבאַר טויטע זאַכען. ער זאָגט ווייטער אַז דער קינדי־שער מיסטיציזם פון אַ געוויסען פּאָפּולערען רעפריין האָט אַ פול־שטענדיג צויבערדיגען איינפלוס אויף איהם. ער ציטירט דעם גע־געבענעם פערז, און ער ווייזט זיך גאָר אַרויס צו זיין דאָס אַלטע, אַלטע ליד: „דאַמע־פויגעל, דאַמע־פויגעל, פליה אַוועק אַהיים."

''Maikafer flieg!
Dein Vater ist im Krieg.
Deine Mutter ist in Pommerland
Und Pommerland ist abgebrannt,
Maikafer flieg!'' *)

די אַנדערע קינדער זיינען געווען געגנוג האַרט־האַרציג צו לאַ־כען פון אָט דעם ליד, אָבער פאַר איהם איז עס געווען זעהר ריי־

*) פליה אַוועק, מיין זשוק!
דיין פאָטער איז אין קריג,
דיין מוטער איז אין פּאָמערלאַנד
און פּאָמערלאַנד האָט אָפּגעברענט,
פליה אַוועק, מיין זשוק!

רענדיג. דער אומגליקליכער זשוק איז געווען אָהן אַ טאַטען און אָהן אַ מאַמען. זיין פאָטער איז געווען אין די מלחמות, און „וואָס קען ניט אַרויסקומען פון דעם?“ און זיין מוטער? וועגען איהר איז „די נייעס נאָך אומזיכערער געווען. זי איז געווען ווייט אין פּאָמערלאַנד, און פּאָמערלאַנד האָט אָפּגעברענט. וואָסער פאַרנעם פאַר דער פאַנטאַזיע! און דאָרט איז דער אָרימער זשוק אויך אַרויסגעטראָגען געוואָרען אויף די פליגלען פון זיין בענקשאַפט אין דער ברייטער, ברייטער וועלט אריין, זוכענדיג, שטענדיג זוכענדיג. מיר פיהלען גאַנץ זיכער עפּעס אַזוי ווי וואָלטען ווידער געוואָרען קינדער.

אָבער לאָמיר זיך אומקערען צו דער אידעע אויף וועלכער דאָס אַלץ שטיצט זיך. דעם מענשענס בענקשאַפט נאָך אַן אומענדליך גליק שטאַמט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, פונ׳ם גלויבען, אַז דער מענש קען דערגרייכען אַט דאָס אומענדליכע גליק. אָבער דער גלויבען ווידער, שטאַמט פונ׳ם מענשענס ראָמאַנטישע איבערצייגונג אין זיין אייגענער אומענדליכער וויכטיגקייט. די דאָקטרין פון אומשטערבליכקייט אליין איז בלויז אַ פועל יוצא פונ׳ם גלויבען אין דער קאָסמישער וויכטיגקייט פונ׳ם איינצעלנעם. און דער גלויבען אין דער אומענדליכער וויכטיגקייט פון יעדען באַזונדערן יחיד איז עבט מיטעלאַלטערליך. גאַנצע וויסענשאַפטען, ווי, למשל, אַסטראָלאָגיע, זיינען געבויט אויף איהם. אפילו די שטערען פון הימעל, האָט מען געהאַלטען, זיינען ענג פאַרבונדען מיט׳ן מזל פון איינצעלנע מענשען, און אַז זיי פאַרנעמען זיך ווירקליך מיט זיי. הימעל, ערד און אַלץ וואָס איז אין זיי דרעהען זיך אַרום דעם מענשען. די ראָמאַנטיקער פיהלען, פאַרשטעהט זיך, אַז אַסטראָלאָגיע פעלט זיי, און וואָלטען גערן וועלען אַז אַט די וויסענשאַפט זאָל ווידער אויפלעבען. דאָס וואָס זיי רופען „בלאָע בלום“ האָבען די אַסטראָלאָגען גערופען „אַ מענשענס פּלאַנעט“, און אין אַלכעמיע „דער פילאָזאָפען שטיין“.

אין זיינע רעפעראַטען „איבער ליטעראַטור, קונסט און צייטגייסט“ (1802) שרייבט א. וו. שלעגעל: „אין זעלביגען זין אין וועלכען מיר קענען רופען קעפּלער׳ן דעם לעצטען אַסטראָלאָג, קענען מיר פאָדערן אַז *אַסטראָנאָמיע זאָל ווידער ווערען אַסטראָלאָגיע*. מען האָט געוואָרפען אויף

אומ'חן אויף אַסטראָלאָגיע, ווייל זי האָט געהאַט פּרעטענזיעס אויף אַ וויסענשאַפט, וואָס זי האָט ניט געקענט אויפהאַלטען; אָבער דער פאַקט אַז זי האָט געהאַט אַזעלכע פּרעטענזיעס, נעמט ניט אַוועק דעם געדאַנק, די אייביגע אמת'ן וואָס ליגען אין איהר סאַמע פונדאַמענט. עס איז בלי ספק פאַראַן עפּעס העכערס אינ'ם געדאַנק פונ'ם דינאַמישען איינפלוס פון די שטערען, אין דער באַהויפּטונג אַז אין זיי לעבט אַ שכל, און, פּונקט ווי אונטערטעניגע געטער איבען זיי אויס אַ באַשאַפענדיגע קראַפט אין זייערע באַשטימטע ספערען, איידער אין דער טעאָריע אַז זיי זיינען טויט, מעכאַניש־באַהערשטע זאַכען". און אין אַ בריף צו בונצען'ען שרייבט הייבערג: „מיר מוזען צוגעבען אַז די מיטעלאַלטער מיט איהרע אַלכעמישע און אַסטראָלאָגישע אַבערגלויבענס — וועלכע, באָטש זיי זיינען געווען אַבערגלויבענס, זיינען זיי געווען געשטיצט אויף דער איינקייט פון דער נאַטור און דער נשמה — האָבען פאַרמאָגט מעהר אמת'ן וויסענשאַפטליכען גייסט ווי די איצטיגע צייט, מיט איהר אָפּלייקענען די איינציגע זאַך וואָס האָט, נאָך אַלעם, עפּעס אַ ווערט." אין זעלביגען טאָן (אין זיין עסיי איבער הווין) לויבט ער אַסטראָלאָגיע, אַז זי „שטיצט זיך אויפ'ן טיפען מיסטיציזם פון דער מיטעלאַלטער". בעת אפילו הייבערג האָט געקענט לויבען טיכאָ בראַהע'ן פאַר זיין אַסטראָלאָגישער נייגונג, קענען מיר זיך וואונדערן וואָס גרונטוויג האָט פאַרטיידיגט זיין השערה אַז די ערד איז דער צענטער פון אוניווערז? אָ, ראָמאַנטיזם, ראָמאַנטיזם!

די ראָמאַנטיקער האָבען געצילט צו גרינדען אַ פילאָזאָפיע און ליטעראַטור אויף נויט און בענקשאַפט — ד. ה. אויפ'ן געדאַנק פון דער אומענדליכער וויכטיגקייט פונ'ם יחיד. דער מענש וואָס באַזירט זיין פילאָזאָפיע אויף נויט איז זיכער פּיעל שכל'דיגער פונ'ם מענשען וואָס באַזירט זי אָדער אויף באַלדיגען גליק, אָדער אויף די פאַרגעניגענס און תענוגים פון אַ קומענדיג לעבען; ווייל יעדעס גליק פון וועלכען מיר האָבען אַ ידיעה, ווערט צעשטערט פון צער און נויט, און אויף אַזאַ אופן איז עס בכלל בעסער און זיכערער צו בויען אויף נויטען און פאַרלאַנגען. אָבער די ראָמאַנטיקער בויען ניט בלויז אויף דעם פאַרלאַנג נאָר אויך אויף זיין באַפרידי־

גונג; זיי לעכצען, זיי וואַנדערן אַרום אין בענקשאַפט זוכענדיג די „בלאָע בלום“, וואָס ווינקט צו זיי פון דער ווייטענס.

אָבער בענקשאַפט איז פאַסיוויטעט, זי ווערט גענערט און ציהט איהר יניקה פון פאַסיווּיטעט. דער וואָס האָט געלאָזען די ראָ־מאַנטישע פילאָזאָפיע הינטער זיך וועט ניט בויען זיין לעבען אויף אַזאַ פונדאַמענט.

בענקשאַפט ברענגט אַרויס דעם אוממעכטיגען וואונש. אָבער דער ראָמאַנטישער וואונש איז אַזוי דורכגענומען מיט געניאַליטעט, אַז ער קען אויסגעפירט ווערען — אין דער ראָמאַנטישער וועלט. דאָס גליק קומט צום עכטען ראָמאַנטישען העלד בעת ער שלאָפט. ממילא לאָזט די ראָמאַנטישע ליטעראַטור דעם פשוט'ען לעזער אונטער'ן איינדרוק פון אַ וועלט וואו אַלץ ווערט דערגרייכט פון די, וואָס ווייסען ווי אַזוי צו בענקען און צו פאַרלאַנגען מיט גענוג פייער, וואו אַלע שטערונגען ווערען באַזייטיגט אָהן אַ מיה, אָהן פאַרשטענדעניש, אָהן טרחה.

עס איז אַן אייביגער אמת, אַז מיר בענקען; און עס איז ניט ווייניגער אמת, אַז מיר דאַרפען בויען אויף עפּעס זיכערס. אין דער גאַנצער אומזיכערקייט, אומגעוויסהייט און ספקות, וועלכע רינגלען אונז אַרום, איז פאַראַן איין זיכערע זאַך, איין זאַך פון וועלכער מיר קענען זיך ניט אַרויסדרייען, און דאָס איז ליידען. און פונקט אַזוי זיכער איז אַז עס איז אַ גרויסע פאַרלייכטערונג צו פיהלען אַז מיר זיינען געהיילט, אַז די קייטען זיינען פאַנאַנדערגעבונדען, אַז די טירען פון דער תפיסה האָבען זיך ברייט געעפענט. Hic Rhodus, hic salta! דאָ איז פאַראַן עפּעס צו טאָן, עפּעס אויפצוטאָן פאַר דער פרייהייט. מיר מעגען אַרומוואַנדערן פול מיט אומזיכערקייט און ספקות, ניט וויסענדיג אין וואָס צו גלויבען און וואָס צו טאָן, אָבער אין דער רגע ווען מיר באַמערקען אַ מענ־שען מיט איינגעקלעמטע פינגער אין אַ שווערער טיר וואָס האָט זיי אַריינגעכאַפּט, דעמאָלט איז מעהר קיין ספק ניטאָ וואָס מיר דאַרפען טאָן. מיר דאַרפען זיך סטאַרען צו עפענען די טיר און באַ־פרייען די האַנט.

און גליקליכערווייז אָדער אומגליקליכערווייז, געשעהט עס אַזוי אַז עס זיינען תמיד פאַראַן גענוג מענשען מיט איינגעקלעמטע

הענט, מענשען וואָס לײדען, וואָס זײנען געבונדען אין פאַרשידענע כּאַרטען קײטען: קײטען פון אומוויסענהײט, פון אָפּהענגיגקײט, פון נאַרישקײט, פון קנעכטשאַפט. דער צוועק פון אונזער לעבען דאַרף זײן די דאָזיגע צו באַפרײען. דער ראָמאַנטיקער ציהט זיך עגאָאיסטיש צו זײן פּערזענליך גליק, און גלויבט אַז ער איז אומענדליך וויכטיג. דאָס קינד פון דער נײער צײט, וועט ניט מעסטען די הימלען זוכענדיג זײן שטערען און ניט דעם ווײטען האָריזאָנט זוכענדיג די „בלאָע בלום". בענקשאַפט איז פּאַסיוויטעט. ער וועט זײן אַקטיוו. ער וועט פאַרשטעהן וואָס געטע האָט געמײנט ווען ער האָט געמאַכט אַז ווילהעלם מײסטער זאָל ענדיגען זײן לעבען ווי אַ דאָקטאָר.

אויב עס איז אוממעגליך צו בויען אַ צופרידענשטעליגע וועלטאַנשויאונג אויף בענקשאַפט, איז עס פּונקט אַזוי אוממעגליך צו בויען אויף איהר אַ ליטעראַטור וואָס האָט עפּעס אַ פאַרבינדונג מיט'ן לעבען און איז פעהיג, צרות און אָרום, אונז צו באַפרידיגען. די עובדא פון דער ליטעראַטור אין אַלע צײטען איז צו געבען אַן אָפּגעקירצטע פאַרשטעלונג פונ'ם לעבען פון אַ פאָלק און פון אַן עפּאָכע. דער ראָמאַנטיזם זאָגט זיך אָפּ מיט פאַראַכטונג פון אָט דער עובדא. נאָוואַליס אין דײטשלאַנד און שאַק סטאַפּעלט אין דענעמאַרק זײנען די טיפּישסטע בײשפּילען פון דעם ווי אַזוי דער ראָמאַנטיזם האָט זיך געשטעלט מיט'ן רוקען צו דער דרויסענדיגער ווירקליכקײט, כּדי צו באַשאַפען אַ פּאָעטיש־פילאָזאָפיש סיסטעם פונ'ם שרײבער'ס מח און פון זײן פּאָעטישער בענקשאַפט. ער שטעלט ניט פאָר דאָס מענשליכע לעבען אין זײן גאַנצער ברײט און טיפקײט, נאָר די חלומות פון עטליכע הויך־ענטוויקעלטע מענשען. אַריסטאָפאַנ'ס וואָלקען־שטאָט, מיט איהרע לופטשלעסער, איז די הײליגע שטאָט און דער ענד־ציל פון דער בענקשאַפט פונ'ם ראָמאַנטיזם.

קאַפּיטעל 14.

אַרנים און ברענטאַנאָ.

עטליכע פאַקטען פון אַרנים'ס לעבען; די מערקווירדיגקייט אין זיין ליטעראַרישער אַרבייט; באַגעסענ'ס לידער; די פערזענליכקייט פון קלעמענס ברענטאַנאָ; קאַטארינא עמעריכ'ס איינפלוס אויף איהם; זיינע אבערגלויבערישע נייגונגען; זיין אָפּשטאַמונג און זיין לעבען; זיינע באַרדינסטען.

ה ע ר ד ע ר 'ס „שטימען פון פעלקער", וואָס איז ערשינען אין 1767, האָט בלויז אנטהאַלטען צוואַנציג דייטשישע „פאָלקס לידער". אָבער בשעת ער האָט אַרויסגעגעבען די זאַמלונג, האָט ער אויסגעדריקט זיין וואונש צו דערלעבען צו זעהן די אויסגאַבע פון אַ גרויסער זאַמלונג פון „נאַציאָנאַל־לידער", ווי ער האָט זיי גערופען. אין 1806 האָבען ל. א. פאָן ארנים און קלעמענס ברענטאנא אַרויסגעגעבען דעם ערשטען באַנד פון „דעם אינגעל'ס וואונדער־פייפעל". די זאַמלונג איז באַשטאַנען פון 210 דייטשישע פאָפּולערע לידער אָהן באַלאַדען, און גלייך נאָך איהר, אין 1808 זענען ערשינען נאָך צוויי בענדער פון כמעט דער זעלבער גרויס. דער דאָזיגער באַנד איז נישט נאָר געווען פון גרויסען היסטאָרישען אינטערעס, נאָר אַן עפּאָכע־מאַכענדיגע ערשיינונג אין דייטשישער לירישער פּאָעזיע, און בכלל אין דער דייטשישער ליטעראַטור. די זאַמלונג האָט אַרויסגערופען יענעם נאַטירליכען טאָן, וואָס האָט אין משך פון אַ סך יאָרען צוגעגעבען פרישקייט און קלאַנג סיי דער ראָמאַנטישער און סיי דער פּאָר־ראָמאַנטישער לירישער פּאָעזיע. אַפילו אין דער צייט, ווי למשל, דער פאַל מיט היינע'ן, ווען דאָס ריין מאָדערנע האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון דער ראָמאַנטישער טעמע, האָט דער ריטם, די פאָרם, און אַ סך אַנדערע קוים באַמערקבאַרע אופנים פון אויסדרוק, אַלץ צו פאַרדאַנקען דעם גייסט פון דעם פאָלקס־ליד פאַר זיין איינפאַכער חן'עוודיגקייט. די אורזאַך וואָס די דייטשישע

לירישע פּאָעזיע פון דעם יאָרהונדערט שטעהט העכער פון דער פראַנצויזישער, ליגט אפשר אין דעם פאַקט, וואָס מיר געפינען ניט אין איהר קיין רעטארישע באַפּוצונגען, און פאַר וועלכען זי האָט צו פאַרדאַנקען דעם איינפלוס פון „דעם אינגעל'ס וואונדער־פייפעל".

הגם די צוויי ארויסגעבער פון אָט דער גרויסער זאַמלונג זענען געווען אייניג אין זייער ליבע פאַר דער אַלטער פּאָפּולערער פּאָעזיע פון זייער לאַנד, און אויך אין הסכם מיט דער קליינער מאָדערניזירטער און גוט פאַרבעסערטער פאָרם אין וועלכער די לידער האָבען געזאַלט ערשיינען, און ניט קוקענדיג דערויף וואָס ביידע זענען געווען דורך־און־דורך ראָמאַנטיקער, פונדעסטוועגען זענען זיי אין גרונט געווען פארשידענע טיפּען.

לודוויג אכים פאָן ארנים איז געבאָרען געוואָרען אין בערלין אין 1781. ער האָט אַ געוויסע צייט שטודירט נאַטורוויסענשאַפט אין געטינגען, און האָט שפּעטער גערייזט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, כדי זיך צו באַקאַנען מיט'ן לאַנד, מיט די איינוואוינער, און כדי זיך צו זאַמלען פּאָפּולערע לידער און באַלאַדען. גלייך דערנאָך, האָט ער זיך באַזעצט אין הייזעלבערג, וואו ער האָט זיך באַגעגענט מיט קלעמענס ברענטאַנא'ן און מיט גערעס'ן. צוזאַמען מיט זיי, האָט ער אין 1808 אָנגעפאַנגען ארויסצוגעבען אַ ליטעראַרישע שריפט, „איינזידלער צייטונג". צווישען די מיטארבייטער זיינען געווען טיק, אולאַנד, העלדערלין, און יאַקאָב גרים. די דאָזיגע שריפט האָט ער שפּעטער ארויסגעגעבען אונטער'ן נאָמען „די טרייסט אין איינזאַמקייט".

אין 1811 האָט ער חתונה געהאַט מיט ברענטאַנא'ס שוועס־טער, די באַרימטע בעטינאַ, און האָט פון איצט אָן געוואוינט אויף זיין וויפּערסדאָרף־נחלה, אין בראַנדענבורג. די ראָמאַנטיק איז געווען אויסגעשלאָסען פון זיין פּריוואַט לעבען. ער איז געווען אַ קלוגער, געזונטער, און אַ געשיקטער ערד־ארבייטער, אַ כשר'ער פּראָטעסטאַנט און אַ פּרייס. אייכענדאָרף שילדערט איהם אזוי: „ער איז געווען שעהן און פון אָן אייגענאַרטיג אויסזעהן, אָפענ־הארציג, טעמפּעראַמענטפול, און דאָך איידעל און בכבוד'יג, און ערליך אין אַלע פּרטים; געטריי צו זיינע פריינט, אפילו ווען

אַלע אַנדערע האָבען זיי פאַרלאָזט. אָרנים איז אין דער ווירקליכקייט געווען דאָס, וואָס אַנדערע האָבען, דורך דער קראַפט פון אַ געוויסער מיטעלאַלטערליכער געשליפענקייט, געוואָלט זיין — אַ ריטערליכע פיגור אין דעם שענסטען זין פון וואָרט. און צוליב דעם האָט עס אויף זיינע צייט־חברים געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער איז ניט קיין געוויינליכער מענש, אַז עפּעס מערקווירדיגס שטעקט אין איהם".

און עפּעס מערקווירדיגס האָט טאַקע געמוזט שטעקען אין זיין נאַטור. ווי פעסט און געזעצט, ווי רוהיג און האַרמאָניש זיין לעבען האָט ניט געזאָלט זיין, מאַכען אָבער זיינע ווערק אויף אונז דעם איינדרוק פון אומרוהיגקייט און קאָמפּליצירטקייט. ער אַליין איז געווען אויסגעגאָסען פון איין פורעם, אָבער ניט זיינע ווערק.

אַ חוץ דראַמען, וואָס מען קען זיי שוין איצט ניט לעזען, האָט ער אויך אָנגעשריבען צוויי לאַנגע נאָוועלען, און אַ רייה קורצע דערציילונגען, וואָס זאָגען אַלע עדות, אַז אין איהם איז געזעסען אַ פאַנטאַסט. דער עפּיטעט „פאַנטאַסט" קען גלייכצייטיג אויך אָנגעווענדט ווערען אויף ברענטאַנאָ'ן. דער ערשטער בולט'ער אונטערשיד צווישען די צוויי איז דאָס, וואָס בשעת ברענטאַנאַ'ס כוח ליגט אין זיין נאַאיוויטעט און אין זיינע קינדישע איינבילדונגען, איז אָרנים טויט־ערנסט, אַפילו אין זיינע ווילדסטע פאַנטאַזיעס. מיט זיין גאַנצער ליבע פאַר דעם פאָפולערען, מיט זיין גאַנצער נייגעריגקייט אויפצועפענען די אויגען פון די געבילדעטע פאַר דער שעהנקייט, וואָס ליגט אין דעם איינפאַבען און אין דעם קינדישען, איז ער אין זיינע אייגענע שריפטען פאַרבליבען אַ בכבוד'ער אַריסטאָקראַט; ער האָט זיך קיינמאָל אַזוי ניט אַפּגעלאָזען, ווי ברענטאַנאָ פלעגט עס טאָן. ווען זיין מוזע איז אריינגעפאַלען אין אַ מאָמענט פון ווילדקייט, איז דאָס געווען אַ קאַלטע במעט ווילדע משוגעת. און ניט יענע היציגע און צעלאָזענע משוגעת אין וועלכער ברענטאַנאַ'ס מוזע פלעגט אַריינפאַלען.

זיין קראַפט פאַר פּלאַסטישער שילדערונג איז געווען גרויס, זי האָט זיך אָבער שנעל אויסגעשעפּט. די דאָזיגע קראַפט ווייזט

זיך אַרויס אין געוויסע פון זיינע קורצע דערציילונגען, און אין נאָך עטליכע אַנדערע קירצערע פראַגמענטען פון זיינע נאָוועלען. אָבער צוזאַמען מיט באַשרייבונגען און פיגורען, וואָס ווייזען אַרויס אמת׳ן טאַלאַנט, טראָגט ער אונז צו אַ באַנג מיט אוצרות, וואָס האָבען מיט׳ן ענין גאָרניט וואָס צו טאָן; איינגעפלאָכטענע מעשה׳לאַך וואָס זיינען ווייניג אָדער לחלוטין ניט פאַרבונדען מיט׳ן תוך פון דער דערציילונג, און פאַנטאַסטישע און אוממעגליכע עפּיזאָדען, געגען וועלכע עס מוז פּראָטעסטירען אפילו דער לעזער, וואָס פאַרמאָגט דעם קלענסטען חוש פאַר רעאַליזם. טייל־מאָל איז ער אונז מכבד מיט׳ן גאַנצען פּאַק פּאָפּולערע אַבערגלויבענס, און באַהאַנדעלט זיי מיט׳ן גרעסטען ערנסט. לייטענע פיגורען ווערען דורך כישוף באַלעבט, און אַ שלאָף־קעפּעל פאַרוואַנדעלט זיך אין פעלדמאַרשאַל קאָרנעלום נעפּאָס. אַן אַנדערש מאָל, ווידער, ניצט ער אויס דעם גרייטען קאַפּיטאַל פון די אַלט־פראַנקישע ראָמאַנסען, ווי: ניט־געשטויגענע אָפּשטאַמונג, צוריקקער פון לאַנג־פאַרלאָרענע קינדער, פאַרשטעלענישען, מאָדנע באַגעגענישען נאָך אַ לאַנגער צייט, א. אז. וו. ער האָט אויך אַ נטיה אריינצופאָרען מיט באַלאַדען און לידער, געוויינטליך אונטער דעם ניט־געראָטענעם אויסרייד, אַז זיי זיינען פאַרפאַסט געוואָרען פון איינעם פון זיינע העלדען. די דאָזיגע לידער און באַלאַדען לעזען זיך לייכט, אָבער אָהן מוזיקאַלישען טעם, זיי האַקען אָפּ דעם גאַנג פון די פּאַסירונגען, ציהען בלויז אויף אַ ווײַלע צו די אויפמערקזאַמקייט פון׳ם לעזער, און ווערען שנעל פאַרגעסען.

גענומען ווי אַ גאַנצע זאַך, איז ארנים׳ס הויפּט נאָוועלע, מיט אַ מאָדערנעם ספּור־המעשה, („גראַפינע דאָלאָרעס׳ס אָרימקייט, רייכקייט, עברות און תשובה: אַן אמת׳ע געשיכטע פאַר אָרימע מיידלאַך, פון וועלכער זיי וועלען אַ סך לערנען און זיך אַמוזירען“). פונקט אַזוי לאַנגווייליג, ווי דער נאָמען פון דעם ראָמאַן אַליין. דער דאָזיגער ראָמאַן איז נאָך אַ גייסטיג קינד פון „ווילהעלם מייסטער“. זי באַשרייבט דאָס אינערליכע לעבען פון טאַלענטפולע און אויסערגעוויינליכע אינדיווידען פון זעהר פאַרשידענאַרטיגע נאַטורען,

אונטער זעהר פאַרשידענע אומשטאַנדען. אָבער אין דער גאַנצער זאַך איז פאַראַן אַזאַ גלאַטע און ליבע אָנגעשטרענטקייט, וואָס מיר געפינען אינגאַנצען ניט אין „ווילהעלם מייסטער".

די געשיכטע הייבט זיך אָן מיט אַ באַשרייבונג פון דעם שלאָס, וואָס איז שוין כמעט געוואָרען אַ מפולת צוליב דעם אייגענטימער'ס אָרימקייט. די דאָזיגע באַשרייבונג איז אַ וואונדערבאַרע און אַ גוטע. אַזאַ צווייטע באַשרייבונג געפינען מיר בלויז אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור אין ט. גאָטיע'ס „ק אַ פּ י ט אַ ן פ ר אַ ק אַ ס", ווען ער שילדערט די „ש אַ ט אָ ד ע ל אַ מ י ז ע ר". לעזענדיג פיהלען מיר די גאַנצע מעלאַנכאָליע, וואָס איז פאַרבונדען מיט'ן געדאַנק פון אַמאָליגען פּראַכט און גלאַנץ און איצטיגער צעפאַלונג. מיט אַ מייסטער־האַנט ווערט אויך אויפגעמאָלען דאָס בילד פון דער כמעט־לייכטזיניגער און עגאָאיסטישער גראַפינע, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין גראָשען ביי דער נשמה. איהר געלינגט צוציהען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַ חשוב'ען און רייכען יונגענמאַן, גראַף קאַרל, וואָס פאַרליבט זיך אין איהר איבער די אויערן, און האָט מיט איהר חתונה, נאָכדעם ווי ער שפּאַנט אריבער איבער פאַרשידענע אינערליכע און אויסערליכע שוועריגקייטען. אין דעם בילד פון גראַף קאַרל, איז ארנים'ען געלונגען צו טאָן דאָס, וואָס ס'איז אפשר פריהער נאָך קיינמאָל ניט געטאָן געוואָרען אין דער דייטשישער ליטעראַטור, דהיינו: באַשרייבענדיג וואָס די ענגלענדער רופען אָן אַ „פּולקאָמענעם דזשענטעלמען" — אַ באַגריף וואָס האָט צו זיך ניט קיין סינאָנים־אויסדרוק אין קיין אַנדערער שפּראַך. אַ „דזשענטעלמען" איז אַ מענש פון ערע, מאַנסביליש, ערנסט, געבאָרען צו באַפעלען; ועל כולם איז ער אַ געטרייער קריסט, געוויסענהאַפטיג, ברייטהאַרציג, דער באַשיצער פון זיינע ארומיגע מענשען; ער איז ניט נאָר אַ גוטער פון דער נאַטור, נאָר ער האַנדעלט אויך מאָראַליש אויס פּרינציפּ. שילדערנדיג דעם דאָזיגען כאַראַקטער, האָט ארנים אין איהם אריינגעלייגט אַ גרויסע טייל פון זיין אייגענער גוטער נאַטור. ליידער האָט ער ניט אריינגעגעבען גענוג לעבען אין דעם בילד; אַ מין נעבעלדיגער חלום הענגט ארום דעם דאָזיגען צאַרט־פיהלענדיגען מענשען, וואָס

האַלט אין איין שרייבען פּערזען, און רעדט אַ שפּראַך, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט דער ראָמאַנטישער נשמה.

די האַנדלונג דרייט זיך אַרום דער פאַרפירונג פון דער יונגער גראַפינע. זי פאַלט אריין אין דער נעץ פון אַ שפּאַנישען הערצאָג, וואָס כאַפּט זיך אריין אין דער וואוינונג אונטער אַ פאַלשען נאָמען און אַן אויסגעטראַכטען טיטעל, חן'דעלט זיך צו איהר אויף כל'ערליי אופנים, און בהדרגה, פאַנגט ער זי איינצאַנצען אונטער זיין קאָנטראָל מיט דער הילף פון מאַגנעטיזם און ראָמאַנטישען מיסטיציזם. ער מאַכט אַז זי זאָל גלויבען, אַז ער שטעהט אין אַ מיס־טישער פאַרבינדונג מיט העכערע, נייַן, מיט סאַמע געטליכע כוחות. עס מאַכט כמעט דעם איינדרוק, אַז בשעת ער האָט געשילדערט דעם דאָזיגען כאַראַקטער, האָט ארנים פאַר זיך געזעהן צאַכאַריאַס ווערנער. אין ווערנער'ס ווערק געפינען מיר אַקוראַט דעם זעל־ביגען געמיש פון פרעכער לוסט, און יראַ־שמים'דיגער מיסטעריע; און מיר ווייסען דאָך, אַז ווערנער'ס מוטער האָט געגלויבט באמונה שלימה, אַז זי איז די הייליגע מאַריע, און איהר זוהן — דער משיח אליין. מיט אַן ענליכער אידעע באַגעגענען מיר זיך אין דער פאָלגענדער, ניט ווירקזאַמער באַשרייבונג פון דאָלאָרעס'עס פאַר־פיהרונג:

„דער מאַרקיז האָט מיט אַ שטרענג־פרומער מינע אַרויפגע־קוקט צום הימעל, האָט אויפגעהויבען זיינע הענט, און ס'האָט זיך אויסגעדראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט באַגריסט אַ העכער באַשעפעניש. ער האָט עפּעס אַרויסגעשעפּטשעט, אָבער זי האָט ניט פאַרשטאַנען, און האָט איהם נייגעריג געפרעגט וואָס ער האָט געזעהן. ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט געזעהן די הייליגע מאַריע, ווי זי דריקט זי, דאָלאָרעס'ען, צו צו זיין ברוסט, לייגט אַרויף אַ קראַנץ בלומען אויף איהר קאָפּ, און זאָגט: „קום מיט מיר!" דערשראָקען איז דאָלאָרעס צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהם, גלויבענדיג אַז זי פיהלט ווי אימיצער שטופּט זי צו איהם צו. זי האָט געפיהלט זיין אָטעם, און מיינענדיג אַז דאָס איז אַ געטליכער אָטעם, האָט זי אויסגע־רופען: „איך פיהל זי, איך פיהל איהר אָטעם; ער איז אַזוי וואַרעם ווי די מזרח־זון און ווי מוטער־ליבע" — און ווי נאָר זי האָט געענדיגט, האָט ער זי אַרומגענומען מיט זיינע אָרעמס,

קאָנוואולסיוו געציטערט און ארויסגערופען: „און איך בין איהר זוהן!“ נאָך מיט א לאַנגער צייט צוריק, האָט ער צו איהר גע־רעדט וועגען א וואונדערבארער ווידער־באנייאונג פון דער הייליגער לעגענדע. זי האָט אויסגעזעהן ווי אינגאנצען באוואוסטלאָז, ווען זי האָט ארויסגעשטאמעלט די ווערטער: „יא, דו ביזט עס, דער אַלמעכטיגער, דער הייליגסטער — דו ביזט מיר געגעבען געוואָרען אין א מאָמענט פון שוואכקייט פון אונזער מענשליכער נאַטור“. „און דו — האָט ער געמורמעלט — ביזט מיין אייביגע כלה“.

עס מאכט דעם איינדרוק, אזוי ווי ארנים וואָלט דאָ ארויס־געוויזען א כונה צו באשרייבען, מיט דער הילף פון די דאָזיגע אויסגעטראַכטע טיפּען, די מיסטיש־ליידענשאפטליכע תאוות פון איינעם פון זיינע חברים ראָמאַנטיקער, א ווערנער אָדער א ברענ־טאַנא. ער גופא איז כמעט געווען דער איינציגער פון זיין שולע, וואָס איז פארבליבען א געטרייער פּראָטעסטאַנט, ניט קוקענדיג אויף דער פּאָעטישער צוציהונגסקראפט פון קאַטאָליציזם. אין דעם פאָלגענדען דיאַגנאָז איבער דעם כאראקטער פון דעם היפּנאָ־טיזירענדיגען, פּרובירט ער, ווי ס'ווייזט זיך אויס, געגוי צו דער־קלערען דעם סאָרט פרומקייט, וואָס האָט זיך צוזאמענגעמישט מיט דער הפקרות פון די ראָמאַנטיקער אין זיין דור: „מיר טאָרען בשום אופן ניט אינגאנצען צווייפלען אין דער פּיעטעט פון דעם דאָזיגען נאָבעלמאַן, אין וועלכער זיין אמת פרומע פרוי האָט אזוי שטארק געגלויבט. ער האָט אויך פארמאָגט דעם רעליגיעזען אינ־סטינקט; און דאָס וואָס ס'האָט קלעליאַ'ן אזוי צוגעצויגען צו איהם, איז געווען איהר נאַטירליכע פּיעטעט, הגם די דאָזיגע צוציהונגסקראַפט האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען... שפּעטער האָט זיך אין איהם ארייגגע'גנב'עט אַן איינגערעדטע מורא. ער האָט איבערגעלעבט זיינע זינד. וואָס ס'האָט איהם איצטער געצוואונ־גען צו באזוכען אַלע עולה־רגל פּלעצער אין סיציליען, איז ניט בלויז געווען זיין רעליגיעזער אינסטינקט; ער איז ארייגגעצוי־גען געוואָרען אין דער פּיעטעט, וואָס איז ביי זיין פרוי געווען אַן עכטע, א נאַטירליכע. דאָס איז געווען א נייער סטימול, וועמעס קראפט ער האָט געמוזט פארשטארקען און פארשטארקען. אין זיינע אויגען איז די רעליגיע געווען א מין אָפּיום; און זיין נשמה

האָט אַזוי לאַנג געפּאָדערט נאָך און נאָך דערפון, ביז ס'איז מעהר ניט געווען קיין פאַ־לאַנג צו פאָדערען". (גראַפינע דאַלאַרעס, 11, ז. 136 און ווייטער).

ארנים טאַדעלט אָבער ניט בלויז די גוזמאות, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די ראָמאַנטיקער; ער מוסר'ט אויך שטאַרק און וויציג אויס דעם אַנטי־ראָמאַנטיקער, יענס באַגעסען. זייענדיג אין היידעלבערג, וואו ער האָט זיך מסתמא באַגעגנט מיט ארנים'ען, האָט ער אָנגעשריבען אַ רייה סאַטירישע סאָנעטען קעגען די ראָמאַנטיקער, די „ליטעראַרישע סאַנקילאָטען פון דעם דייטשישען פאַרנאַסוס", ווי ער האָט זיי אָנגערופען. די סאָנעטען האָט ער פאַרעפענטליכט אין זעלבען יאָר ווען ס'איז ערשינען „דאַלאַרעס", אונטער'ן נאָמען: „דער פויקען־און־טאַצען אַלמאַנאַך, אַ האַנטביכעל פאַר געבילדעטע ראָמאַנטיקער און צוקינפטיגע מיסטיקער פאַר'ן יאָהר 1810". דאָס וואָס ס'האָט קעגען זיך ארויסגערופען ארנים'ס סאַטירע, איז ניט אַזוי געווען באַגעסענ'ס לידער, ווי זיין מאָדנער אומבאַשטענדיגער כאַראַקטער. דאָס לעבען פון דעם דאָזיגען שונא פון ראָמאַנטיזם איז געווען אַ סך פלאַנלאָזער און קאַפּריזנער, ווי דאָס לעבען פון וועלכען ס'איז ראָמאַנטיקער. און ארנים, וואָס איז נתפעל געוואָרען פון יעדער מאָדנער און אוממעגליכער זאַך האָט זיך דאָך בדיעבד געמוזט פאַראינטערעסירען מיט אַזאַ אייגענאַרטיגער פערזענליכקייט. אין „דאַלאַרעס" מאָלט ער איהם אויס אויף אַ שפּאַסיגען און אומברחמנות'דיגען אופן אין דער פערזאָן פון דעם פּאָעט „וואַלער". כאָטש ארנים מאַכט אין דעם פרט בלויז חוזק פון אַן איינציגען מענשענס שוואַכקייטען, איז אָבער בלי ספק זיין הויפּט צוועק בולט און שטאַרק ארויסצוברענגען אַזעלכע כאַראַקטער־שטריכען, וואָס פערזאָניפיצירען די הפקרות און לייכטזיניגקייט פון'ם עמאַנציפּאַנעלען לעבען פון אַ גאַנץ דור.

אין זיין ניט פאַרענדיגטען ראָמאַן „די קרוין־וועכטער", וואָס איז ערשינען אין 1817, באַקאָנען מיר זיך, ווי אין דער דערציילונג „דאַלאַרעס", מיט עטליכע גוט כאַראַקטעריזירטע און פיין געשילדערטע כאַראַקטערען, צוזאַמען מיט אַ באַרג רויהער מיסטיק און ליבישען מאַטעריאַל. אין דעם הינטערגרונט פון דער דער

ציילונג, שטאַרט אַרויס אַן אומגעהייערער מיסטעריעזער און פאַר־כישוף׳טער שלאָס, וואָס זיינע זיבען טורעמס זיינען לחלוטין דורכזיכטיג. זיי זיינען מסתמא געבויט געוואָרען פון גלאָז, מחמת יעדער טורעם וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַ שאָטען פון אַ ברילִיאַנטע־נעם רעגענבויגען אויף די שוואַרצע פעלזען, און אויף ווייטע וואַ־סערען. אין דעם שלאָס געפינט זיך דער מקום־מנוחה פון די „האָהענשטאופענס" קרוין־וועכטער, און פון דאַנען לאָזען זיי זיך אַרויס אויף דער וועלט נאָך זייערע עסקים און נאָך נקמה. וויכ־טיג איז אָבער דאָ ניט דער דאָזיגער מיסטעריעזער הינטערגרונט. וואָס עס בלייבט יאָ ביי אונז אין זכרון, איז איינער אָדער צוויי כאַראַקטערען, וואָס זייגען אויסגעצייכענט געוואָרען מיט אַזאַ שטאַרקער קראַפט, אַז מיר געפינען כמעט ניט נאָך אַזאַ ביישפּיל ביי קיינעם פון די דייטשישע שרייבער נאָך איהם, סיידען דער אויסנאַם זאָל זיין גאָטפריעד קעלער אין זיינע היסטאָרישע ראָ־מאַנען.

מיר נעמען אַלס ביישפּיל דעם העלד׳ס שטיף־מוטער, פרוי הילדעגראַד, מיט וועמען מיר באַקאַנען זיך אויף אַזאַ אַמוזירענ־דיגען אופן אין אָנפאַנג בוך: — „מאַרטין, דער גייער טורעם־שומר, האָט היינט חתונה געהאַט מיט זיין פאָרגעהער׳ס אלמנה, דערפאַר וואָס זי איז געוואָרען אַזוי פעט און קען ניט אַרונטער־געהן דורך די שמאָלע געשלענגעלטע שטיגען. מ׳האָט דאָך אין דער אמת׳ן ניט געקענט אַרונטערוואַרפען דעם טורעם פון איהרעט־וועגען, און זי האָט דאַריבער געמוזט מסכים זיין צו דער חתונה, כאָטש ס׳וואָלט איהר ניחא געווען צו נעמען דעם אָנגעשטעלטען בערטאָלד׳ען פאַר אַ מאַן. אפילו דער גלח איז געווען געצוואונגען זיי מקדש צו זיין אין דער הויף". די דאָזיגע געשיכטע וועגען דער אלמנה׳ס פעטקייט, איז, פאַרשטעהט זיך, ניט מעהר ווי נאַ־רישקייט, פונדעסטוועגען איז דאָס אַן אָריגענעלער אַריינפאַר אין דעם גאַנצען בוך.

די האַנדלונג קומט פאָר אין לוטער׳ס צייטען, און זיין פיגור שיינט אַרויס פון דעם הינטערגרונט. זעלטען וועט איהר געפינען אימיצען צווישען די ראָמאַנטיקער, וואָס זאָל וועגען איהם שריי־בען מיט אַזאַ וואַרימקייט, ווי ס׳ווייזט דער ציטאַט: „אַזוי ווי

אַ ׳בארג שיקט פון זיך ארויס שטראַמען קיין מזרח און קיין מערב, אַזוי האָט דער דאָזיגער מענש פאראייניגט אין זיך אַזעלכע היפוכים, וואָס מ׳געפינט זיי קיינמאָל ניט צוזאַמען אין אַ צווייטען — עניוות און שטאָלצקייט, אַ גלויבען אין דער ריכטיגקייט פון דעם וועג אויף וועלכען ער איז געגאנגען, און אַ גרייטקייט אָנצונעמען די עצות פון אַנדערע, אַ קלאָרען פארשטאנד און אַ בלינדע אמונה״.

אַ חשוב׳ע ראָלע אין דער האַנדלונג פאַרנעמט דר. פאוסט, דער פאוסטוס פון דער פאָלקס־לעגענדע, ידער באוואוסטער דאָקטאָר און אַלכעמיסט. לויט דער באַשרייבונג האָט ער אַ מורא׳דיג רויט פנים, ווייסע האָר, אַ פליכעוואַטען שארבען, און טראָגט שאַרלאַך־רויטע, ברייטע הויזען, און צעהן מעדאַלען. ער איז האַלב גאון, האַלב שאַרלאַטאַן, און טוט אויף נסים מיט זיינע רפאות.

די פיגור וואָס איז צום שענסטען געמאָלען, איז אַ פרוי, דעם העלד׳ס כלה, אנא צערינגער, די טאָכטער פון אַפּאָלאָניא, די געליבטע פון זיין יוגענט. זי איז דאָס הויכע דייטשישע מיידעל מיט אַ געזונטען קערפּער־געבוי און מיט אַ גראַציעזען גאַנג, אָבער זי פאַרמאָגט אויך די ליידענשאַפטליכע צוציהונגסקראַפט, וועלכע גאָטפריד קעלער האָט מיט זיין ספּעציעלען טאַלאַנט אריינגעגעבען אין זיינע העלדינס. דער העלד פון דער דערציילונג, דער בירגערמייסטער בערטאָלד, איז אַ צווייטע פערזאָניפיקאַציע פון ארנים׳ס פערזענליכען אידעאַל. ער שטאַמט פון אַ יחוס׳דיגער משפחה, אָבער אַזוי ווי ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין אַן אָרימער אומגעבונג, איז ער אַ פראָסט־פשוט׳ער מענש, אַ גוטער, אויפריכטיגער, צוריקגעהאַלטענער בירגער אין אַלע פרטים. ניט קוקענדיג אָבער אויף דעם, איז ער אין הארצען אַן אַריסטאָקראַט, וואָס בענקט נאָך געווער, כלי־זיין, טורנאַמענטען, און געווינט פאַקטיש, אָהן וועלכער ס׳איז פריהערדיגער איבונג, דעם פרייז אין דעם ערשטען טורנאַמענט, אין וועלכען ער האָט אַנטיילגענומען.

עס פעלען ניט, פאַרשטעהט זיך, קיין מיסטישע אינצידענטען. אויב ארנים האָט זיך ניט געקאָנט באַגעהן אָהן זיי אין זיין מאָדערנעם ראָמאַן וואו מיר לעזען וועגען אַ גלח, וואָס האָט מיט

איין בליק שוואנגער געמאכט עקרות, האט ער דאך זיי אודאי געמוזט וואס אפטער אריינברענגען אין א דערציילונג פון אמאליגע צייטען, און זיי באשרייבען אזוי, אז זיי זאלען אויסזעהן נאך צויבערנדיגער. פאוסט, למשל, קורירט בערטאלד'ען, אריינשפריצענדיג אין זיינע אדערן בלוט פון א קרעפטיגען יונגענמאן מיט'ן נאמען אנטאן; און פון דאמאלסט אן טראכט בערטאלד, אז אנטאן האט אויף א געוויסע אופן באקומען א שליטה איבער זיין, בערטאלד'ס, געליבטער, איבער אנא'ן. און אנטאן ווידער פיהלט אויך, אז ער איז אויף א מיסטעריעזען אופן צוגעצויגען געווארען צו אנא'ן. די „קרוינגוועכטער", ווי אלע אנדערע גרעסערע ווערק ארנים'ס, איז א טאנדעטנע שטיקעל ארבייט, הגם מיר מוזען מודה זיין, אז זי פארמאגט א פאעטישען ווערט.

בלויז אין זיינע קירצערע דערציילונגען, איז ער בכוח געווען ארויסצוברענגען דעם איינדרוק פון איינהייטליכקייט. „פילאנדער" איז א קונציגע און אנגענעמע נאכמאכונג נאך מאשעראש'עס סטיל, א שרייבער וואס האט געלעבט אין דער צייט פון דעם „דרייסיג יאריגען קריג". זיין „פירסט גאנצאגט און זענגער האלבגאט", איז א הומאריסטישער ווארויאנט פון דער באליבטער ראמאנטישער „דאפעלגענגער" טעמע, וואס איז באזירט אויף דער אויסערגעוויינליכער ענליכקייט צווישען צוויי שטיף־ברידער, וואס קענען זיך ניט איינס ס'אנדערע; אין דער זעלבער צייט, איז די דערציילונג אויך א שלעכטע פאראדיע אויף דער אנגעבלאזענקייט און אויף די אוממעגליכע מנהגים, וואס הערשען אין די קלענערע הויפען. דאס בעסטע און כאראקטעריסטישסטע ווערק זיינס איז די קורצע דערציילונג „דער נארישער אינוואליד אויף דער פעסטונג פון ראנטאנא". דא געפינען מיר זיינע אלטמאדישע גוזמאות, ניט אריבערטרעטענדיג די גרעניצען פון מעגליכקייט. די הויפט אידעע איז הארציג מענשליך.

ווי אין אלע דערציילונגען זיינע, פאנגט ארנים אויך אין דער דערציילונג אן מיט א מערקווירדיג משונה'דיגען אריינפיר. דער אלטער קאמאנדיר פון מארסייל, פירסט דוראנד, זיצט ביים קנאקענדיגען פייער אין קאמין, און שארט ארויף אייל־בערט־צווייגלעך אויפ'ן פייער מיט זיין הילצערנעם פוס. אזוי זיצענדיג, טראכט

ער וועגען פּראָדוצירען נייע סאָרטען פייערווערק, און פּלוצלינג כאַפּט ער זיך, אַז זיין הילצערנער פוס ברענט. ער מאַכט אַ גוואַלד, און אַן אומבאַקאַנטע פרוי, וואָס האָט גראָד געוואָלט אַריינקומען אין׳ם צימער, גיט זיך אַ וואָרף צו איהם, און נעמט פאַרלעשען דאָס פייער מיט איהר פאַרטוך; פון דעם ברענענדיגען הילצערנעם פוס, כאַפּט זיך דאָס פאַרטוך אָן, אָבערביידע ווערען געראַטעוועט פון די מענשען, וואָס זיינען אַריינגעלאָפען פון דער גאַס מיט עמער וואַסער. די פרוי איז געקומען מיט דער שליחות עפּעס אויסצובעטען לטובת איהר מאַן, וואָס פירט זיך שטאַרק מאָדנע אויף זינט ער איז פאַרוואונדעט געוואָרען אין קאָפּ. ער איז אַ פעהיגער פעלדפעבעל איהר מאַן, אָבער טיילמאָל ווערט ער אַזוי צעקאָכט, אַז ס׳איז פּשוט אוממעגליך מיט איהם אויסצוקומען. טיילווייז אויס רחמנות, און טיילווייז דערפאַר, ווייל דער פאַל אינטערעסירט איהם, באַשליסט דער קאָמענדאַנט איבערצוגעבען אונטער דער השגחה פון דעם פעלדפעבעל אַ פעסטונג צו וועלכער ס׳זיינען בלויז נויטיג אַ קאָמפּאַניע פון דריי מענשען, און אַזויערנאָך וועט ער האָבען וויניגער מעגליכקייטען זיך צו צעווערטלען מיט זיינע שכנים.

דער פעלדפעבעל האָט נאָך ניט באַוויזען אַריבערצוטרעטען די שוועל פון דער פעסטונג, און ער פאַלט אַריין אין אַ צושטאַנד פון משוגעת. ער פאַרטרייבט זיין גוטע פרוי, וויל ניט אויפנעמען די צוויי אונטעראָפיצירען זיינע, דערקלערט קריג קעגען זיין קאָמענדאַנט, און אַטאַקירט מאַרסייל פון זיין נעסט אויפ׳ן שפּיץ פעלז, צו וועלכען ס׳איז שווער צוצוקומען. דריי טעג בסדר געפינט זיך די שטאָדט אין אַ צושטאַנד פון טעראָר. אַלע צוגרייטונגען ווערען געמאַכט צו אַטאַקירען די פעסטונג, הגם ס׳איז זיכער, אַז ס׳וועלען דערביי אומקומען מענשען, און אַז דער משוגענער וועט אויפבלאָזען דעם שרויט־מאַגאַזין. זיין בראַווע פרוי, וואָס ליבט איהם אפילו מיט זיין משוגעת, פאַרלאַנגט אַז מ׳זאָל פריהער זי לאָזען אַריינכאַפּען זיך אין דער פעסטונג כדי זי זאָל אַנטוואָפענען איהר מאַן, אויב מעגליך. און ווען זי דערנעהנטערט זיך, שיסט ער אויף איהר, אָבער געשטאַרקט פון איהר ליבע, קלעטערט זי אומדערשראָקען אַרויף דורך אַ שמאָלער און פעלזיגער סטעזשקע צום

שפּיץ באַרג אויף וועלכען עס שטעהען אַנגעלאָדען צוויי קאַנאָנען. און איצטער, אַלס רעזולטאַט פון זיין שרעקליכער אויפרעגונג, רייסט זיך ווידער אויף דער וואונד אין דעם אַלטענ'ס קאָפּ; ער ווערט צוריק מיושב, און לאָזט זיך אַראָפּ באַגעגענען זיין פרוי, — ער, זי, און די גאַנצע שטאָדט ווערט גערעטעוועט.

די ווירקונג פון דער קליינער דערציילונג ווערט קאָליע געמאַכט דורכדעם, וואָס ער ברענגט אַריין איבערנאַטירליכע עלעמענטען. דער גאַנצער אומגליקספאַל ווערט צוגעשריבען צום רעזולטאַט פון אַ שטיפמוטער'ס נאַרישער קללה. אין איהר איינפאַכקייט אָבער, איז די דאָזיגע דערציילונג אַ פאַרהערליכונג פון יענער שטאַרקער און שעהנער ליבע, וואָס איז בכוח צו פאַרטרייבען אפילו דעם טייוועל אליין.

און אין אָט דער דערציילונג, ווי אין עטליכע אנדערע דערציילונגען זיינע, ווייזט ארנים אַרויס אַ מענשליכע סימפּאַטיע צו די נידעריגע קלאַסען, אַ שטריך וואָס פּאַסט זיך זעהר גוט פאַר דעם אַריסטאָקראַט־ראָמאַנטיקער. ס'איז דאָסזעלביגע ליבע־געפיהל וואָס ער ווייזט אַרויס פאַר עניות'דיגע מענשען, און וואָס האָט איהם געפירט צוזאַמענצוקלייבען און אַרויסצוגעבען די פאָלקס־לידער און באַלאַדען, און וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך דעם העלד פון „דאָלאָרעס" מיט די פאָלגענדיגע ווערטער: „גלויב מיר, אַז אַ סך מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט באַצאָלען עטליכע טאָלער פאַר אַ פּאָר שורות וועגען אַ נאַרישער פאָרמאַליטעט, בין איך באַהערשט געוואָרען פון אַ שטאַרקען באַגער אַ כאַפּ־צו־טאָן דעם טינטער, און איהם אַ שמייס טאָן אין אַדוואָקאַט'ס פּנים. מיך וואָלט גאַרנישט געוואונדערט, ווען איך וואָלט געזעהן, ווי אַ פלאַם־פייער קומט אַראָפּ גלייך פון הימעל און פאַרברענט אַלע זיינע פאַרשימעלטע דאָקומענטען. און אויב איך פיהל אַזוי, ווי שמערצליכער מוז אַזאַ מין הוצאה אָנקומען דעם אָרימאַן, וואָס דאַרף אפשר אַרבייטען אַ גאַנצע וואָך פון פריה באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט, כדי צוזאַמענצושאַרען דאָס געלט". מיט דרעזעלביגער אידעע באַגעגענען מיר זיך אין זיין עסיי „וועגען פאָלקס־לידער", וואו ער דערקלערט, אַז די מענשען האָבען אָנגעפאַנגען „קוקען אויפ'ן געזעץ, ווי אויף אַ שטורמווינט, אָדער ווי אויף

יעדער איבערמענשליכער קראַפט, קעגען וועלכער זיי מוזען זיך באַשיצען, אָדער פון וועלכער זיי מוזען אנטלויפען, אָדער אַזאַ קראַפט וואָס פאַרשאַפט זיי קיין זאַך ניט אַ חוץ האָפנונגסלאָזיג־קייט".

פון אַלע זיינע ראָמאַנטישע קאַפּריזען, שיינט אַרויס אָט די דאָזיגע אַריסטאָקראַטישע נייגונג.

צוזאַמען מיט אַרנים'ס נאָמען דערמאָנט מען תמיד דעם נאָ־מען קלעמענס ברענטאַנאָ (1778—1849), וואָס איז געווען זיין שותף אין דער זאַמלונג און אין דער אויסגאַבע פון די דייטשישע פאָלקס־לידער און באַלאַדען. ברענטאַנאָ איז ענליך צו אַרנים'ען אין זיין טבע פריי צו לאָזען לויפען אַן אינטערעסאַנטע פאַנטאַזיע, און אונטערשיידט זיך פון איהם דערמיט, וואָס ער איז אַן אומ־שטאַנדהאַפטיגע און ניט־פאַרטרויענסווערטע פערזענליכקייט. זיין טאַלאַנט איז פלאַמענדיגער און בייגזאַמער, ער איז גיכער אַ מין איטנעלעקטועלער וואונדער. אָבער נאָר ווי אַ פּסיכאָלאָגישע ער־שיינונג פאַראינטערעסירט ער אונז, און ניט אַלס מענש. דאָס איינציגע וואָס רופט אַרויס אונזער סימפּאַטיע צו איהם, איז וואָס ער דערנידעריגט זיך ניט, ווי זיין גייסטיגער ברודער, צאַכאַריאַס ווערנער, דורך סענטימענטאַלער שונד. ער האנדעלט ניט געמיין, אָבער ער איז קיינמאָל ניט וואַרהאַפטיג, אין דעם שטרענגען זין פון וואָרט, ביז ער ווערט ניט אינטעלעקטועל פאַרטעמפּט, און וואַרפט פון זיך אַראָפּ זיין באַרוף אַלס פּאָעט, אָדער שרייבער, און גיט זיך לחלוטין אָפּ מיט זיין רעליגיעזער התלהבות. זיין פאַל דערמאָנט אונז שטאַרק אָן העלדערלינ'ען, וואָס איז אַזוי יונג משוגע געוואָרען — פאַר דער ליטעראַטור זיינען די לעצטע פינף און צוואַנציג יאָר פון זיין לעבען פאַרלאָרען געגאַנגען.

אַלס יונגערמאַן איז ברענטאַנאָ געווען דער לץ פון די ראָמאַנ־טיקער, דער בייזהאַפטיגער אָפּלאַכער און וויצלינג, וואָס קאָן זיך ניט אָפּהאַלטען פון זאָגען דאָס, וואָס וועט איהם קאָסטען די פריינד זיינע, און וואָס קען אויך ניט שטערען און באַזייטיגען די געפיהלען און אילוזיעס, וואָס ער האָט אויף אַ געשיקטען אופן אַליין באַשאַפען. צוזאַמען מיט דער גראַציעזקייט אין דער קונסט, אַ זעלטענהייט צווישען ראָמאַנטיקער, באַזיצט ער אויך אַ לייכטען

פּאַטאָס. פּונקט ווי אַ סך מענשען מיט אַ שאַפּערישען אינטעלעקט, איז ער אויך געוואָרען, ווען ער האָט זיך גענומען צו דער פּען, טיפער, ערנסטער, און ועל כולם אַ סך האַרציגער, ווי ער איז געווען אין פּאַקטישען לעבען. דאַריבער טרעפט עס זיך גאַנץ אָפט, וואָס אַלס ארטיסט באַשאַפט ער דעם איינדרוק פון עפּעס עכטס, הגם ער איז אין לעבען ניט געווען וואַרהאַפטיג.

ברענטאַנאָ'ן האָט געפעלט דער רוקענביין פון אַן אינטעלעקטועלער פּערזענליכקייט. זייענדיג אָהן פעסטע איבערצייגונגען, האָבען פאַר איהם בלויז עקזיסטירט צוויי באַציהונגען צו דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט אין שייכות צו רעליגיעזע פראַגען — אָדער ווילדער אויפשטאַנד, אָדער פאַלשטענדיגע הכנעה. זיין אינטעלעקט האָט זיך געוואַקעלט צווישען די צוויי עקסטרעמען, און איז לסוף איבערגעגאַנגען צו הכנעה.

פון אַלע זיינע טאַלאַנטען און פעהיגקייטען, האָט דער דאָזיגער איבער־ראָמאַנטיקער בלויז געוואָלט אַנטוויקלען זיין פאַנטאַזיע. גאַנץ אמת איז די פאָלגענדע ווידוי, וואָס מיר נעמען אַרויס פון איינעם פון זיינע בריעף: „אַך, מיין קינד! מיר האָבען בלויז געשפּייזט אונזער פאַנטאַזיע, און אַלס לוין, האָט זי אונז איינגעשלונגען“. אַ ניט־איינגעצוימטע פאַנטאַזיע, וואָס ווערט אַנטוויקעלט אומגעשטערט פון וועלכער ס'איז אַנדערער קראַפט, איז ענליך צו פאַלשקייט; און ווי באַוואוסט איז ברענטאַנאָ אין זיין יוגענט געווען אַ פאַרפאַלענער ליגנער, וואָס זיין אַמוזאַנטסטע באַשעפטיגונג איז באַשטאַנען אין ברענגען פרויען צו טרערען דורך מעשיות וועגען זיינע נישט געשטויגענע און ניט געפלויגענע ליידען.

ער איז געווען דער „אַנפאַן פּערדי“ (דאָס „פאַרלאָרענע קינד“) פון דער ראָמאַנטישער שול. מען קען איהם אויך אָנרופען „דאָס פאַרלאָרענע קינד“ פון דער פּאָעזיע. ווי דער יונגערמאַן פון נייעם טעסטאַמענט, איז ער אויך געווען אַ פאַרשווענדער. יעדע גוטע און שכל'דיגע אידעע, אַלע פרוכטבאַרע סיטואַציעס וואָס ער האָט אויסגעטראַכט, האָט ער פאַרטאַכלעוועט אויף ווערק, וואָס האָבען ניט געהאַט קיין באַשטימטען פּלאַן, און קיין גענויע פאָרם, און ממילא איז אין זיי ניט געווען דער כוח איבערצולעבען די צייט.

וואָס שווענקט אַזוי שנעל אַראָפּ יעדע פאָרמלאָזע זאַך. איידער ער איז אַלט געוואָרען פערציג יאָר, האָט ער שוין געהאַט אויס־גענוצט זיין גייסטיגען קאַפּיטאַל, האָט שוין געהאַט פאַרשווענדט זיין תוך, און האָט גערן געוואָלט, ווי דער יונגערמאַן פון דער ביבעל „אָנפילען זיין בויך מיט דעם שאָלעכץ, וואָס חזירים עסען" — שאָלעכץ מיט וואָס ס'האָבען זיך געשפּייזט נאָר עם־הארצים און אבערגלויביגע מענשען. מיט אַנדערע ווערטער: ער איז אריינ־געפאַלען אין אַ צושטאַנד פון נאַרישען פאַנאַטיזם. אין 1817 האָט ער זיך ווידער גענומען תשובה טאָן, ווי אין זיינע אינגערע יאָרען, און אין אַ יאָר ארום האָט ער אינגאַנצען אָפּגעבראָכען זיינע באַציהונגען מיט זיינע חברים. די ווייטערדיגע זעקס יאָר פון זיין לעבען האָט ער פאַרבראַכט אין אַן ערנסטען חשבון הנפש לעבען דעם קראַנקען בעט פון דער בארמהערציגער שוועסטער קאַ־טאַרינאַ עמעריך, אויף וועמעס קערפּער ס'האָבען זיך אָנגעוויזען די צייכענס פון קריסטוס'עס וואונדען, אויף די קערפּערליכע מומים פון אַט דעם פרומען, אויפריכטיגען, אָבער באמת היסטערישען מיידעל האָט ער געקוקט ווי אויף אַזוי פיעל סמנים פון געטליכער ברכה; ער האָט געגלויבט אין דער נסים'דיגקייט פון די בלומרשטיגע אָפּדרוקען פון דעם גואל'ס וואונדען, אויף וועלכע ער פלעגט קוקען מיט יראה־שמים'דיגער מיטלייד. קאַטאַרינאַ'ס ווערטער האָבען איהם איבערצייגט, אַז זי באַזיצט אַ מיסטעריעזע, איבערנאַטירליכע פעהיגקייט פון אַ צווייטער ראיה, און ער האָט פאַרזיכטיגערהייט פאַרצייכענט אַלע איהרע זעהונגען און האַלו־צינאַציעס. ער האָט אָנגעשריבען די געשיכטע פון איהר לעבען, האָט רעדאַגירט איהרע „נאַכזינונגען" און האָט, לויט איהר דיקטי־רונג, אָנגעשריבען די „לעבענס־געשיכטע פון דער הייליגער מאַריע". זיין איינציגע באַשעפטיגונג נאָך איהר טויט (אין 1824) איז פאַקטיש באַשטאַנען אין צוגרייטען צום דרוק די פערצעהן בענדער מאַנוסקריפּטען, וואָס האָבען אַנטהאַלטען איהרע פאַרשידענע גע־דאַנקען.

ברענטאַנאָ'ס לעבען איז אַ מערקווירדיגע ראיה פון דעם אמת פון מעפיסטאָפעל'ס ווערטער אין געטע'ס פאַוסט:

"Verachte nur Vernunft und Wissenschaft,
Des Menschen aller hochste kraft,
Lass nur in Blend-und Zauberwerken
Dich von dem Lugengeist bestarken,
So hab' ich dich schon unbedingt." *)

האַלוציאַנאַציעס און כישוף האָבען געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין זיין לעבען, און דער זעלביגער מענש וואָס האָט געמאַכט זיין דעבוט מיט אַ שפּאָטעריי אויפ'ן ראַציאָנאַליזם, טענה'נדיג אַז ער איז טרוקען און נשמה'לאָז, איז אַליין געפאַלען אַ קרבן צו אידעע, וואָס זיינען אַ סך טרוקענער און נשמה'לאָזער, איידער דער פּוסטסטער ראַציאָנאַליזם. פּונקט ווי די טייערע נשמה קאַטאַרינאַ עמעריך איז ניט געווען קיין באַטריגערין, אַזוי איז ער ניט געווען קיין היפּאָקריט. אָבער זיין דורשט נאָך שטאַרקער אויסערליכער הילף פאַר זיין שוואַכען און שלאַבעריגען „איך", וואָס איז איצטער נאָך שוואַכער געוואָרען צוליב זיין חרטה אויף זיין יוגענטליכער הפקרות, אָט דער דורשט האָט איהם געטריבען זיך אָנצוכאַפּען מיט'ן פאַנאַטישען ענטוזיאַזם פון זיין נשמה אָן דער קירך מיט איהרע נסים, פּונקט ווי ער האָט זיך פריהער געהאַט באַהאַפטען צו דער פּאָעזיע מיט איהרע וואונדער־מעשיות און כישוף.

אין די שפּעטערע יאָרען זיינע איז ער באַהערשט געוואָרען פון אַ מין רעליגיעזער מאַניע, הגם ער האָט אין געוויסע פאַלען ארויסגעוויזען סמנים פון זיין אַלטער נטיה צו לצנות. ער דערציילט, למשל, אַז ער האָט געצייכענט די אַפּאָסטאָלען, וואָס זיינען ערשינען פאַר קאַטערינאַ עמעריך אין איהר זעהונג, פּונקט ווי זי האָט זיי פאַר איהם געשילדערט. אָבער בעטינאַ האָט אַנטדעקט אַז ער האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון אויפהענגען אויפ'ן האַלז פונ'ם אַפּאָסטאָל פּאולוס, אַנשטאָט אַ טאָרבע, אַ משונה'דיג

*) פאַרהאַס דעם שכל און די וויסענשאַפט,
דעם מענשענס שטאַרקסטע, העכסטע קראַפט,
און זאָל אין צויבער און אין כשוף רינגען
דער גייסט פון ליבען דיך באַצווינגען,
ביסטו אין גאַנצען אין מיין האַנט.

אַלט טאַטין זעקעלע, וואָס האָט לאַנג צוריק געהערט צו איהם, און וועגען וועלכען עס זיינען אַרומגעגאַנגען קאָמישע מעשיות צווישען זיינע באַקאַנטע.

פון זיין פאָטערס צד שטאַמט קלעמענס ברענטאַנאַ אָפּ פון איטאַליענער. זיין זיידע, אַ פעהיגער סוחר פון פראַנקפורט, איז געווען אַ געבירטיגער פון טרעמעזאָ, ביים טייך קאָמאָ. פון זיין מוטערס צד, שטאַמט ער אָפּ פון דער שרייבערין סאָפיע לאַראָש, ווילאַנדס אַ פריינד.

אין דעם פערזענליכען אויסזעהן זיינעם, איז ער געווען אַן אידעאַלער פּאָעט: שעהן, בלאַס, און צאַרט, מיט אַ געמיש פון געקרייזעלטע שוואַרצע האָר; אַפּנים ווי ביי אַ דרום־מענשען, מיט פינקלענדיגע, אומרוהיגע ברוינע אויגען, איבער וועלכע ס'האָבען אַראָפּגעהאַנגען לאַנגע ווימפּערן. ער האָט פאַרמאָגט אַ באַסאָווע שעהנע שטים, און פלעגט הנאה האָבען צו זינגען זיינע אייגענע לידער, און זיך אַליין באַגלייטען אויף דער גיטאַרע.

ער האָט לכתחילה געדינט ביי אַ סוחר, אָבער דער דאָזיגער עקספּערימענט האָט קיין שום נוצען ניט געבראַכט און אין 1797 האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין יענאַ, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט די חשוב'סטע ראָמאַנטיקער, ווי פרידריך שלעגעל, סטעפענס, און אַנדערע. די דאָזיגע פריינד האָבען איהם אָפט געוואָרנט אז זיי וועלען איהם שלאָגען צוליב זיינע משוגענע קונצען און „ניט זעלטענע בייזוויליגע באַרימערייען און ליגענס", און די וואָרנונג איז מעהר ווי איין מאָל ווירקליך אויסגעפירט געוואָרען. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט אָפּהאַלטען פון באַליידיגען; פאַר איהם איז אוממעגליך געווען איינצוהאַלטען אַ קאַפּריז. ווען ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען האָט ער זיך פאַרליבט אין זעהר אַ גייסטרייכער פרוי, סאָפי מעראָ, אַ יענאַ־ער פּראָפעסאָר'ס אַ ווייב. אין משך פון דער ליבע האָט דאָס פּאָרל דורכגעלעבט וואונדערבאַרע פּאַסי־רונגען, וואָס עטליכע פון זיי זיינען רעפּראָדוצירט אין זיין ערשט בוך "גאָדווי, אָדער דער מוטערס סטאַטוע". ווען פּר. טיק האָט אין 1802 אויסגעהאַקט אַ מאַרמאָרנעם ביוסט פון ברענטאַנאָ'ן האָט פרוי מעראָ געשילדערט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף איהר

געמאַכט אין פאָלגענדען שעהנעם סאָנעט, זייענדיג באַגייסטערט פון עכטער באַוואונדערונג און ליבע:

''Welch sussen Bild erschuf der Kunstler hier?
Von welchem milden Himmelsstrich erzeuget?
Nennt keine Inschrift seinen Namen mir,
Da diese Todte Lippe ewig schweiget?

Nach Hohem loht im Auge die Begier,
Begeistrung auf die Stirne niedersteiget
Um die, nur von der Schonen Locken Zier
Geschmucket, noch kein Lorbeerkranz sich beuget.

Ein Dichter ist es. Seine Lippen prangen
Von Lieb' umwebt, mit wunderselgem Leben,
Die Augen gab ihm sinnend die Romanze!

Und schalkhaft wohnt der Scherz auf seinen Wangen;
Den Namen wird der Ruhm ihm einstens geben,
Das Haupt ihm schmuckend mit dem Lorbeerkranze '' *)

דאָס גליק איז געקומען צו ברענטאַנאָ'ן פריהער פאַר זיין רום. אין 1803 האָט ער חתונה געהאַט מיט סאָפי מעראָ'ן, וועלכע

*) וואָסער גרויסאַרטיג בילד האָט דער קינסטלער דאָ געשאַפען?
אונטער וואָסער מילדען הימעל געבוירען?
דערציילט מיר ניט קיין אויפשריפט דאָ זיין נאָמען?
בעת אַז די טויטע ליפען זיינען שוין אויף אייביג שטום?

אין אויג גליהט אַ פאַרלאַנג נאָך עפּעס הויכס,
באַגייסטערונג איז אויסגעגאָסען אויף זיין שטערען,
וועלכער איז באַצירט מיט די שעהנע לאָקען זיינע,
און נאָך ניט מיט קיין לאָרבערקראַנץ.

ער איז אַ פּאָעט. זיינע ליפען גליהען,
ארומגעוועבט מיט ליבע, מיט געבענשטען לעבען,
אין זיינע געדאַנקענפולע אויגען לעבט די ליבע,
און שעלמיש קוקט דער שפּאָס פון זיינע באַקען
דער רום וועט איהם אַמאָל זיין נאָמען געבען,
און איהם זיין קאָפּ באַצירען מיט'ן לאָרבערקראַנץ.

איז שוין געווען א גרושה, און זיי האבען זעהר גליקליך געלעבט צוזאמען ביז 1806 ווען זי איז געשטארבען אין קימפעט.

אין הײדעלבערג האט ברענטאנא מיטגעארבייט מיט ארנים'ען אין דער אויסגאבע פונ'ם „אינגעלס וואונדער פייפעל", און מיט גערעס'ן אין „די געשיכטע פונ'ם זייגערמאכער באגס". ער האט שוין געהאט אליין פארעפענטליכט עטליכע פון זיינע ווערק, „פאנ־טעה דע לעאן", „די פרייליכע מוזיקאנטען", „כראניק פון א ריי־זענדען סטודענט". אין פראנקפורט האט ער זיך פארפלאנטערט אין א ליבע, וואס האט געפירט צו פיעל טראגי־קאמישע עפיזא־דען אין זיין לעבען. ער איז אנטלאפען מיט א יונג מיידעל, אווי־גוסטע בוסמאן, וואס האט זיך אין איהם ווילד פארליבט; זי איז געווען א פלימעניצע פונ'ם בארימטען באנקיר, בעטמאן. זיי זיינען אוועק קיין קאסעל וואו ער האט מיט איהר חתונה געהאט. מען דערציילט אז ער האט געוואלט אנטלויפען פון איהר בעת זיי זיינען געגאנגען אין דער קירכע, נאר די ענערגישע כלה האט איהם פעסט צוגעהאלטען. עטליכע טעג נאך דער צערעמאניע האט זי ארויסגעווארפען דאס קידושין פינגערל דורכ'ן פענסטער. זי האט ליב געהאט זיך א לאז צו טאן דורך דער שטאדט רייטענ־דיג בעת די פעדערן פון איהר הוט און דאס רויטע פערד־צירונג האבען געפלאטערט אין ווינט. זי האט געפייניגט איהר מאן אויף פארשיעדענע אופנים. מען דערציילט אז איינס פון די ערג־סטע צרות וואס ער האט געדארפט לײדען איז געקומען פון איהר פעהיגקייט אויסצופויקען עפעס מיט איהרע פיס אויפ'ן פוס־שטיק פון בעט, נאך אזא קאנצערט האט תמיד נאכגעפאלגט א געשיקטע פיציקאטא*), וואס זי פלעגט שפילען מיט די נעגעל פון די פיס־פינגער אויפ'ן לײלעך.**) דאס און אנדערע זאכען האבען איהם אזוי דערעסען אז ער איז אנטלאפען. די העלדישע דאמע האט

*) דאס וואס ווערט געשפילט מיט די פינגער אויף די סטרונעס אנשטאט מיט'ן סמיטשיק.

Godeke; Grundriss zur Geschihcte der Deutschen Dichtung, III., Erster Abth. 31. **)

אַרויסגעקראָגען אַ גט דאָס זעלביגע יאָר, און האָט אין קורצען ווי־דער חתונה געהאַט.

ברענטאַנאָ האָט זיך באַזעצט אין בערלין, און באַלד איז ער געוואָרען אין די דאָרטיגע געזעלשאַפטליכע קרייזען זעהר אַ פאַר־לאַנגטער גאַסט, אַ דאַנק זיינע פעהיגקייטען אין געשפּרעכען, זיין קאַפּריזנעקייט און זיינע פייערוועריק־אַרטיגע וויציגע אויסברוכען. אין בערלין טאַקע האָט ער געשריבען דאָס רוב פון זיינע צויבער־מעשיות און דאָס רוב פון זיינע „ראָמאַנסען פון רויזענקראַנץ". זיין פּיעסע „די גרינדונג פון „פּראַג" איז געשריבען געוואָרען אין בעמען, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס פאַמיליען גוט „בוקאָוואַן", איבער וועלכען זיין אינגערער ברודער, כריסטיאַן, האָט געהאַט די אויפ־זיכט. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט קיין בערלין אין 1816 האָט ער געשריבען די באַרימטע מעשה „די געשיכטע פון העלדישען קאַספּערל און דער שעהנער נאַנערל", אויך „די פּיעלע וועהמילער" און „די דריי ניס". דערנאָך איז פאָרגעקומען זיין אַריבערגאַנג צום קאַטאָליציזם, און ער האָט שוין מעהר ניט געלעבט פאַר דער ליטע־ראַטור. די פאַרדינסטען פון אַלץ וואָס ער האָט דערנאָך געשריבען זענען אַוועק אויף צדקה זאַכען.

סטעפאַנס באַמערקט וועגען ברענטאַנאָ'ן אַז ער איז דער איינ־ציגער צווישען די ראָמאַנטיקער, וואָס קוקט אויס צו זיין אין גאַנצען באַוואוסט ביי זיך, אַז ער האָט קיין ציל ניט. ער רופט איהם אַן איראָנישער, שפּילענדיגער קראָנאָס, וואָס יעדער אויסדרוק זיינער צעשטערט, אויף אַ פאַנטאַסטישען אופן, דעם פריהערדיגען, אַזוי אַרום פרעסט ער אויף זיינע אייגענע קינדער. דאָך אַלס לירישער פּאָעט, שרייבער פון צויבער־מעשיות און ראָמאַנען שרייבער, האָט ברענטאַנאָ געשאַפען קונסטווערק, וועניג אין צאָל, אָבער פון דויערנ־דיגען ווערט.

אין זיין פּאָעזיע איז דאָ עפּעס וואָס רירט, איז איינפאַך און גלעטענדיג זיס. ער פאַרשטעהט די קונסט פון קאָנדענסירען אַ גע־פיהל, אָבער געוויינטליך שפּריצט ער עס ווידער אויס, און מאַכט קאַליע דעם עפעקט דורך איבער'חזר'ן זיך, רעפריינס, אָדער דורך אַריינברענגען סתם קלאַנגען, ווי למשל, „רי, קו, קו, קו" א. ד. גל.

כמעט אַלע זיינע לידער פאַרמאָגען איינציגע אויסגעצייכענטע סטראָפען, אָבער כמעט אַלע זענען צו לאַנג. ער האָט אָנגענומען די צעשוואומענקייט פונ'ם פאָלקס־ליד. ער איז זעהר אָריגינעל אין אַזעלכע אומאיבערזאַצבאַרע סטראָפען ווי די פאָלגענדע, פון זיין „דיכטער'ס בלומענשטרוים":

Ein verstimmend Fuhlgewachschen
Ein Verlangen abgewandt,
Ein erstarrend Zitterhexchen,
Zuckeflammchen nie verbrannt.

Offnes Rathsel, nie zu losen,
Steter Wechsel, fest gewohnt,
Wesen, wie noch keins gewesen,
Leicht verhohnt und schwer versohnt
....
Auf dem Kehlchen wiegt das Kopfchen
Blumenglockchen auf dem Stiel,
Seelchen, selig Thauestropfchen
Das hinein von Himmel fiel.''

דער זעהר געקינצעלטער סטיל פון דעם ליד איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר ברענטאַנאָ'ן. סיי אַלס לירישער פּאָעט, סיי אַלס דערציילער איז ער געקינצעלט. אָבער זיינע מאַנעריזמען מאַכען זעלטען דעם איינדרוק פון געמאַכטקייט, זיי זאָגען בלויז עדות אויף דער, כמעט קרענקליכער, פיהלבאַרקייט פון זיין טעמפּעראַמענט.

אין „דער שפּינערינ'ס ליד" געפינען מיר אַן איינפאַכען און רירענדיגען אויסדרוק פון'ם וועהטאָג פון דער לאַנגער צעשיידקייט מיט סאָפי מעראָ'ן. עס הייבט זיך אָן:

Es sang vor langen Jahren
Wohl auch die Nachtigal,
Das war wohl susser Schal
Da wir zusammen waren.

Ich sing und kann nicht weinen,
Und spinne so allein

Den Faden klar und rein,
So lang der Mond wird scheinen.

Da wir zusammen waren
Da sang die Nachtigal,
Nun mahnet mich ihr Schall
Dass du von mir gefahren.

So oft der Mond mag scheinen
Gedenk ich dein allein
Mein Herz ist klar und rein,
Gott wolle uns vereinen.'' *)

מען דאַרף ווירקליך אָפּגעבען ברענטאַנאָ'ן א סך ערע אַלס באַשאַפער — אין זיין באַלאַדע „לאָרעליי“ — פון א פיגור, וועלכע איז, אונטער דער באַהאַנדלונג פון אַנדערע פּאָעטען, ספּעציעל פון היינע'ן, געוואָרען אַזוי לעבעדיג, אַזוי ווירקליך פּאָפּולער, אַז עס גלויבט זיך קוים אַז זי איז ניט קיין עכטע לעגענדאַרע פיגור. עס איז שלעכט צו טון דאָס וואָס גריזעבאַך און שערער האָבען געטון. דהיינו,

*) עס זינגט שוין לאַנגע יאָרען
אויך די נאַכטיגאַל.
אַ זיסער קלאַנג איז עס געווען,
ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען.

איך זינג און קאָן ניט וויינען
און וועב, און וועב אַליין
דעם ריינעם, קלאָרען פאָדעם
אַזוי לאַנג ווי די לבנה וועט שיינען.

בעת מיר זיינען צוזאַמען געווען
האָט די נאַכטיגאַל געזונגען,
איצט דערמאָנט מיך איהר קלאַנג,
אַז דו ביסט פון מיר אַוועק.

אַזוי לאַנג ווי די לבנה וועט שיינען
וועל איך בלויז דיך געדענקען,
מיין האַרץ איז קלאָר און ריין,
הלואי זאָל אונז נאָך גאָט פאַראייניגען.

מען זאָל צוליב דעם לויב־געזאנג אראָפּנעמען פון היינע'ס פאַר־דינסטען, געבען איהם קרעדיט בלויז פאַר גרעסערער ליטעראַרישער געשיקטקייט, און ברענטאנאָ'ן פאַר גרעסערע ערפינדונגס־ פעהיג־קייטען. דאָס זעהט נאָך מעהר אויס צו זיין אומגערעכט ווען מיר געדענקען אז ברענטאנאָ'ס איינגענע בעסטע לירישע לידער זענען איבערגעמאכטע פּאָפּולערע לידער. לייענט, למשל, זיין שעהנע זאַך „פאַראַן אַ שניטער, וואָס הייסט טויט“. דאָס ליד געפינט זיך אונטער'ן נאָמען „שניט־צייט ליד“ און „דעם אינגעל'ס וואונדער־פייפעל“, און הייבט זיך אָן אזוי:

Es ist ein Schnitter, der heisst Tod,
Hat Gewalt vom hochsten Gott,
Heut wetzt er das Messer,
Es schneidt schon viel besser,
Bald wird er drein schneiden,
Wir mussen nur leiden;
Hute dich, schons Blumelein!"

ברענטאנאָ'ס שורות זענען מעהר געהובעלט.

Es ist ein Schnitter, des heisst Tod
Er maht das Korn, wenn Gotts gebot,
Schon wetzt er dis Sense,
Dass schneidend sie glanze;
Bald wird er dich schneiden,
Du musst es nur leiden;
Musst in den Erntekranz hinein;
Hute dich, schones Blumelein.

אין דער אָריגינעלער פאָרם זענען די פאָלגענדע שורות ניט בלויז איינפאכער, נאָר שענער ווי אין ברענטאנאָ'ס באארבייטונג:

"Viel hundert tausend ungezahlt,
Was nur unter die Sichel Fallt
Ihr Rosen, Ihr liljen,
Euch wird er austilgen
Auch die Kaiserkronen
Wird er nich verschonen.
Hute dich, schones Blumelein!"

ברענטאַנאָ׳ס גערט אזוי:

Viel hundert tausend ohne Zahl,
Ihr sinket durch der Sense Strahl;
Weh' Rosen, Weh' Liljen,
Weh' krause Basilien!
Selbst euch Kaiserkronen
Wird er nicht verschonen
Ihr must zum Erntekranz hinein.
Hute dich, schones Blumelein.

די זעקס סטראָפען פון אַלטען ליד ציהט ער אויס אויף פער־צעהן מיט דער הילף פון אַ לאַנגען צעטעל בלומען און פלאַנצען. מיר פארלירען דעם אטעם איידער מיר דערגרייכען דעם סוף. דאָס בוך לידער וואָס הייסט „די ראָמאַנסען פון רויזענקראַנץ" איז אַ ראָמאַנטישע וואריאציע פון דער פאוסט לעגענדע, ווייזענדיג די שלעכטסקייט פון דורשטען נאָך וויסען און פון זיין שטאָלץ דער־מיט. פאוסט אַליין ווערט טראַנספאָרמירט אין אַ מעפיסטאָפעלשען שלעכטסקייט־פּרינציפּ. אין דעם דאָזיגען ווערק, אזוי גוט ווי אין „לארעליי", מאַכט ברענטאַנאָ גרייט דעם וועג פאר היינע׳ן. די ראָמאַנסען זענען געשריבען אין פיער־פיסיגע כארייען, וואָס אין זייער קאָדענץ און אין גאַנצען כאַראַקטער זייערן זאָגען זיי אָן היינע׳ס כארייאישען פערז, ספּעציעל דאָס מאָדנע שטעלען איינס לעבען ס׳אַנדערע לייכטע, גראַציעזע שורות, און שורות, וואָס אַנט־האַלטען געלערנטע נעמען, טונקעלע יורידישען שטאָף און שטיקער פון מיטעלאַלטערליכען מיסטישען זשאַרגאָן.

אַלס פּראָזע שרייבער האָט ברענטאַנאָ אָנגעהויבען מיט זיין „גאָדווי" לויט׳ן סטיל פון „לוצינדע". די ערשטע טייל פון׳ם בוך נעמט אָן אז אמת׳ע מאָראַל באַשטעהט אין פריילאָזען די ליידענ־שאַפטען, און אין אוממאָראַלישקייט — אין אונטערדריקען אָדער איגנאָרירען זיי. די העלדין פּרעדיגט די תורה פון פרייער ליבע מיט שכור׳ער ווילדקייט און פאַרדאַמט הייראַט און יעדען סאָרט געצוואונגענע צניעות. די צווייטע טייל — אויך אַן עכט ראָמאַנטי־שען אופן — לאַכט אָפּ פון דער ערשטער טייל און פון די העלדען וואָס ווערען דאָרט געשילדערט. גאָדווי, דער העלד פון ערשטען

באַנד ציהט זיך צוריק אין הינטערגרונד, און דער שרייבער אליין, אונטער'ן פּסעוודאָנים מאַריא, פאַרנעמט זיין פּלאַץ. מיר געפינען אויס אַז דעם שרייבער געלינגט אריינצוקריגען די קאָרעספּאָנדענץ פון וועלכער עס באַשטעהט די ערשטע טייל ווייל ער זוכט צו געווינען די האַנט פון אַ טאָכטער פון איינעם פון די פּערזאָנען אין דער ערשטער טייל פונ'ם בוך. ער האָט געהאָפט צו דערגרייכען דעם דאָזיגען צוועק דורכ'ן ארויסגעבען דאָס בוך. נאָר אַזוי ווי דער ערשטער באַנד קריגט ניט קיין אנערקענונג, נעמט ער איהם צו גאַדוויי'ן און בעט איהם ער זאָל איהם דערציילען אַלע אנדערע ליבעס־פּאַסירונגען וואָס ער האָט איבערגעלעבט. דער פאַרוואונדעטער גאַדווי לייענט זיין אייגענע געשיכטע. מיט'ן בוך אין דער האַנט פירט ער דעם שרייבער ארום אין זיין גאָרטען, און זאָגט, אַנווייזענדיג אויפ'ן וואַסערל: „דאָס איז דאָס וואַסערל וואוהין איך פאַל אריין אויף דער 266טער זייט פונ'ם ערשטען באַנד". מיר האָבען אַלזאָ אין גאַדווין' פרייהייט פון ליידענשאַפטען מיט ראָמאַנטישער איראָניע און זעלבסט־פּאַרטאָפּלונג.

די צוריקציהונג פון רעוואָלוציאָנערען ברען און פייער איז ביי ברענטאַנאָ'ן געווען נאָך פולשטענדיגער ווי ביי פר. שלעגלען; עס איז ביי איהם געוואָרען אַ פּאָזיטיווע פאַראַכטונג פון שכל. און זיין אריבערגאַנג צום קאַטאָליציזם, פּונקט ווי ווערנער'ס, איז געווען פון אַזאַ סאָרט, וואָס געהט צוזאַמען מיט אַ טיף זינד־געפיהל. אין זיין „סקיצע פונ'ם לעבען פון אַנאַ קאַטערינאַ עמעריך", דערציילט ער, ניט טראַכטענדיג וועגען עפּעס אַ פיזיאָלאָגישער דערקלערונג פונ'ם פאַקט, אַז איהר בענקשאַפט נאָכ'ן „הייליגען סאַקראַמענט" איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַ סך מאָל אין מיטען נאַכט, דערפיהלענדיג אַן אומווידערשטעהליכע צוציהונג צו איהם, פלעגט זי פאַרלאָזען איהר צעל, און אין דער פריה האָט מען זי געפונען אַ קניהענדיגע מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס אין דרויסען פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון דער קירך. עס איז איהם קיינמאָל ניט איינגעפאַלען אַז זי קען זיך געפינען אין אַ קרענקליכען צושטאַנד, אפילו ניט דעמאָלט בעת זי האָט איהם דערציילט אַלע איינצעלהייטען וועגען די סימפּטאָמען אויף איהר קערפּער, עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע זאַך וואָלט פּאַסירט מיט אַן אנדער מאַנאַשקע פון דער געגענד.

אָבער בעת דער מיטעלער פעריאָדע פון זיין קאַריערע, האָט ברענ־טאַנאָ געשאַפן געוויסע ווערק אין פּראָזע וועלכע האָבן מעהר ווי בלויז אַ היסטאָריש ליטעראַרישען ווערט, למשל, די צויבער־מעשה „גאָקעל, הינקעל אונד גאַקעלעיאַ“, וואָס ער האָט לכתחילה געשרי־בען אין אַ קאָמפּאַקטער, קאָנדענסירטער פאָרם, נאָר אין אַ שפּע־טערער צייט האָט ער זי צעמישט מיט הייליג וואַסער און פיעל אויסגעצויגען. די דאָזיגע מעשה גיט אונז אַ באַגריף פון'ם אומ־אויסשעפּליכען זאַפּאַס אַמוזירענדיגע און מאָדנע איינרעדענישען פון וואַנען עס האָט זיך אָהן ספק גענומען דער טיפער צויבער פון זיינע געשפּרעכען. אין זיי אַנטפּלעקט זיך ברענטאַנאָ ווי אַ מייס־טער פון דער פּראָזע וואו ער ווייזט אַרויס אַזאַ געשיקטקייט אין אויסמיידען צוזאַמענצומישען מעטאַפאָרען, און צעריי̆סט קיינ־מאָל ניט די אידעען־קייט, כאָטש ער שפּילט זיך מיט ווערטער און אידעען און פאַרבינדט זאַכען וואָס האָבן צווישען זיך ניט דעם מינדסטען שייכות. דאָס וואָס רופט ביי איהם אַרויס צו שמידען זיין קייט קען זיך זיין גאָר אַ קליינינקייט, ווי אַ צופעליגע עראינע־רונג (ברענטאַנאָ דערמאָנט זיך, למשל, אַז אין זיין קינדהייט האָט ער געהערט ווי געטע'ס מוטער האָט געזאָגט: „דאָס איז ניט קיין ליאַלקע, נאָר אַ שעהנע קונסט־פיגור“). אָבער מיט דער איינגעשפּאַר־טער אַרטיסטישער שטרענגקייט פון אַ קאָנטראַפּונקטיסט האַלט ער זיך ביי זיין פאַרביינגעהענדיגען מאָטיוו איבער דער גאַנצער לענג פון זיין קאָמפּאָזיציע, און ער וואַריאירט און באַרייכערט איהם. אַלס מוסטער פון זיין סטיל, נעמט דעם פאָלגענדען פּאַראַגראַף פון „גאָקעל, הינקעל אונד גאַקעלעיאַ“, די מעשה אין וועלכער — אין משך פון עטליכע הונדערט זייטען — ער פּאַראַנדערשט ווערטער און אידעען אַזוי, אַז זיי זאָלען פאַרנעמען אַ פּאַסיג אָרט אין דער הינער־וועלט:

„Die Franzosen haben das Schloss so ubel mitgenommen, dass sie es recht abscheulich zuruckliessen. Ihr Konig Hahnri hatte gesagt, jeder Franzose solle Sonntags ein Huhn, und wenn keins zu haben sei, ein Hinkel in den Topf stecken und sich eine Suppe kochen. Darauf hielten sie streng und sahen sich uberal um, wie jeder zu seinem Huhn kommen konne. Als sie nun zu Haus mit

den Huhnern fertig waren, machten sie nich viel Federlesens und hatten bald mit diesem, bald mit jenem Nachbarn ein Huhnchen zu pflucken .Sie sahen die Landkarte wie einen speis-zetel an; wo etwas von Henne, Huhn oder Hahn stand, das strichen sie mit rother Tinte an und giengen mit Kuchenmesser und Bratspiess darauf los. So giengen sie uber den Hanebach, Stechten gross—und Kleinhunigen in den Topf und dann kamen bis in das Hanauer Land. Als sie nun Gockelsruh, das herrliche schloss der Raugraufen von Hauau, im Walde fanden, statuirten sie ein Exempel, schnitten allen Huhnern die Halse ab, steckten sie in den Topf und den rothen Hahn auf das Dach, das Heisst, sie machten ein so gutes Feuerchen unter den Topf, dass die lichte Lohe zum Dach herausschlug und Gockelsruh daruber ver-brannte. Dann giengen sie weiter nach Hunefeld und Hunhaun.''

דער צויבער־מעשה סטיל, מיט זיין שטענדיגען קאָמישען ווער־טער שפּיל דערמאָנען כמעט אָן דעם ווי אַזוי דער איבערפלוס פון הומאָר רייסט זיך ארוים ביי געוויסע יונגע לייט אין א טייל דראַ־מעס שעקספּיר'ס.

א סך ערנסטער, אויב ניט וויניגער געהובעלט, איז דער סטיל אין ברענטאַנאָ'ס בארימטסטע מעשה „די מעשה פון העלדישען קאַספּערל און דער שעהנער אנערל".

די טעמא איז גענומען פון „דעם אינגעל'ס וואונדערפּייבעל". אין צווייטען באַנד פון דער זאמלונג, זייט 204, געפינט זיך א באַלאַ־דע „וועלטליכע גערעכטיגקייט", וואָס דערציילט די מעשה ווי דער טויט אורטייל ווערט אויסגעפירט אויף דער שעהנער אנערל, וועלכע איז צופרידען צו שטארבען און געהן צו איהר קינד:

''Der Fahndrich kam geritten und schwenket seine Fahn:
'Halt still mit der schonen nanerl, ich bringe Pardon.'

'' 'Fahndrich, lieber Fahndrich, sie ist ja schon Todt.
'Gute nacht, meine shcone Nanerl, deine Seel is bei Gott.' '' *)

*) דער סיגנאַליסט קומט צורייטען און פאָכט מיט זיין פאָן
חערט אויף, שעהנע נאַנערל, איך ברענג א פּאַרדאָן

מיין ליבער סיגנאַליסט, איצט איז זי שוין טויט,
א גוטע נאַכט, שעהנע נאַנערל, דיין נשמה איז ביי גאָט.

אין ברענטאנא׳ס באארבייטונג ווערט די גאנצע מעשה דער־ציילט אין גאס, אין א לאנגער זומער נאכט, פון אן אָרימער אלטער אכט און אכציג יעריגער פרוי, דער שעהנער אנערל׳ס אָדער נאַ־נערל׳ס באָבע. איהם איז אזוי גוט געלונגען צו שילדערן די שפּראך פון דער אַלטער, פרומער און זעהר אבערגלויבישער פרוי, אז עס דוכט זיך אז מיר זעהען זי פאר זיך די גאנצע צייט. מיט דער העכ־סטער קונסט געלינגט איהם צו האַלטען דעם לעזער שטענדיג גע־שפּאנט דורך דעם אומגעוויינליכען אופן אויף וועלכע זי דערציילט איהר מעשה, ווי זי איילט זיך צו דערציילען ווייטער און קערט זיך אום פּלוצלונג צוריק אויפצוכאפּען א פאדעם וואָס זי האָט געלאָזען פאלען. אין דער גאנצער דערציילונג זאָגט זי ניט גענוג, אז מיר זאָלען האָבען א קלאָרען באגריף וועגען דער לאגע פון דער זאך, אָבער שטענדיג גענוג צו האַלטען אונז געשפּאנט און מאכען אז מיר זאָלען שטארק וועלען וויסען דעם ענטפער פון׳ם רעטעניש, צו כאפּען די דערקלערונג פון׳ם דערציילער׳ס מיסטעריעזע וואונקען. זעלטען האָט מען מיט אזא געשיקטקייט אויפגעהויבען, איינס נאך ס׳אנדע־רע, די שלייערס, וואָס פארבאָרגען א רייהע איצידענטען פון׳ם לעזער.

נאך א פארדינסט פון דער מעשה איז די קראפט מיט וועלכער די הויפּט אידעע, ערע (דאָס אמת׳ע און פאַלשע ערען־געפיהל, די חרפּה פון פארוואונדעטען שטאָלץ און די ווירקליכע חרפּה און שאנד צו וועלכע אמביציע קען דערפירען), ווערט פאָרגעשטעלט פאר אונז און אנטוויקעלט אין די האנדלונגען און איבערלעבונג פון די צוויי הויפּט העלדען. קאספערל, דער העלדישער אולאנער, וואָס זיין ערען־געפיהל איז אזוי שארף, אז עס דערגרייכט א סענטימענ־טאלע שוואכקייט, פאלט אריין אין א פארצווייפלונג, צוליב די אומערנהאפטע האנדלונגען פון זיין פאָטער און שטיפמוטער. ער באגעהט זעלבסטמאָרד, און דורך דעם פארשפּאָרט ער די שרעק פון וויסען וואָס עס קומט פאָר מיט זיין געליבטער, דער שעהנער אנערל. דאָס גאנצע לעבען אנערל׳ס איז געפירט געוואָרען פון א גרויזאם מזל. דער פאָעט, אין זיינע אבערגלויבישע שטימונגען, האָט ווירק־ליך הנאה געהאט דערפון וואָס ער האָט זי געטריבען צו אומגליק און טויט מיט דער אומווידערשטעהליכער, מיסטעריעזער קראפט פון באשערטקייט. אנערל׳ס מוטער האָט, אין איהר צייט, געליבט

אַ יעגער. דער דאָזיגער יעגער דאַרף באַצאָלען מיט זיין לעבען פאַר אַ מערדעריי. ווען דאָס קינד (אַנערל) קומט צו נאָהענט צום הענ־קער, ציטערט זיין שווערד אין איהר שייד — אַ זיכערער סימן אַז זי דורשט נאָך איהר בלוט. דער אָפּגעשניטענער קאָפּ פון׳ם יעגער, פליהט צו איהר, און די ציין כאַפּען אָן איהר קלייד. עס ווערט כסדר דערציילט וועגען דער קראַפט וואָס ציהט זי צו שלעכטס און אומגליק: „זי (די קראַפט) האָט זי גערימען דערצו מיט די ציין". אַמביציע פירט צו שאַנד. אַנערל ווערט פאַרפירט פון אַ יונגען אָפּי־ציר אונטער אַ פאַלשען הייראַט־צוזאָג. אין איהר שרעק און משוגעת דערשטיקט זי איהר ניי־געבוירען קינד, דערנאָך גיט זי זיך איבער דער גערעכטיגקייט און באַצאָלט די שטראָף פאַר איהר פאַרברעך מיט איהר יונג לעבען. איהר פאַרפירער קומט אָן מיט אַ פאַרגעבונג ווען עס איז שוין צו שפּעט.

דער אינהאַלט פון דער מעשה ווייזט יוי ווייט ברענטאַנאָ — אין דעם דאָזיגען ספּעציעלען פאַל — האָט אָפּגעגעבען כבוד די טע־אָריעס פון׳ם ראָמאַנטיזם. איבערנאַטירליכע התראות שפּילען אַ וויכטיגע ראָלע. דאָס לעבען פון דער העלדין ווערט באַטראַכט פון שטאַנדפּונקט פון אָריענטאַלען פאַטאַליזם; אָבער אין דער זעלבי־גער צייט, און אָהן יעדער פּראָבע אויסצוגלייכען די סתירה, געפי־נען מיר די עכט קאַטוילישע איבערצייגונג, אַז זינד ווערט באַ־שטראָפט, די זינד וואָס דער הויפּט העלד באַגעהט דערמיט וואָס ער שטעלט אוועק דעם ריין מענשליכען ער־עה־פּרינציפּ העכער פון דער קירכליכער דאָקטרין פון הימלישער פאַרגעבונג. פונדעסטווע־גען האָט די קליינע דערציילונג סיי אַן אַרטיסטישען סטיל סיי אַ פאָלקסטימליכען טאָן. דער גייסט פון דער פאָלקס־באַלאַדע, פון וואַנען די טעמע איז גענומען, שוועבט איבער איהר. און, וואָס עס איז נאָך מעהר ווערט צו באַמערקען, עס איז אויף אַזוי ווייט אַן עפּאָכע־שאַפענדיג ווערק אין דער דייטשישער ליטעראַטור, אַז אַ סך פריהער איידער עס איז ערשינען אימערמאַנ׳ס „דער אָבערהאָף", זאָגט עס שוין אָן די עפּאָכע פון דער פויער־מעשה, אַרויסברענגענ־דיג אין אַ נאַאיוועןע, כאָטש אַביסעל אַ געקינצעלטען, סטיל דעם טאָן, וואָס זיין עכאָ הערען מיר אַזוי לאַנג שפּעטער ביי אויערבאַכ׳ן און אַנדערע.

קאַפּיטעל 15.

דער מיסטיציזם אין דער ראָמאַנטישער דראַמע.

דער אונטערשייד צווישען דראַמע, ליריק און עפּיק; טיק'ס מיסטישער פאַנטעזיזם; ארנים'ס „האַלע און ירושלים"; היינריך פאָן קלייסט; זיינע דראַמעס; זיין טראַגישער סוף; צאַכאַריאַס ווערנער און זיינע דראַמאַטישע שריפטען; דער תמצית פון ראָמאַנטיזם.

פאַראַן איין ליטעראַרישע פאָרם וואו מענשען ווערען על פּי רוב געשילדערט דער עיקר ווי אינטעלעקטועלע באַשעפעניסען, באַשאַנקען מיט פרייהייט פון ווילען און האַנדלונג. די דאָזיגע פאָרם איז די דראַמע. אין לירישער פּאָעזיע הערשט דאָס געפיהל; אין עפּישער — באַמערקט זיך ניט אַזוי דער העלד, אַ דאַנק די רייכע שטריכען פון באַדינגונגען און כחות, וואָס באַשטימען זיין טבע. אָבער דער סוביעקט פון דער דראַמע איז האַנדלונג; און אַזוי ווי דער מענשליכער כאַראַקטער, אין האַנדלונג און ווילען, איז אין זיך אַליין אַן אַבסאָלוט באַשטימטע זאַך, צווינגט ער דעם שרייבער אַז ער זאָל געבען זיין ווערק אַ קלאָרע, פעסט באַשטימטע פאָרם. די דראַמע פאָדערט קלאָרקייט און אינטעלעקט; אין איהר, וואו פאַראַלץ איז דאָ אַן אורזאַך, דאַרפען די נאַטור כחות זיין אָדער די דינער אָדער די הערשער פונ'ם מענשען; אָבער קודם כל דאַרף מען זיי פאַרשטעהן; זיי קענען ניט ערשיינען ווי פינסטערע, מיסטעריעזע דעספּאָטען, אויף וועלכע מען ריכט זיך גאָר ניט אַז זיי זאָלען געבען עפּעס אַ דערקלערונג וועגען זייער טבע אָדער אינטערעס. טיק'ס צוויי ראָמאַנטישע דראַמעס, די טראַגעדיע „לעבען און טויט פון הייליגען גענאָוועוואַ" און די צעהן אַקטיגע קאָמעדיע „קייזער אָקטאַוויאַנוס" זענען אין דער אמת'ן דראַמעס בלויז אין נאָמען. זיין באַוואונדערן שעקספּיר'ס „פעריקלעס" און „דעם ווינטער'ס מעשה" און קאַלדעראָנ'ס לירישע און מוזיקאַלישע צווישען־שפּילען האָבען

איהם פאָרפירט אין א ליריש־עפּישער פאָרמלאָזיגקייט וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער ליטעראַטור געשיכטע. עס וואָלט געווען שווער צו געפינען דראַמאַטישע ווערק מיט ווייניגער פּלאַן און סטיל. דער שרייבער פארשווענדט זיין גאנצע זאָרג אויף דעם וואָס ער רופט, דער „קלימאַט" פון די געשעהעענישען, זייער אַטמאָ־ספערע און ריח, טאָן און קאָליר, אויף דער שטימונג וואָס זיי רופען ארויס, דעם שאָטען וואָס זיי וואַרפען, דעם ליכט אין וועלכען מען זעהט זיי, וואָס איז תמיד דאָס ליכט פון דער לבנה. אין זיינע מיטעל־אַלטערליכע העלדען לעבען גייסטער, וואָס דער שטודיום פון אַלטע לעגענדעס האָט אריינגעבראכט אין איהם אַליין. א מין רעליגיעזער איינדרוק האָט אריינגעפירט די דאָזיגע טענדענץ אין זיין שאַפען. שלייערמאַכער'ס „רעדעס איבער רעליגיע" האָט געהאַט א טיפען איינפלוס אויף איהם. ער האָט גענומען לייענען יאַקאָב בעמע'ס „באַגינען" (Morgenrothe) זיך ריכטענדיג דאָרט צו געפינען אַן אמתן נאָלד־גרוב מיט אבסורדען, און פון א חוזק מאַכער איז ער געוואָרען אַן ענטוזיאַסטישער תלמיד. אין דער זעלביגער צייט האָט ער אויך באַגעגענט נאָוואַליס'ן און איז ארונטער אונטער זיין איינפלוס.

פון דעסטוועגען, בעת מיר לייענען „גענאָוועוואַ" אויפמערק־זאַם, געפינען מיר גלייך אויס, וואָס טיק אַליין גיט צו, אז די רע־ליגיע פון אָט דעם ווערק, דאָס פרומע געפיהל וואָס האָט עס גע־דאַרפט געבען אַן אַרטיסטישע איינהייטליכקייט, איז בלויז די ראָ־מאַנטישע בענקשאַפט נאָך רעליגיע. אין דער דראַמע קען מען גע־פינען א סך סימנים פון דער דאָזיגער בענקשאַפט. די אַלטע צייי־טען, די גלויבענספולע צייטען, ווערען פאַרגעשטעלט ווי זיי לעבצען, פונקט ווי טיק'ס לעבען, נאָך עלטערע, פיעל מעהר גלויבענספולע צייטען; זייער רעליגיע איז אויך ניט מעהר ווי א בענקשאַפט נאָך רעליגיע. גאָלאָ זאָגט צו סער וואָלפ'ן, וואָס שטעלט פאַר איהם פאַר די גוטע אַלטע צייטען: „ווי קען מיר איינפאַלען חוזק צו מאַכען פון דיין קינדערשען גייסט!" גענאָוועוואַ קיקט צוריק צו דער פאַר־גאַנגענהייט; פונקט ווי טיק גיט זי אָפּ איהר צייט אויפ'ן לייענען אַלטע לעגענדעס. זי זאָגט מיט א געפיהל פון עכטען ראָמאַנטיזם:

„עס טרייבט מיך ניט קיין רעליגיעז געפיהל,
נאָר טיפע ליבע צו די אַלטע צייטען,
דער וועהטאָג וואָס מיר זייגען איצט אַזוי
צו יענע גרויסע גלויבער ווייניג ענליך.״

דער הויפּט מענליכער העלד פון דער דראמע, דער וויינענדי־גער, קלאָגעדיגער אינטריגאַנט גאָלאָ, איז ווידער אמאָל וויליאם לאָ־וועל, און א וויליאם וואָס איז אויף א האָר ניט אויסגעבעסערט דורך דעם וואָס ער איז אָנגעטאָן ווי א דראַמאַט־שע פיגור אין א מיטעל אַלטערליכער טראַגעדיע.

„אָקטאַוויאַנוס“, וואָס זיין אַלעגאָרישער סטיל איז שטאַרק באאיינפלוסט געוואָרען פון „היינריך פאָן אָפטערדינגען“ איז, אויב מעגליך, נאָך מעהר אָהן פאָרם און צוזאַמענהאַנג ווי „גענאָוועווא“. „אָקטאַוויאַנוס“ קוקט אויס ניט צו זיין ענליך צו קיין זאַך אַזוי שטאַרק ווי צו א גרויסאַרטיגער קאָלעקציע מוסטערן פון פאַרשידענע סאָרטען מעטערס, דרום אייראָפּעאישע אַזוי גוט ווי צפון'דיגע, און איז אין דער אמת'ן א מיד־מאַכענדיגע רייה פאַרזיכטיג אויסגעאַר־בייטע באשרייבונגען פון געמאַכטע איינדריקען און ארויסגערופענע שטימונגען פון דער נאַטור.

אינ'ם אריינפיר צו „פאַנטאַזוס“ האָט טיק אַליין געשילדערט ווי אַלע באַשטימטע איינדרוקען פון דער אַרומיגער וועלט מישען זיך צונויף אין זיין מח אין א מין מיסטישען פאַנטאַזיע: —

Was ich fur Grott' und Berg gehalten,
Fur Wald und Flur und Felsgestalten,
Das war ein einzigs grosses Haupt
Statt Haar und Bart mit Wald umblaubt.
Still lachelt er, dass seine Kind
In spielen glucklich vor ihm sind
Er winkt und ahndungsvolles Brausen.
Wagt her in Waldes heilgen Sausen.
Da fiel ich auf die Kniee nieder
Mir zitterten in August die Glieder.
Ich sprach zum Kleinen nur das Wort:
Sag an, was ist das Grosse dort?
Der Kleine sprach: Dich fasst sein Graun,

Weil Du ihn darfst so platzlich schaun,
Das ist der Vater, unser Alter,
Heisst Pan, von Allem der Erhalter.'' *)

און טיק האט באטראכט און פארשטאנען די מענשליכע נאַטור פונקט ווי ער האט באטראכט און פארשטאנען דעם וואלד און דעם בארג. שילדערנדיג האט ער פארטרונקען יעדע באשטימטקייט און יעדען כאראקטער אין א מבול פון מיסטישען פאנטעאיזם. און אט דער מיסטישער פאנטעאיזם אין זיינע פיעסעס גרייט צו דעם וועג פאר'ן קריסטליכען מיסטיציזם, מיט וואס די ראמאנטישע דראמע צייכענט זיך אויס.

מען קען זיך קוים רעכענען מיט ארנים'ען און ברענטאנאַ'ן ווי מיט דראמאטורגען. דער לעצטער פרעטענדירט אין זיין קאמעדיע „פאנטיי דע לעאָן", — וואו דער דיאלאָג איז איבערפול מיט ווערטער שפילען — צו זיין שעקספיר'ס א תלמיד, וואס איהם איז גע־לונגען בלויז צו אימיטירען די געמאכטקייט פון'ם רבינ'ס שטיל אין דער יוגענד. אין זיין גרויסער ראמאנטישער דראמע„ ווי פראג איז געגרינדעט געוואָרען", גיט ער אונז צויבעריי און נסים, זעהונגען און נביאות, מאגישע רינגען אין חרמות אנשטאט ווירקליכע

*) וואס כ'האב פאר וואלד און פעלז געהאלטען,
פאר לאנקע, בערג און אפגרונטען,
איז בלויז איין גרויסער קאפ געוועז.
מיט וואלד באקראנצט שטאט האר און באָרד,
שטיל לאכט ער, וואס די קינדער זיינע
זיך פיהלען גליקליך אין דער שפיל.
ער ווינקט, שווימט אויף א מורא'דיגער טומעל
אין [illegible] גערויש פון וואלד,
דאן פאל איך אויף די קניה אנידער,
מיר ציטערן פון שרעק די גלידער,
איך זאג צום קינד נאר בלויז דאס ווארט:
וואס איז עס, זאג, דאס גרויסע דארט?
דאס קינד זאגט: ס'פאלט אויף דיר זיין שרעק
ווייל דו האסט פלוצלונג איהם דערזעהן.
דאס איז דאך אונזער אלטער פאטער,
פאן הייסט ער, ער היט אונז אלע אב.

מענשליכע באַשעפענישען און ווירקליכער האַנדלונג. דער גאַנג פון געשעהענישען ווערט אָנגעצייכענט דורך מאָדנע פאַרגעפיהלען און אומפעלבאַרע פאַראויסזעהונגען.

פאַראַן אַ געוויסע ענליכקייט צווישען ברענטאַנאָ'ס דראַמאַטיזירען סלאַוואַנישע לעגענדעס אין זיין פּיעסע און דעם אופן ווי דער פּוילישער ראָמאַנטיקער, סלאָוואַצקי, באַהאַנדעלט ענליכע טעמעס (למשל אין „לילאַ ווענעדאַ"). ביידע האָבען, פון רויהע מיטלען און טראַדיציעס, געשאַפען בילדער פון סלאַוואַנישען היידענטום, וואָס ווייזען אַרויס אַ געוויסען אינטואיטיווען טאַלאַנט. דער אמת איז אַז די ראָמאַנטישע שרייבער פון אַלע לענדער האָבען געהאַט אַ שאַרפערן זין פאַר'ן רעליגיעזען מיסטיציזם איידער פאַר'ן דראַמאַטישען אמת און דראַמאַטישען עפעקט. מען זאָגט אַז ברענטאַנאָ'ס פּיעסע האָט טאַקע באַאיינפלוסט די מיטאָלאָגישע טעאָריעס פון זיינע צייט חברים, די ברידער גרים.

אַרנים'ס „האַלע אין ירושלים" די „טראַגעדיע אין צוויי קאָמעדיעס", ווי ער אַליין האָט זי גערופען, וואו די לעגענדע פון'ם „וואַנדער איד" איז דורכגעפלאָכטען מיט דער מעשה פון קאַרדעניאָ'ן און צעלינדע'ן, איז איינס פון די נודנעסטע ווערק פון דייטשישען ראָמאַנטיזם. עס איז אַ דראַמע צו לייענען, פון פיר הונדערט גרויסע זייטען אין אָקטאַוו פאָרמאַט, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ קאָמעדיע פון אַ צעלאָזענעם סטודענט אין האַלע און אַנטוויקעלט זיך אין אַ מיסטעריע פון אַן עולה רגל אין ירושלים. די מעשה דרעהט זיך אַרום דער מיטעלאַלטערליכער אידעע אַז דאָס „הייליגע קבר" איז דער צענטער פון דער וועלט, און זי ענדיגט זיך דערמיט וואָס עס באַווייזען זיך דריי פייערדיגע צלמ'ען איבער די קברים פון די דריי הויפּט העלדען.

אין איינער פון די סצענעס פּרובירט צעלינדע, אין חושך פון דער נאַכט, אַרויסצושניידען דאָס האַרץ פון דער ברוסט פון איהר טויטען געליבטען, כדי זי זאָל מיט זיין הילף קענען אויספירען געוויסע מאַגישע צערעמאָניעס דורך וועלכע זי וועט זיך פאַרזיכערן מיט'ן האַרץ פון איהר לעבעדיגען געליבטען. דער טויטער הייבט זיך אויף אין זיין אָרון, מיט אַ בלוט-טריפענדיגער ברוסט, און באַקלאָגט זיך אויף איהר באַהאַנדלונג אין אַזעלכע פערזען ווי:

„געליבטע, דו צעלעבערסט מיין הארץ
ערגער איז דאָס פון גהינום וועת."

גלייך דערנאָך נעמט דער קברן אראָפּ די מאַסקע און אַנטפּלעקט זיך אלס דער טייוועל און טראָגט אוועק צעלינדע'ס אויסגעלאַסענע מוטער, אַז זי זאָל ווערען זיין כלה.

אין אַן אַנדער סצענע האַלט צעלינדע ביים האָבען אַ קינד אין אַ באַרג־הייל. אַ שטאָרך ערשיינט אויף דער בינע מיט אַ קינד אין זיין שנאָבעל און פליהט אריין אין דער הייל. דערנאָך קומט אַ גאַנצע מחנה שטאָרכען, וואָס פליהען צו דרום צו און זינגען:

"Hast du schwer am kind getragen,
Musst sie mit den Flugeln schlagen,
Hast du mussen lange reisen,
Musst sie mit dem Schuabel beissen." etc. *)

דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען טויט, און די אָרימע מוטער איז פאַרצווייפעלט. דעם דאָזיגען פאַקט טיילט אונז אויך מיט אַ שטאָרך:

In meiner Wut
In der Reiseglut
Hab ich das Kind erdruckt." etc., etc. **)

גלייך נאָך דעם קומען כלומר'שט פּאַטעטישע, אָבער אין דער אמת'ן ווידערדיגע שרעקליכע סצענעס, ווי די וואָס רופט זיך „דער נסיון אין דער מדבר", וואו אחשור, דער „וואַנדערער איד", וואָס הונגערט, זוכט בייצושטעהן דעם נסיון אויפּצועסען אַ אינגעל, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט איהם געראַטעוועט פון אַ שיפּברוך. אחשור

---

*) „איז שווער געוועזען דיר ס'קינד צו טראָגען,
דאַרפסטו זי מיט די פליגעל שלאָגען,
האָט לאַנג גענומען דיר דאָס פליהען,
דאַרפסטו זי מיט'ן שנאָבעל בייסען" א. אַ. וו.

**) „אין מיין צאָרן
אין דער אויפרעגונג פון מיין רייזע
האָב איך דאָס קינד דערדריקט" א. אַ. וו.

זאָגט: „ווי שרעקליך איז מיין פאַרלאַנג נאָך זיין פלייש! אָט פיהל איך ווי דער זאַפּטיגער ביסען קייקעלט זיך צווישען צונג און גו־מען"... אָט נעה ער שוין באַגעהן דאָס פאַרברעך, נאָר דאָס קינד שרייט אויס: „פאָטער, אָ, פאָטער!" און גלייך פאַרטיפט זיך דער זקן אין זיין בוך.

כמעט אין דערמיט פּיעסע, בעת אַ רעליגיעזער צערעמאָניע וואָס ווערט אָפּגעהאַלטען פון די ריטער פון הייליגען קבר, ווערט פלוצלונג געמאַכט אַן אַטאַקע אויף די ראָמאַנטיקער וואָס זייער פּיעטעט איז אויפריכטיג. אַ רייזענדער זאָגט: „איך וועל אויס־לייזען דעם הייליגען קבר פון די הענט פון די טערקען". איינער פון'ם שרייבער'ס באַליבטע העלדען ענטפערט אָפּ: „צום ערשט טו עס, און דערנאָך רעד דערפון". דערויף קומט די אומגלויבליך אומ־דראַמאַטישע פּאַרענטעטישע באַמערקונג: „דער רייזענדער אַנט־לויפט פאַרשעמט; ער געהט אין דער ברייטער וועלט אריין און נעמט זיך אָן פאַר'ן קריסטענטום אין טויזענטער ווערטער. אָבער זיינע ווערטער האָבען ניט דעם כח פון אייביגען לעבען, ווייל זיין לעבען איז ווערטער אָהן מעשים. פון איהם קומען אַרויס אַלע נייע, פּאָעטישע קריסטען, איך מיין די, וואָס זענען קריסטען בלויז אין זייערע לידער". ווען עס קומט אַזוי ווייט אַז דעם שרייבער'ס „איך" ערשיינט אין אַ פּאַראַנטעז אין מיטען אַ פּיעסע, מעגען מיר אָננע־מען אַז די דראַמאַטישע פאָרם עקזיסטירט כמעט ניט. אפילו טיק און האָפמאַן זענען קיינמאָל אַזוי ווייט ניט געגאַנגען.

דער דייטשישער ראָמאַנטיזם האָט אַרויסגעבראַכט צוויי אמת'ע דראַמאַטורגען: צאַכאַריאַס ווערנער און היינריך פאָן קלייסט. צווישען זיי איז דער לעצטער אומפאַרגלייכליך גרעסער; זיין פּאָעטישע באַגאַבטקייט איז באמת אַזוי גרויס, אַז מען קען איהם אָהן קווענקלענישען אָפּגעבען דעם העכסטען פּלאַץ צווישען די פּאָעטען פון זיין שול. ער האָט אַ קלאָרען, פּלאַסטישערן סטיל ווי יעדער פון זיי, און זיין פּאַטאָס געפינט מען ניט אפילו ביי געטע'ן. זיינע בעסטע ווערק זענען פול מיט נשמה, האַרץ ברענענ־דיגער ליידענשאַפט, און דאָך איז דער סטיל פשוט און קלאָר. קלייסט איז דייטשלאַנד'ס מערימיי; און אונטערזוכענדיג זיינע כאַראַקטער שטריכען וועלען מיר איינזעהן וואָס די דייטשישע ראָ־

מאַנטישע טענדענץ האָט געקענט מאַכען פון אַ מערימיי. מיר וועד לען זעהן ווי די פּאָעטישע משוגעת פונ׳ם ראָמאַנטיזם האָט אריינ־געבראַכט אַ שטערונג און אַן אומענגדערונג אין דער קלאָרקייט און באַשטימטקייט, וואָס זענען געוועזען די נאַטירליכע אייגענשאַפטען פון זיין זשעני.

דרייסיג טריט פון דער וואַנזייע, אַ קליינע אָזערע לעבען בער־לין, און פופציג פון דער קרעטשמע אויף יענעם שליאַך, שטעהט אַ מצבה אויף וועלכער עס איז אויפגעשריבען „היינריך פאָן קלייסט.“

דעם 20טען נאָוועמבער 1811, אין עלטער פון פיר און דרייסיג יאָר, האָט אויף דעם דאָזיגען אָרט דער גרעסטער דייטשישער פּאָעט פון אינגערן דור פון יענער צייט, געשאָסען צום ערשט די פרוי, וועלכע ער האָט געליבט און דערנאָך זיך, און ניט פארפעלט אין ציל. אַ לאַנגע צייט האָט מען געגלויבט אַז בלויז אַ שטילע, אייס־געדרעכענטע פריינדשאַפט האָט זיי פארבונדען. אָבער ווען זייער קאָרעספּאָנדענץ איז ערשינען, אין 1873, האָט איהר קרענקליכע ליידענשאַפט באַוויזען אַז ביי ביידען איז געווען אַן אומגעוויינליך שטאַרק געפיהל, און אַז ביידענס שכל איז געווען ניט מיט אַלעמען. קלייסט אַדרעסירט זיין געליבטע, פרוי הענריעטע פּאָגעל אין אַזעל־כע ווערטער ווי: „מיין צירונג, מיין אַלץ, מיין שלאָס, לאַנד, לאָנקע, און וויין גאָרטען, זון פון מיין לעבען, מיין חתונה, טויפונג פון מיינע קינדער, מיין טראַגעדיע, מיין רום, מיין היטענדיגער מלאך, מיין כרוב, מיין פייערדיגער מלאך“. און זי ענטפערט: „מיין פארטיידי־גונג, מיין היטער, מיין שווערד, מיין שפּיז, מיין שוץ, מיין שילד“, און אז. וו.

היינריך פאָן קלייסט שטאַמט פון אַן אדעליגער פאַמיליע אַ קינד פון אַ פרייסישער מיליטערישער משפּחה, וואָס האָט נאָך אין אכצעהנטען יאָרהונדערט ארויסגעבראַכט אַ פּאָעט. היינריך האָט איבערגעלעבט איין מיליטערישע אונטערנעמונג, אַלס יונגער סיגנאַליסט, און דאָס מיליטערישע לעבען איז איהם געוואָרען נמאס, און אַ טונקעל באַוואוסטזיין וועגען זיינע אומגעוויינליכע כחות האָט איהם געטריבען צו שטודירען. אין 1799 האָט ער זיך פארשריבען אינ׳ם אוניווערזיטעט פון זיין שטאָט, פראַנקפורט אַן דער אָדער, און ער איז באַלד געוואָרען אַ מתמיד אין פילאָזאָפיע, מאַטעמאַטיק

און אין די קלאַסיקער, לעבענדיג, ניט קוקענדיג אויף זיין יוגענד, זעהר אַ ריין לעבען, זייענדיג אין גאַנצען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע, פלייסיגע אינטראָספּעקטיווע געדאַנקען. אויף אַן אומגעלומפּערטען, פּעדאַנטישען אופן האָט ער פּראָבירט לערנען זיין שוועסטער, און אַנטוויקלען זיין כלה'ס מח, אַז זי זאָל איהם קענען גוט פאַרשטעהן. אין אַ יאָר אַרום האָט ער פאַרלאָזען פראַנקפורט ווייטער צו שטודירען אין בערלין. אין זיין פריהער יוגענד האָט ער באַקומען די שרעקליכע נייגונג איינצושטעלען אַלץ אויף דער קאָרט. זיין ביאָגראַפער, ווילבראַנט, האָט טרעפליך פאַרגליכען זיין כאַראַקטער מיט ווערטער'ס. ער האָט פאַרמאָגט ווערטער'ס טרויעריגע אומצופרידענהייט און ציניַשע צוריקגעהאַלטענקייט, זיין לעבעדיגע פאַנטאַזיע, זיין געוואוינהייט צו זיין פאַרטראַכט, נאָכצודענקען, און אָפּצושטעלען זיך אויף אַלץ וואָס איז פיינליך, זיין איבערשווימענדיגע אויסברוכען פון געפיהל.

קלייסט אַליין האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז זיין באַרוף איז אַ פּאָעטישער, נאָך לאַנג איידער ער האָט געוואַגט אָנצוטרויען דעם געדאַנק צו זיינע פריינד; ער האָט זיי פאַרלאָזט, ער האָט זיך אָפּגעזונדערט, ביז ער איז געווען זיכער אין זיינע כחות. ווען ער האָט צום ערשטען מאָל דערפיהלט, אַז דער פּלאַן פון אַ ווערק פאָרמירט זיך אין זיין קאָפּ, האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי ווי „עפּעס אַן ערדיש גליק" וואָלט שמייכלענדיג געוואונקען צו איהם. זייענדיג פול מיט אימפּעט און געוואַגטקייט, האָט ער זיך גלייך געריכט צו שאַפען אַ מייסטערווערק. דער פאַרזוך פון'ם אומרייפען אָנפאַנגער האָט זיך ניט גוט אויסגעלאָזען. ווען ער האָט, אין אַ יאָר אַרום, געפּלאַנעוועט „ראָבערט גיסקאַרד", די טראַגעדיע וואָס האָט פאַרנומען זיינע געדאַנקען די גאַנצע ווייטערדיגע צייט פון זיין יוגענד, האָט ער געהאַט די קלאָרע כונה איבערצושטייגען געטע'ס און שילער'ס קלאַסישע ווערק „מיט דער הילף פון אַ נייעם קונסט פּרינציפּ". אין זיין קונסט האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ פאַראייניגונג פון עסכילוס, שעקספּיר און די בעסטע אייגענשאַפטען פון אַלטערטום און פון דער רענעסאַנס, דער קולט פון שעהנקייט האָט געזאָלט קאָמבינירט ווערען מיט'ן אמת פון דער נאַטור, און אַ פיינער סטיל מיט עקסטרעמער טראַגישער שרעק,

זיינע כחות זיינען נאָך אַלץ ניט געווען פּאַסיג צו שאַפען אַ פּאָלקאָמען ווערק, און ער איז געווען געצוואונגען אוועקצולייגען די טראַגעדיע אָן אַ זייט.

נאָך דער אַנטוישונג פון׳ם דאָזיגען פאַרזוך האָט ער זיך גענומען צו פילאָזאָפיע. זיין פאַרלאַנג איז געווען ניט צו געפינען אַן אמת, נאָר ד ע ם א מ ת. מיט׳ן נאַאיווען גלויבען פון אַן עקסטערן האָט ער געהאָפט גלייך צו אַנטדעקען דעם גאַנצען, פולען אמת וואָס וועט פירען סיי אין לעבען סיי אין טויט.

די פילאָזאָפיע, וואָס ער האָט זיך גענומען שטודירען איז געווען קאַנט׳ס, און דער איינדרוק וואָס זי האָט אויף איהם געלאָזען האָט איהם זעהר נידערגעשלאָגען. ער האָט זיך געריכט צו געפינען אַ רעליגיע אין דער פילאָזאָפיע, און קאַנט׳ס „דערקענטעניש טעאָריע" האָט איהם געלערנט אַז מיר קענען ניט דערגרייכען דעם אמת, קענען קיינמאָל ניט וויסען וואָס זאַכען זענען אין זיך אליין, מיר זעהען זיי בלויז אַזוי ווי אונזערע אָרגאַנען ווייזען זיי אונז, ד. ה. דער וואָס טראָגט גרינע ברילען זעהט גרינע זאַכען, דער וואָס טראָגט רויטע ברילען זעהט רויטע. ווען ער האָט איינגעזעהן, אַז מען קען ניט וויסען דעם אמת, אַזוי ווי ער האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, האָט זיך דעם יונגענמאַן אויסגעוויזען אַז זיין העכסטער, זיין איינציגער ציל איז פאַרשוואונדען פון איהם.

אין אַט דעם צושטאַנד פון גייסטיגער דעזאָרגאַניזאַציע האָט ער, ווי אַנדערע ראָמאַנטיקער, געפיהלט אַ נייגונג צו זוכען אַ שטיץ פונקט אין אַ סיסטעם פון דאָגמאַס פון אָרטאָדאָקסישען פּראָטעסטאַנטיזם אָדער פון דער עלטערער און מעהר אָנגעזעהענערער קאַטוילישער קירך. פון דרעזדען שרייבט ער: „קיין זאַך האָט ניט געקענט זיין בעסער אויסגערעכענט אָוועקצוציִען מיך פון דער מעלאַנכאָלישער וועלט פון דער וויסענשאַפט ווי די קונסט אוצרות וואָס מען האָט אין דער שטאָט צונויפגעזאַמעלט... אָבער אין ערגיץ בין איך ניט געווען אַזוי טיף גערירט ווי אין דער קאַטוילישער קירך וואו די געטליכסטע מוזיק פאַראייניגט זיך מיט די אַנדערע קונסטען צו רירען דאָס הארץ. אונזערע רעליגיעזע צערעמאָניעס קענען זיך לחלוטין דערמיט ניט פאַרגלייכען; זיי אַפּעלירען בלויז צום קאַלטען פאַרשטאַנד, אָבער אַ קאַטוילישער יום טוב אַפּעלירט

צו אַלע חושים... אָ, בלויז איין טראָפּען פאַרגעסליכקייט! דעמאָלט וואָלט איך מיט שמחה געוואָרען אַ קאַטאָליק.“

כאָטש ער איז מנצח די דאָזיגע פאַנטאַזיעס, איז ער אָבער אומפעהיג זיך צו צווינגען צו ווערען טעטיג נאָך דעם ווי ער האָט אַנטדעקט אַז דעם אמת קען מען אויף דער ערד ניט געפינען. כדי צו מאַכען אַ סוף צו אָט דער פּייניליכער צעלאָזענקייט באַשליסט ער, כאָטש ניט האָבענדיג אין זין קיין ספּעציעלען צוועק, צו פאָרען קיין פּאַריז. זיינע בריף פון פּאַריז ווייזען ווי פרוכטלאָז עס איז אָט דער נייער פאַרזוך אויסצוגעפינען זיין אמת'ן באַרוף אין לעבען. ער צערייסט זיינע תנאים, ווייל זיין כלה וויל ניט בלינד און געהאָרכזאַם פאָרען מיט איהם אין דער שווייץ דאָרט צו פירען אַ לעבען פון אַ פּויערס אַ ווייב. זיין שטאָלץ דערלויבט איהם ניט זיך אומצוקערען אין זיין געבורט שטאָט איידער ער האָט עפּעס אויפגעטאָן אין אויספירען זיינע אַמביציעזע פּלענער. ער פאָרט קיין וויימאַר מיט דער כונה דאָרט צו פאַרענדיגען „ראָבערט גיסקאַרד“, געפינט זיך אָפּט אין ווילאַנד'ס געזעלשאַפט און באַזעצט זיך ענדליך אין זיין הויז.. דעם אַלטענס גוטסקייט און זיין טאָכטער'ס שטילע איידעלקייט האַלטען איהם דאָרט א.י.ו, אָבער ער בלייבט אַ צוריקגעהאַלטענער און אַ פאַרטראַכטער. ענדליך איז ער זיך מודה פאַר'ן ליבליכען, סימפּאַטישען אַלטען פּאָעט אַז ער אַרבייט אויף אַ טראַגעדיע, אָבער אַז זיין אידעאַל איז אַזוי הויך אַז דערווייל איז פאַר איהם נאָך אוממעגליך איבערצוגעבען זיין אויפפאַסונג אויף פּאַפּיר.

אין אַ געוויסען נאָכמיטאָג האָט ווילאַנד אויסגענוצט אַ גינסטיגע געלעגענהייט און איבערגערעדט זיין גאַסט איבערצוזאָגען פון זכרון געוויסע טיילען פון די הויפּט סצענעס. דעם אַלטען דיכטער'ס באַוואונדערונג איז געווען אָהן אַ גרענעץ; ער האָט באַהויפּטעט אַז אויב עס וואָלט מעגליך געווען אַז די גייסטער פון עסכילוס, סאָפאָקל און שעקספּיר זאָלען זיך פאַראייניגען צו שאַפען אַ טראַגעדיע, וואָלט זי געווען אַזאַ ווי „ראָבערט גיסקאַרד“ בתנאי אַז די גאַנצע זאַך זאָל אויספירען דעם צוזאָג פון די טיילען וואָס ער האָט געהערט.

קלייסט'ס שמחה איז געווען גרויס, אָבער קורץ. דאָס לעבען

האט איהם באלד ווידער צערודערט. ער איז געפארען צום ערשטען קיין לייפציג און דערנאך קיין דרעזדען. אין דרעזדען האט ער פארגעשלאגען א מיידעל, וואס האט זיך געפיהלט אומגליקליך צוליב אן אויסגעדוכטער גלייכגילטיגקייט מצד איהר געליבטען (א פארשלאג וואס ער האט שפעטער איבערגע'חזר'ט צו פריינד פון ביידע געשלעכטער), אז ער זאל נעמען א פיסטאלעט און שיסען זי און זיך. א ביסעל שפעטער האט ער אן ענליכע זאך פארגעשלאגען זיין געטרייען פריינד פאן פפועל. פפועל איז געקומען צום שלום אז רייזען וואלט געווען די סאמע בעסטע זאך פאר קלייסט'ן און זיין טראגעדיע. קלייסט האט זיך מיט חשק אנגעכאפט אן דער אידעע. א קורצע צייט איידער ער איז אוועק אין דער שווייץ האט ער דערהאלטען א בריף פון ווילאנד'ן, וואס האט איהם געגעבען פרישען מוט און איז א לאנגע צייט געווען זיין גרעסטע טרייסט. ווילאנד האט געשריבען אז עס איז איהם אוממעגליך צו גלויבען אז עפעס אן אויסערליכע שטערונג זאל קלייסט'ן קענען אפהאלטען פון פארענדיגען זיין מייסטערווערק: „פאר דער הייליגער מוזע וואס באגייסטערט אייך איז קיין זאך ניט אוממעגליך. איהר מוזט פארענדיגען אייער „גיסקארד", יא, אפילו ווען גאנץ קאווקאז זאל זיך אוועקלייגען אויף אייך."

בעת זיינע רייזעס אין דער שווייץ און צפון איטאליען, וואס האבען פארנומען דעם זומער און הערבסט פון 1803, האט קלייסט גארניט געשריבען. ער האט זיך מיאש געווען אין דער גענוגקייט פון זיינע כחות, און געקומען צום שלום, אז ער פארמאגט בלויז א „האלבען טאלאנט", און ער האט דערווייל אויפגעגעבען יעדען געדאנק וועגען ליטערארישער ארבייט. זייענדיג תמיד געפייניגט פון געדאנקען וועגען טויט, איז ער געפארען קיין פאריז דורך ליאן. דארט האט ער פארברענט „גיסקארד" און אלע זיינע פאפירען, און באשלאסען אריינצוטרעטען אין דער פראנצויזישער ארמיי (א פאלק וואס ער האט געהאסט) און זיך באטייליגען אין דער גרויסער עקספעדיציע וואס האט זיך געגרייט אין בולאן, אין דער טיפער הנ פעננוג אז די אונטערנעמונג וועט דורכפאלען און אז ער און די גאנצע ארמיי וועלען ליגען אין זייערע קברים אין ענגלאנד. ער האט פרובירט זיך פארשרייבען ווי א פשוט'ער סאלדאט, נאר מען

האָט איהם אָפּגעזאָגט. אַ באַקאַנטער, וועמען ער האָט צופעליג גע־טראָפען, האָט געמאַכט מעגליך אז ער זאָל זיך אומקערן קיין דייטשלאַנד, וואו, נאָך אַ סך טרויעריגע צופאַלען און אַנטוישונגען, האָט ער באַקומען אַ קליינע רעגירונג שטעלע אין קעניגסבערג.

קלייסט האָט געלאָזט וויסען זיין כונה צו קאָנקורירען מיט געטע׳ן. „איך וועל אַראָפּרייסען דעם קראַנץ פון זיין שטערן“, איז יונגערהייט געווען די לאַסט פון זיין גלויבען און זיינע טרוימען. עס קלינגט ווי אַן אויסדרוק פון אַ משוגענעם. און דאָך, בעת מיר לייענען דעם איינציגען פראַגמענט וואָס איז אונז געבליבען פון דער קיינמאָל־ניט־פאַרענדיגטער דראַמע „גיסקאַרד“, ווערען מיר נשתומם. עס איז פונקט אַזוי ווייניג געווען אין זיינע כחות, ווי אין די כחות פון אַנדערע, אַראָפּצונעמען דעם ערען־קרוין פון׳ם גאָנ׳ס קאָפּ, וואָס זיין גייסט באַהערשט צוויי יאָרהונדערטען; אָבער דער אמת איז, אַז דער פראַגמענט וואָס מיר באַזיצען קען זיך פאַר־גלייכען מיט פיעל פון׳ם בעסטען וואָס געטע האָט געשאַפען.

קלייסט האָט אויסגענוצט זיין פאַנטאַזיע צו מאָלען אַ גרוי־סען מענשען, אַ גרויסען פירער; און עס געלינגט איהם גלייך צו מאַכען אויף אונז אַן איינדרוק מיט דער גרויסקייט פונ׳ם העלד, ווייזענדיג וויפיעל עס הענגט אָפּ פון איהם, פון זיין לעבען, ווי טוי־זענטער און טויזענטער קוקען אויף איהם אלס זייער פירער און איינציגען גואל.

דער גרויסער געוואַגטער רייזענדער, ראָבערט גיסקאַרד, דער זוהן פון טאַנקערד דע אָטוויל, געפינט זיך מיט זיין אַרמיי ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די שטאָט וואָס ער האָט אַ נדר געטון זי צו נעמען און צו האַלטען. אָבער דאָס מזל איז אַנטקעגען איהם; אַ מגפה האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין לאַגער און מאַכט אָן אַ שרעקליכען חורבן.

קלייסטען אַליין האָט באַגעגענט פונקט אַזאַ געוואַלטיג אומ־גליק אויפ׳ן וועג פון נצחון וואָס זיין פאַנטאַזיע האָט איהם אויס־געמאָלט; און זיין שילדערונג פון אַ העלד וואָס ראַנגעלט זיך מיט זיין מעכטיגען גורל, וועלכען ער האָט לאַנג געטראָגען באַוואוסט־זיניג אין זיך, איז גרויסאַרטיג. וואָרים גיסקאַרד אַליין איז אָנגע־גריפען פון דער מגפה; די מסוכנ׳דיגע קראַנקייט ברענט אין זיין

אינגעווייד; איהר סם פאַרצערט די סאַמע ביינער זיינע. ער, וואָס איז אומעטום געווען פול מיט נצחונות, דער זיגער פון דרום איטאַליען, פון רוים, פון ווענעדיק און פון גריכענלאַנד, וויים, פיהלט, אז זיין סוף איז נאָהענט. א המון נאָרמאַנען באַלאַגערן זיין געצעלט, בעטענדיג אז ער זאָל אוועקפירען זיין ארמיי פונ'ם שרעק־ליכען לאַגער פעלד, וואו זיי פיהלען אז דער פאַר'סם'טער אטעם פון דער מגפה הויכט אין זייערע פנים'ער. א קלאַנג אז ער איז קראַנק, האָט זיך שוין געגומען פאַרשפּרייטען, אבער דערוויילל דאַ־רף מען נאָך דעם אמת ניט ארויסטראַגען; גיסקאַרד איז צו שטאָלץ צו דערציילען אז ער ליידט.

זיין געצעלט ווערט ויזעפענט, און דער מענש וואָס אין זיין ברוסט פלאַקערט א פאַרצערנדיג פייער, וואָס זיין האַלדז איז פאַרטרוקענט פון אומגעשטילטען דאָרשט, און וואָס זיין האַנט איז אזוי שוואַך אז דורך דער גאַנצער נאַכט האָט ער זי ניט געקענט אויפהייבען, — קומט ארויס גלייך און שטאָלץ, און ווייזט זיך פאַר'ן עולם. ער זעהט אוים אזוי שטאַרק און לעבעדיג און זעלבסט־באַהערשט, אז אפילו די וואָס זענען פריהער געווען זיכער אינ'ם ערגסטען, ווייסען שוין מעהר ניט וואָס צו גלויבען.

און עס ליגט א טיפער מיין און א הערליכקייט אין אָט דער אויפפּאַסונג קלייסט'ס. דער דאָזיגער גיסקאַרד, וואָס שטעהט דאָרט גלייך, אָהן א ציטער, בעת א שטערבליכע קראַנקייט פרעסט זיין לעבען, ווער איז ער אויב ניט קלייסט אליין, זיין גאַנץ אומ־גליקליך לעבען? ער אליין איז דער גרויסער גאון, וואָס א מגפה אין איהם און אין דרויסען צעשטערט זיינע פּלענער.

קלייסט האָט באַלד רעזיגנירט פון זיין רעגירונג שטעלע און זיך אומגעקערט צו זיין ליטעראַרישען באַרוף. עס איז זעהר אינ־טערעסאַנט צו באַמערקען די דראַמאַטישע העלדען, וועלכע ווערען איצט ארויסגעבראַכט פון א מענשען, וואָס איז אין דער אמת'ן פול מיט פּראָדוקטיווער ענערגיע. אונזער שטודיום איבער די פּסיכאָ־לאָגישע אייגענטימליכקייטען און טעאָריעס פון די ראָמאַנטיקער האָט אונז געוויזען ווי זייער נייגונג צו צעשפּאַלטען די פּערזענליכ־קייט האָט זיי געפירט ספּעציעל אונטערצושטרייכען אלץ וואָס האָט א צעטיילענדיגע ווירקונג — חלומות, האַלוצינאַציעס און

משוגעת. דער חילוק צווישען די העלדען פון קלייסט׳ן און אַנדערע איז דאָס וואָס ביי זיי איז קיין זאַך ניט טונקעל אדער פאַרמעקט; דער עיקר אייגענשאַפט וואָס זיינע און זייערע העלדען האָבען בשותפות איז קרענקליכקייט. אין יעדער ליידענשאַפט כאַפּט זיך אָן קלייסט אָן דעם שטריך וואָס ווייזט ארויס א קרובה׳־שאַפט מיט דער אידעע פיקס אָדער מיט הילפלאָזער משוגעת; ער זוכט אונטער יעדען מח, מעג ער זיין ווי געזונט, ביז ער געפינט דעם קראַנקען פונקט וואו ער פארלירט די קאָנטראָל איבער זיך: א סאָמנאַבוליסטישע טענדענץ, איבערוועלטענדיגע חיה׳שע פאַרלאַנגען, כראָנישע פאַרטראַכטקייט, פּחדנות ווען פּנים אל פּנים מיט׳ן טויט. נעמט אַזאַ ליידענשאַפט ווי ליבע; איהר טבע איז זיכער ניט ראַציאָנאַל, אָבער זי האָט א זייט וואו מען קען זעהן אז זי איז פאַרבונדען מיט שכל און פאַרשטאַנד. קלייסט שילדערט זי אלעמאָל, און מיט וואונדערבאַרער פעהיגקייט, ווי עפּעס וואָס איז בטבע א קראַנקייט א מאַניע.

ווען קעטכען פון היילבראָן זעהט גראַף וואלטער פאָן שטראַל צום ערשטען מאָל, לאָזט זי אַראָפּ אַלץ וואָס זי טראָגט: שפּייז, וויין, גלעזער, און טויט בלאַס, מיט פאַרלייגטע הענט פאַלט זי צו זיינע פיס, אַזוי ווי געטראָפען פון א בליץ. דער גראַף רעדט צו איהר א פריינדליך וואָרט. אָט זעהט זי דורכ׳ן פענסטער ווי ער זעצט זיך אויפ׳ן פערד אוועקצופאַרען. אין איהר איילעניש איהם נאָכצופאָלגען שפּרינגט זי פון פענסטער, דרייסיג פוס הויך, אין גאַס אריין און צעברעכט ביידע פיס. קוים וואָס זי קומט ארויס פון א זעקס וואָכיגען פיבער, געהט זי ארויס פון בעט, נעמט צונויף א קליין פּעקעל זאַכען און פאַרלאָזט איהר היים כדי צו זוכען דעם גראַף און איהם נאָכגעהן פון אָרט צו אָרט אין בלינדער טרייַשאַפט, געפירט „פון די שטראַלען וואָס לייכטען פון זיין פּנים און פלעכטען זיך ארום איהר האַרץ ווי א פינף־פאָדעמדיגער שטריק”. זי וואַנדערט איהם נאָך, איהרע באָרוועסע פיס בלוטיגען אויף די שטיינערנע וועגען, איהר קורץ קליידעל פלאַטערט אין ווינט, א שטרויענער הוט איז איהר איינציגער באַשיצער אנטקעגען דער היץ פון דער זון און דעם גיסען פון רעגען. דורך בערג נעפּלען, איבער וויסטע, זון־פאַרברענטע שליאַכען, דורך דער פינסטערניש

פון געדיכטע וועלדער, געהט זי, ווי א הונט נאָך די טריט פון זיין בעל בית. און זי, וואס איז געוועזן געוואוינט אוועקצולייגען איהר קאָפּ אויף ווייכע קישענס, וואס עס פלעגט זי אַרען יעדעס פיצעל קנופּ, וואס זי האָט אומבאַמערקט אריינגעוועבט אינ׳ם געוועב פון דער ציך, — איצט, ווען די נאַכט קומט אָן, שלאָפט זי אין גראַפ׳ס שטיפלען ווי דער ערגסטער דינער, און א מידע פאַלט זי אנידער אויפ׳ן שנייוי, וואס מען האָט אויסגעבעט פאַר די פערד.

פאַראַן א שאָטען פון אמת אין דער שילדערונג, וואָס איהר פאָטער גיט ,וועגען דעם יונגען מיידעלס אנטלויפען. דער גראַף, וואָס וויים אז ער איז לחלוטין ניט שולדיג, פּרובירט אַלע מיטלען זי אָפּצופּרעמדען. ווען ער טרעפט זי אין שטאַל אין אָן אויף דער נאַכט, שטופּט ער זי אוועק מיט זיין פוס, און מעהר ווי איין מאָל סטראַשעט ער זי מיט זיין הונט-בייטש. ער דערלאָזט אז זי זאָל זיך מקריב זיין פאַר זיין כלה, וועלכע הייסט זי אריינלויפען אין א ברענענדיג הויז צו ראַטעווען זיינס א מיניאַטור, און ווען זי ברענגט זי, שיקט די כלה זי צוריק נאָכ׳ן קעסטעל. מיט שמחה און טיפער אונטערטעניגקייט טוט זי און פאַרטראָגט אַלץ. א ראַפינירטער, נאָר שוואַכער בילד פון א באַצווינגענדיגע און ניט אָפּלאָזבאַרע ליידענשאַפט, וואָס העגריק הערץ גיט אונז אין זיין „הויז פון סווענדירינג" איז מאָדעלירט נאָך קלייסט׳ס קעטכען. צוזאמען מיט פיעל שטריכען, וואָס זיינען לעבערליך און דערווידער אנטהאַלט „קעטכען פאָן הייִלבראָן" אזעלכעס וואס איז באמת הערליך. עס איז פשוט, אז די דאזיגע ליידענשאַפט, וואָס קומט אן פלוצלונג ווי אן אַפּאָפּלעקציע אָנפאַל — וואָס, א חוץ דעם, צעשטערט זי, ווי א אידעע פיקס, יעדע אנדערע אידעע, און זייענדיג אליין א נס באַווייזט זי נסים מיט דער הילף פון א מלאָך — שטייגט אריבער די גרענעצען פונ׳ם נאַטירליכען און געזונטען. דאָך איז אין איהר דאָ עפּעס פיינס. קלייסט, וואס האָט געהאַט אַן איינגעווארצעלטע פאַראַכטונג פאַר פראַזען, האָט געשעפּט א טיפען פאַרגעניגען פון שילדערען א פרוי וואס ליבט, וואס ביי איהר איז געווען אמת און ווירקליכקייט דאס וואָס ביי אנדערע פרויען איז בלויז ווערטער. אָט אזוי האָט ער אויך געוואַלט, אז זיין ווילהעלמינע זאָל איהם ליבען. און אין א שפּעטערדיגער צייט האָט ער פאַרלאַנגט אזא

איבער־טרייּשאַפט פון א יונג מיידעל, וואָס מיט איהר האָט ער זיך געהאַט באַקאַנט אין קערנער׳ס הויז אין דרעזדען, און וועלכע איז געוואָרען צוגעבונדען צו איהם, און א דאַנק זיין פאַרלאַנג איז יעדע באַציהונג צווישען זיי איבערגעריסען געוואָרען. איצט איז ער מיט זיין אידעאַל אַוועק אינ׳ם עיר מקלט פון פּאָעזיע.

פאַראַן א געוויסער נחת רוח און א באַפרידיגונג אין דער גוט באַקאַנטער פראַזע: „צו זעהן און ליבען איז די זעלביגע זאַך, נאָכצוגעהן דעם געליבטען ביז׳ן סוף פון דער וועלט, צו זיין איהם טריי מעהר ווי זיין הונט, צו געהן אין פייער און אין וואַסער פאַר איהם". אבער פון דעסטוועגען געהערט דאָס אלץ גיכער אין פעלד פון פּאַטאָלאָגיע; דאָס זענען קרענקליכע סימנים. אחוץ דעם האָבען מיר אויך די ראָמאַנטישע אורזאַך פון דעם אלעם. קעטכענ׳ס געוואַלטיגע נערוועאישקייט ווען זי דערזעהט דעם גראַף ווערט דערקלערט דורך דעם וואָס ער איז פריהער איהר געקומען צו חלום, בעת זי זעהט איהם אין חלום ליגט נאָר דער גראַף געפערליך קראַנק אויף א טיפּוס. ער ליגט אויסגעצויגען אויפ׳ן בעט ווי א בר מנן, און פּיהלט אויך אז ער געהט אריין אין קעטכענ׳ס צימער. און ווען ער דערוויסט זיך וועגען דעם מאָדנעם צוזאַמענפאַל, רופט ער אויס ניט ווילענדיג מיט אויפרעגונג:

„העלפט מיר, געטער, איצט בין איך צוויי׳ענדיג,
איך בין א גייסט, וואָס וואַנדערט אין דער נאַכט."

דאָ געפינען מיר די ראָמאַנטישע ליבלינג אידעע „דאָפּעלגענגעריי", אין ענגער פאַרבינדונג מיט סאָמנאַמבוליזם.

אן ענליכע ראָלע שפּילט סאָמנאַמבוליזם אין „דער פּרינץ פאָן האָמבורג", קלייסט׳ס בעסטע דראַמע, אפשר די בעסטע דראַמע וואָס די ראָמאַנטישע שול האָט ארויסגעבראַכט. די וויכטיגסטע פיגורען קומען דאָרט ארויס בולט ווי אויסגעהאַקטע פון שטיין. דער דיאַלאָג איז קרעפטיג און קלאָר; יעדעס וואָרט זאָגט עפּעס. דער יונגער קאַוואַלעריע פירער באַגעהט אן אומפאַרגעבבאַר פאַר־ברעך אנטקעגען דער דיסציפּלין; ער איז דער זיגער אין א גע־שלעג וואָס ער האָט פאַראורזאַכט להיפוך צו זיינע אינסטרוקציעס.

דער קורפירשט פאראורטיילט איהם צום טויט. דער יונגער העלד טראכט וועגען דעם אורטייל ווי עפּעס א פארמאלע זאך, ווייל ער שטעלט זיך ניט פאר אז מען וועט איהם אויספירען. ווען ער דערגעהט אז מען מיינט אלץ גאנץ ערנסט, ווערט ער באהערשט פון א פלוצלונגער מורא פאר׳ן טויט, און בעט שקלאפיש מען זאָל איהם לאזען לעבען. קלייסט׳ס זשעניע ווייזט זיך ארוים אין דער שילדערונג פון די גייסטיגע פראצעסען, וואו דער פרינץ קומט ווי־דער צו זיך און פאָדערט דעם טויט ווי זיינם א רעכט. דאָ ווערט אונזער אויפמערקזאמקייט ווידער געצויגען צו דער טונקעלער זייט פון דער נשמה. דער פרינץ איז נערוועאיש, קראנק, אריינגעטון אין זיך. אין ערשטען אקט געהט ער ארום אין שלאָף. אין לעצ־טען — ווערט מקוים איינע פון זיינע זעהונגען. ער פארבייגט באַפעלען, ניט ווי מאַנליום טארקוואטוס׳עס זוהן, מיט יוגענדליכער געוואגטקייט און מיליטערישען פייער, נאָר ווייל אין זיין נערוועאישער, פאר׳חלום׳טער זעלבסט־אריינגעטונקייט האָט ער ניט גע־הערט די פאראָרדענונגען וואָס מען האָט איהם געגעבען, און ממילא פליהט ער ווייטער אָהן א רעכענונג.

ג. ה. פאָן שובערט׳ס „די נאכט-זייט פון דער נאטורוויסענ־שאפט" האָט קלייסט׳ן טיף פאראינטערעסירט. דאס בוך, גע־שריבען פונ׳ם פאָפּולערסטען נאטורפילאָזאָף פון יענער צייט, איז איינס פון די רייכסטע ווערק פון דער גאנצער פעריאדע. די נאכט־זייט פון א פלאַנעט איז די זייט וואס איז אוועקגעדרעהט פון דער זון, און וואס בלישטשעט קוים קוים אין דער פינסטערניש מיט א ליכטיגקייט וואָס פארמאָגט ניט קיין ווארימקייט, א ליכטיגקייט אין וועלכער אלע זאכען קוקען אוים מאָדנע און לחלוטין אנדערש ווי בעת זיי געפינען זיך אין ליכט פון דער זון. שובערט מיינט, אז עס געלינגט איהם אין זיין „נאטורוויסענשאפט" צו דעמאָנ־סטרירען די עקזיסטענץ פון אזא נאכט־זייט. די ערשטע העלפט פונ׳ם ווערק איז „נאטורפילאָזאָפיע" כמעט ווי סטעפענס האָט ער פארשטאנען. „דאס איז זיכער ניט קיין פילאָזאָפיע פאר דער וועלט — זאָגט דער שרייבער — נאָר זי איז זיכער א סך עלטער פון דער וועלט און אלע איהרע פילאָזאָפיעס, און וועט א סך לענ־גער דויערן. על פי רוב איז זי אין דער זעלביגער ריכטונג ווי די

היינטיגע אַזוי־גערופענע געהיימע וויסענשאַפטען. דער מענש,
פונקט ווי די נאַטור וואָס רינגעלט איהם אַרום, איז אַ נביאי׳שע־
היעראָגליף. אין היפּנאָטיזם, אין סאָמנאַבוליזם, אין פאָר־געפיהל,
און פאַראויס־וויסען זוכט מען באַווייזען אַז ס׳איז פאַראַן אַ פאָר־
אויס־באַשטימטע האַרמאָניע צווישען דעם לעבען פונ׳ם איינצעל־
נעם און דעם גאַנצען.

לויט שובערט׳ס טעאָריע האָט דער מענש לכתחילה געהאַט
דעם כח צו ווייזען מופתים. זיינע זינד האָבען אַוועקגענומען זיין
כח איבער דער נאַטור, און דערנאָך איז תמיד עפּעס טונקעל און
גרויס געוועזען פאַרבונדען מיט דער מופתים פעהיגקייט, למשל מיט
גריכישען אָראַקל און מיט׳ן גאַנצען היידנישען כשוף. דער אַלטער,
נאַטירליכער כח צו באַווייזען מופתים האָט אויפגעלעבט אין קריס־
טוס׳ן. אין זיין דעמאָנישער פאָרם האָט זיך אָט דער כח באַוויזען
ביי די רויזענקרייצער*) און די פריי־מויערער (די געהיימע געזעל־
שאַפט וואָס האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיגע ראָלע אין דער פאַנטאַזיע
פון שובערט׳ס צייט; און מען קען איהם אויך באַמערקען אין
אַזעלכע ערשיינונגען, ווי היפּנאָטיזם, וואָרזאָגעריי, א. ד. ג. אַדאַם
מילער שרייבט: „שובערט׳ס בוך איז, דוכט מיר, דאָס בעסטע
וואָס די „נאַטורפילאָזאָפיע" האָט אַרויסגעבראַכט; דער שרייבער
איז זיכער העכער פון שעלינג׳ן בנוגע געפיהל, אויפריכטיגקייט און
דערהויפּט אין ע דיציע, כאָטש ער איז ניט העכער פון איהם בנוגע
פאָלעמישען און קריטישען טאַלאַנט... אין שובערט׳ס שריפטען
געפין איך אַ פאַרגעפיהל, וואָס איז גלאָריפיצירט, און דאָך געניי
אין אַלע פּרטים, פון אַ פריהערדיגער מדרגה פון מיין אַנטוויקלונג,
ווען מיין איינציגער פאַרלאַנג איז געוועזען אַז אַלץ וואָס איז מענש־
ליך אין מיינע דערגרייך־פעהיגקייטען זאָלען עפּעס ווי אויפגעלייזט
ווערען אין רויך פון אַ זיסען ווייררויך, אַ קרבן צום גאָט, צו וועלכען
איך דין. ווי שטאַרק איך האָב געוואָלט פעהיג זיין זיך צו באַ־
פרייען פון נאָמען און פערזענליכקייט און ווערען דער איבערגעגע־
בענסטער מאַרטירער, אָדער דער גייסטליכסטער גייסטליכער.

---

*) אַ געהיימע געזעלשאַפט פון 17טען און 18טען יאָהרהונדערט,
וואָס האָט געגלויבט אין דער מעגליכקייט צו באַווייזען וואונדער, און
זיך פאַרנומען מיט קבלה און עהנליכע סודות׳דיגע לערעס.—איבערז.

יעדער האָט דאָס בוך געליינט, און אפילו אזא מענש ווי קלייסט האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, דערלאַזען דערצו אַז ער זאָל אריינגעטון ווערען אין אָט דער גאנצער פּרעטענציעזער נאַרישקייט. מיסטיציזם איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג, און עס איז אינטערעסאנט צו באמערקען ווי אזוי דער מיסטישער עלעמענט, די מאָדנע דריי־איינינקייט — ליידענשאפט, רעליגיע און גרויזאמ־קייט — גנב'עט זיך אריין אין אלע קלייסט'ס דראמעס. נעמט למשל די וואונדערבארע טרעגעדיע „פּענטעזילעא". די העלדין איז די צעלאָזענע קעניגין פון די אמאזאָנען, וואָס פירט אָן אַ זיגרייכע מלחמה אנטקעגען די גריכען און די טראָיאַנער. פאַראַן אַ געזעץ ביי די אמאזאָנען, אז יעדע מוז פאַנגען דעם מענשען, וואָס דאַרף ווערען איהר מאַן; דערנאָך, ווען די מלחמה איז אוועק לעבט זי מיט איהם אין שלום און גליק. פּענטעזילעא האָט דערפיהלט אזא פאטאלע ליידענשאפט פאר אכילעס'ן, פּונקט ווי קעטכען פאר'ן גראף שטראל. אבער ביי פּענטעזילעא'ן ווייזט זיך ארויס די ליבע אויף אַן אנדער אופן; זי נעמט אָן די פאָרם פון גרויזאמקייט. אין יעדער שלאכט יאָגט זי זיך נאָך אכילעס'ן דורשטענדיג נאָך בלוט. אויב קעטכען ליבט ווי א הונט, ליבט פּענטעזילעא ווי א טיגערין וואָס איז אנטלאָפען פון א באקכאנאלי־שער פּראָצעסיע.

עס איז קלאָר, אז קלייסט האָט באשאָנקען די אמאזאָנען קעני־גין מיט זיין אייגענעם טעמפּעראמענט. עס אַרט זי גאר ניט, זי וויל גאָר ניט, נאָר אכילעס'ן, פּונקט ווי ער האָט צו קיין זאך ניט געשטרעבט, קיין זיך ניט געוואלט א חוץ דעם העכסטען ערען־פּלאַץ. איהר ווילדע איילעניש צו באזיגען איהר געליבטען איז פּונקט ווי זיין פארלאנג צו דערגרייכען זיין ציל מיט איין קלאַפּ, מיט זיין דראמע „ראָבערט גיסקארד". פּונקט ווי קלייסט קען זי לעבען נור דעמאָלט ווען זי זוכט דאס צו וואס איהר נשמה רייסט זיך. זי זאָגט, וואס איהר מחבר וואלט געקענט זאגען: „איך וואָלט משוגע געווארען ווען איך וואָלט ניט געטון אלץ וואָס איז אין די גרענעצען פון דער מעגליכקייט".

זי האסט אכילעס'ן מיט אזא פייער ווי קלייסט האָט מסתמא אין זיינע טונקעלע שעה'ן געהאסט און געשאָלטען דאס מזל וואס

האט איהם ניט געלאזט באקומען דעם העכסטען רום. זי הרג'עט איהם אין אן אנפאל פון פאראכטונג, ווי קלייסט האט אין אן אנ־פאל פון פארצווייפלונג צעשטערט זיין באליבט ווערק, זיין „גיס־קארד”. פון דעסטוועגען ליבט זי איהם, זי ליבט איהם הילפלאז מיט א פארצערענדיג פייער *). ווען אכילעס האט זי פארוואונ־דעט אין דער שלכט, באקלאגט זי זיך אין ווערטער וואס האבען מסתמא א שייכות צום דיכטער אליין:

Mir diesen Busen zu zerschmettern, Prothoe!
Die Brust so voll Gesang, Asteria!
Ein Lied jeweder Saitengriffe auf ihn!'' **)

בעת זי האלט ביים אויפגעבען אלץ מיטאנאנדער, זאגט זי, פונקט ווי קלייסט אין אזוי פיעל בריף צו זיין שוועסטער:

Das Aeusserste, das Menschenkrafte leisten
Hab ich gethan, Unmogliches versucht,
Mein Alles hab ich auf den Wurf gesetzt;
Der Wurfel, der entscheidet liegt, er liegt;
Bergreifen muss ichs—und dass ich verlor.'' ***)

מיר קענען לייכט פארשטעהן ווי עס קומט וואס פפועל, קלייסט'ס טרייער פריינד, האט איהם געטראפען זיצען א וויינענ־

---

*) זעת Otto Brahm, Heinrich von Kleist.

**) זאל ער מיר אט די ברוסט דערשלאגען, פראטאע!
אט די געזאנגפולע ברוסט, אסטעריע!
וואו יעדער סטרונע־ריר באשאפט א ליד.

***) דאס גרעסטע וואס א מענשענס קראפט קען געבען
האב איך געטאן, אוממעגליכעס פרובירט,
האב איינגעשטעלט מיין אלץ אויף בלויז איין ווארף (פון ווערפעל)
און דער אנטשיידענדיגער ווערפעל ליגט, ער ליגט,
איך האב פארלוירען, אט וואס איך מוז איצט פארשטעהן.

דיגען בעת ער האָט פאַרענדיגט די שילדערונג פון פענטעזילעאַ'ס טויט. נאָך מעהר, דער דיכטער אַליין האָט געשריבען וועגען דער פּיעסע צו אַ פריינד: „עס איז אמת, איהר האָט עס באַמערקט מיט אַ בליק פון אַ זעהער; מיין טיפסטער איך ליגט אין איהר, מיין נשמה—אין איהר גלאָריע און איהר פאַרצווייפלונג".

אָבער אָט דער פערזענליכער עלעמענט שליסט ניט אויס דעם ראָמאַנטישען מיסטיציזם, וואָס מיט איהם איז די מעשה דורכגע־דרונגען. פענטעזילעאַ'ס ליבע דריקט זיך אויס מיט אַזעלכע ווערטער ווי:

Hetzt alle Hund' auf ihm! mit Feuerbranden
Die Elephanten peitschen auf ihm los!
Mit Sichelwagen schmettert auf ihm ein
Und mahet seine uppgen Glieder ab!''*

אָט דער לעצטער עקעלדיגער וואונש, צו זעהן ווי די מעסער פון די רייטוועגען שניידען אָפּ אכילעס'עס גלידער, איז, ווי מיר געפינען אויס ביים סוף פון דער פּיעסע, ניט קיין אָנשטעל. די אַמאַזאָנען ווערען באַזיגט, און זייער מידע און פאַרוואונדעטע קעניגין פאַלט אריין אין אכילעס'עס הענט. ער ליבט זי, און כדי זי זאָל ניט טרויערן און זיין פאַרצווייפעלט, פּרובירט ער איהר איינצורעדען אַז איז די זיגערין און אַז ער איז איהר געפאַנגענער. אָבער זי געפינט באַלד אויס דעם אמת. דעמאָלט רופט אכילעס זי ארויס אויף אַ צוויי קאַמף מיט דער כונה זיך צו לאָזען באַזיגען פון איהר און אויף אזא'ן אופן ווערען איהר מאַן. ווען פענטע־זילעאַ דערהאַלט דעם ארויסרוף פאַרשטעהט זי ניט זיין באַדיי־טונג. אַ ווילדער פּחד נעמט זי ארום, זי וואַרפט זיך ארויף אויף איהר פערד, רופט איהרע הינט און טראָגט זיך אָפּ. ער זעהט ווי זי קומט און האָט מורא. זי בייגט איהר בויגען ביז „די עקען

*) רייצט אָן אַלע הינט אויף איהם! מיט פייערבראַנדען,
טרייבט אַרויף די העלפאַנטען אויף איהם!
לאָזט זיך אַרויף אויף איהם מיט רייטוועגען
און שניידט די תאוה'דיגע גלידער זיינע אָפּ.

קושען זיך", נעמט איהם אָן און שיקט א פייל דורך זיין האַלדז. ער פאַלט, אָבער מיט'ן גסיסה כאָרכעל אין זיין האַלדז, רייסט ער זיך אויפצושטעלען; דעמאָלט רייצט זי אָן איהרע הינט זיי זאָלען איהם אויף שטיקער צערייסען און, נאָכטועענדיג זייער ביישפיל, רייסט זי זיך אריין מיט איהרע ציין אין זיין ברוסט און בייסט ביז דאָס בלוט רינט איהר פון מויל און הענט.

Doch hetz! schon ruft sie: Tigris! hetz Leane!
Hetz, Sphinx! Melampus! Dirke! hetz Hyrkaon
Und Sturzt—sturzt mit den ganzen Meut, O Diana!
Sich uber ihn, und reisst—reisst ihn beim Helmbusch
Gleich einer Hundin, Hunden beigesellt,
Der greift die Brust ihn, dieser greift den Nacken,
Dass von dem Fall der Boden bebt, ihm nieder!
Er in dem Purpur seines Blut sich walzend,
Ruhrt irhe sanfte Wange an, und ruft:
Penthesilea! meine Braut! was thust du?
Ist dies das Rosenfest, das du versprachst?
Doch sie—die Lowin hatte ihn gehort,
Die hungrige, die wild nach Raub umher
Auf oden Schneegefielden heulend treibt—
Sie schlagt, die Rustung ihm vom Liebe reissend,
Den Zahn schlagt in seine weisse Brust,
Sie und die Hunde, die wetteifernden,
Oxus und Sphinx den Zahn in seine rechte,
In seine linke sie; als ich erschien,
Traff Blut von Mund und Handen ihr herab." *)

---

*) אויף איהם! רופט זי, אויף איהם טיגריס, לעאַנע,
אויף איהם, ספינקס! מעלאמפוס! דירקע! אויף איהם הירקאַאָן!
און זי וואַרפט זיך אויף איהם מיט דער גאַנצער הינט־באַנדע—
אָ דיאַנע! —
וואַרפט זיך אויף איהם און רייסט, רייסט די פעדער פון זיין קיווער
גלייך ווי א צויג אין א קאָמפּאַניע הינט,
איינער כאַפּט איהם ביי דער ברוסט, דער צווייטער ביים נאַקען,
אַז פון זיין פאַלען ציטערט אַזש די ערד,
ער, זיך וואַלגערנדיג אין דער רויטקייט פון זיין בלוט,

עס נעמט א לאנגע צייט ביז זי קומט צו זיך און באגרייפט וואס זי האט געטון. איהר ערשט געפיהל איז פולשטענדיגע פאר־צווייפלונג אבער דערווייל זאגט זי:

Wie manche, die am Hals des Freudes hangt,
Sagt wohl das Wort: sie lieb' ihm, o so sehr
Dass sie vor Liebe gleich ihn fressen Konnte
Und hinterher, das Wort gepruft, die Narrin!
Gesattigt sein zum Ekel ist sie schon.
Nun, du Geliebter, so verfuhr ich nicht;
Sieh her: als ich an deinem Halse hing,
Hab ichs warhaftig Wort fur Wort gethan;
Ich war nicht so verruckt, als es wohl schien.'' *)

זי איז ניט אזוי משוגע ווי זי קוקט אוים. דא איז דאס זעל־ביגע וואס אין „קעטכען פאן היילבראן"—וואס ביים רוב פרויען

רירט אן איהרע אידעלע באקען און שרייט:
פענטעזילעא! מיין כלה! וואס טוסטו?
איז דאס דער רויזען יום־טוב וואס דו האסט צוגעזאגט?
די הונגעריגע לייבען וואס יאגען זיך ברומענדיג נאך רויב
אויף וויסטע שניי־פעלדער וואלטען צו איהם זיך צוגעהערט,
נאר זי רייסט אראפ די ברוסט־שילד פון זיין לייב,
זי רייסט זיך מיט איהרע ציין אין זיין ווייסער ברוסט אריין,
קאנקורירענדיג מיט איהרע הינט,
אקסוס און ספינקס אין זיין רעכטער ברוסט
זי אין זיין לינקער, ווען איך בין ערשינען
האט בלוט ביי איהר פון מויל און הענט
אראפגערונען.

*) פאראן אזא וואס בעת זי האלזט
איהר ליבסטען זאגט זי: כ'האב איהם אזוי ליב
אז כ'וואלט איהם אויפעסען געקענט.
און ווען זי פרווט עס טאן, דער נאר,
ווערט זי באלד מיט עקעל זאט.
ניט אזוי האב איך געטאן, געליבטער.
הער אוים: ווען איך האב אויף דיין האלז געהאנגען,
האב איך עס בוכשטעבליך געטאן,
איך בין ניט געווען אזוי משוגע, ווי עס האט אויסגעזעהן.

איז בלויז אַ רעטאָרישע פיגור, איז ביי פענטעזילעא'ן אַ ווירק־ליכקייט. אַ סך פרויען זאָגען אַז זיי ליבען זייערע געליבטע מיט אַזאַ ווילדער ליידענשאַפט, אַז זיי וואָלטען זיי געקענט אויפעסען; אָבער פענטעזילעא טוט עס. זי זאָגט:

"Kusse, Bisse
Das reimt sich, und wer recht von Herzen liebt,
Kann schon das eine fur das andere greifen." **)

אָבער אפילו דאָס איז ניט קיין פולע דערקלערונג. דערוויל האָבען מיר געהאַט בלויז צוויי עלעמענטען: ליידענשאַפט און גרויזאַמקייט, דער דריטער, רעליגיע, איז אויך דאָ. ער ערשיינט ווי אַ דערגענצענדיגע קאָליר ווען מיר באַטראַכטען אויפמערקזאַם די ערשטע צוויי. געדענקט נאָוואַליס'עס שוין ציטירטע ווערטער: „די געטליכע באַדייטונג פונ'ם סאַקראַמענט פון דער הייליגער וועטשערע איז אַ רעטעניש פאַר'ן גראָבען מח. אָבער דער וואָס האָט אפילו איין מאָל בלויז אַריינגעזויגען דעם לעבענס־אָטעם פון וואַרימע, געליבטע ליפען, וואָס זיין האַרץ איז צעגאַנגען אין די ציטערדיגע פלאַמען פון הייליגען פייער... „דער וועט עסען פון זיין קערפער און טרינקען פון זיין בלוט אויף אייביג". די קריסטליכע מיסטעריע איז געווען אַן ענין מיט וועלכען אַלע מחות, אויך קלייסט'ס, האָבען זיך פאַרנומען. איינער פון זיינע אינטימסטע חברים איז דער באַרימטסטער מיסטיקער פון יענער צייט, דער אָריגינעלער סאָפיסט אַדאַם מילער. מיר קענען זיך וואונדערן אָדער זיך באַליידיגען געפינענדיג סמנים פון דער קריסטליכער מיסטישער דאָגמע אין אַ היידנישער דראַמע וואו די העלדין איז די קעניגין פון די אַמאַזאָנען; אָבער כדי צו פאַר־שטעהן דאָס און פיעל אַנדערע נאָהענטע ערשיינונגען, דאַרפען מיר נעמען אין אַכט דעם רעלאַטיווען אמת און די באַרעכטיגונג

**) קושען בייסען,
דאָס גראַמט זיך (אין דייטש) און דער וואָס ליבט פון טיפען האַרצען,
קען ליובט פאַרבייטען איינס מיט ס'אַנדערע.

פונ'ם דאָזיגען מיסטיציזם. די דאָזיגע מענשען האָבען ניט גע־קענט פארשליסען זייערע רעליגיעזע אידעען אין אַ שופלאַד און זיי האַלטען אין גאַנצען אָפּגעזונדערט פון זייער לעבען און טע־טיגקייט. ניט בלויז צוויי אָדער אפשר דריי מאָל אַ יאָר האָבען זיי זיך פארנומען מיט אַזאַ'ן ענין ווי די היילינגע וועטשערע; זי האָט דורכגעדרונגען אַלע זייערע געדאַנקען; זיי האָבען גע־שטרעבט צו זעהן דאָס לעבען אין ליכט פון אָט דער גרויסער מיסטעריע. אין דער פולשטענדיגער אויסגאַבע פון פרידריך פאָן באַדער'ס געזאַמעלטע ווערק (באַנד 4 אַנטראָפּאָלאָגיע), צווישען אַ צאָל קורצע אַרטיקלען, ווי למשל „וועגען דעם עקסטאַטישען גליק פון די וואָס רעדען פון מאַגנעטישען שלאָף", „דער חזיונות־זעהער פון פּרעפאָרסט", „פּערציג פּרינציפּען פון רעליגיעזער ליבע", א. א. וו., געפינען מיר איין אַרטיקעל, וואָס הייסט: „אַז אינ'ם גייסטיגען, גוטען אָדער שלעכטען, זין פונ'ם וואָרט, זיינען אַלע מענשען קאַניבאַלען". עס הייבט זיך אָן: „דער מענש איז אין הארצען, אָדער באַנוצענדיג די ביבלישע שפּראַך, דער אינוויי־ניגסטער מענש לעבט ניט פון ממשות'דיג שפּייז, פון מאַטעריעל ברויט; ער לעבט — און ניט אין אַ סימבאָלישען נאָר אין רע־אַלסטען זין פונ'ם וואָרט — אין גאַנצען פון אנדערע אינווייניגסטע מענשען, וואָס זייערע הערצער און ווערטער זיינען זיין שפּייז".

די גרויסע רעליגיעזע מיסטעריע איז סוף כל סוף געוואָרען דער צענטער ארום וועלכען עס האָט זיך געדרייט דער פילאָזאָ־פישער געדאַנק. העגעליש סטעפענס קען דינען ווי אַ ביישפּיל. דער דאָזיגער שרייבער, וואָס אין זיין העלד—ווי יוליאַן שמיט *) באַ־מערקט ריכטיג—„געפינט זיך אַ צווייפעללאָזער שטריך פון אַן איינגעבוירענער קנעכטישקייט", איז באַשטימט געוואָרען צו פירען דעם פּראָצעס פון די דעמאַגאָגען אין ברעסלוי. די אַרבייט האָט ער עפּגעטאָן אין אַ גייסט וואָס איז ניט געווען אין הסכם מיט'ן שכל הישר און מיט'ן נאַטירליכען חוש פאַר גערעכטיגקייט, און בעת ער האָט עס געטאָן האָט ער אויסגעדריקט די רעאַקציאָנערסטע רעליגיעזע געפיהלען, לחלוטין פארגעסענדיג דעם פּאַנטעאיזם פון

*) Jul. Schmidt *Geschichte der Deutschen Literatur*, II., 307.

זיין יוגענט. אין דער עסיי „ווי אזוי איך בין ווידער געוואָרען אַ לוטעראַנער", שרייבט ער: „דער הייליגער סאַקראַמענט איז דער הויפּט אינדיווידואַליזירענדיגער פּראָצעס אין קריסטענטום; דורך איהם פליסט אריין אין דער אויפנעמענדיגער פּערזענליכקייט די גאַנצע מיסטעריע פון דער אויסלייזונג אין איהר גאַנצער פולקייט. דער באַפרוכטענדיגער שטראָם פון געטליכען חסד, וואָס איז, זינט דעם טאָג פון דער גרויסער ווידער־אויפלעבונג, געפלאָסען דורך דער גאַנצער נאַטור אין דער גאַנצער געשיכטע, און וואָס מאַכט אונז רייף פאַר אַ געבענשטער צוקונפט, נעמט דאָ אָן די פאָרם פונ'ם אויסלייזער, כדי דאָס וואָס איז אַלץ אין אַלעמען זאָל פול־שטענדיג זיין מיט אונז... דורך דער צופרידען־שטעלענדיגער פּער־זענליכער פאַראַנענקייט פונ'ם אויסלייזער, דאָס אין וואָס דער קריסט גלויבט טיף, דאָס וואָס דרינגט דורך זיין גאַנץ לעבען און איבערגעוועלטיגט דעם טויט, און דאָך, אין דער זעלביגער צייט טרייבט עס איהם צוריק צו די חושים, — דאָס ווערט דאָ זיכער־קייט, גענוס, שפּייז... פאַר מיר איז דאָס מאָלצייט פון דער הייליגער וועטשערע דער העכסטער, וויכטיגסטער, מיסטעריעזסטער פון אַלע רעליגיעזע אַקטען; ער איז פאַר מיר אזוי וויכטיג אַז דורך איהם באַקומט יעדע דאָקטרין אומגעהייערע באַדייטונג".

מיר זעהען אלזאָ וואָסער געוואַלטיג וויכטיגע ראָלע דער סאַק־ראַמענט שפּילט אין קריסטליכען מיסטיציזם פון דער דאָזיגער צייט. עס איז געוועזען אַ צאַרטע, כמעט אָן עראָטישע, שייכות צווי־שען די געטרייע און געהייליגטע עלעמענטען. מען האָט געזאָגט אַז אמת'ע גלויבער פיהלען די פאַראַנענקייט פון אָט די עלעמענ־טען פון אַן אומגעוויינטליכען שטח. לייענט וואָס גערעס זאָגט וועגען דעם ענין אין דער צווייטער טייל פון זיין „מיסטיק". „אָנהויבענדיג מיט'ן הייליגסטען — זאָגט ער, אַלע די וואָס האָבען דערגרייכט דאָס העכערע גייסטיגע לעבען דערפיהלען פון אַ גע־וואַלטיגען שטח דאָס הייליגע ברויט". איבער דעם גיט ער אַ געוויסע צאָל ביישפּילען, און ער דערציילט אונז אין פאָרוואָרט אַז אַלע געבראַכטע פאַקטען זיינען גאַראַנטירט פון אַ סך עדות, אַז די עדות זיינען פון די זיכערסטע וואָס מען קען זיך פאָרשטעלען, אָדער נלחים אָדער זייטיגע פרומע לייט, אַז זיי זיינען געווען אין

באַזונדערס גינסטיגע לאַגעס צו מאַכען די נויטיגע באַאָבאַכטונגען. און מיר געפינען אויס אַז הייליגע גלויבער קענען ניט בלויז דער־שפּירען דאַס הייליגע ברויט, עס מאַכט ניט אויס וואו עס זאָל זיין באַהאַלטען, נאָר אַז דאַס ברויט פיהלט אַזאַ צוציהונג צו זיי, אַז עס שפּרינגט פון די גלחים׳ס הענט אין זייערע מיילער אַריין. טיילמאָל פיהלט טאַקע דער גלח, אַז עס ווערט מיט געוואַלט אַרויס־געריסען פון זיין האַנט, עס רייסט זיך ווי שטאָל צום מאַגנעט. און די הייליגע ווידער ווערען אַזוי צוגעצויגען צום הייליגען שטאָף אַז זיי ווערען געטראָגען צו איהם דורך דער לופט.

אין קיין איינער פון קלייסט׳ס שריפטען האָט דער מיסטי־ציזם ניט אַזוי מאָדנע באַהערשט אַן אַבסאָלוט הײדנישע, ניט צו זאָגען אויסגעלאַסענע, טעמע, ווי אין זיין „אַמפיטריאָן", וואָס איז אַ פאַראַנדערשונג פון מאָליער׳ס באַוואוסטער קאָמעדיע. די מעשה — וואָס איז ניט אַזוי לייכט צו באַהאַנדלען — איז אַזאַ: בעת אַמפיטריאָן איז ניטאָ, נעמט יופּיטער אָן זיין פאָרם און באַ־זוכט זיין ווייב, אַלקמענע, וועלכע גלויבט, אַז דער גאָט איז איהר מאַן. אַמפיטריאָן קערט זיך אום, און אַ קאָמישע צעמישעניש קומט פאַר צווישען דעם אמת׳ן און דעם כלומר׳שטען מאַן, צווישען דעם אמת׳ן שקלאַף סאָסיאַס און מערקורי׳ן אַלס סאָסיאַס. ענדליך קומט דער אמת אַרויס, און אַמפיטריאָן דאַרף זיך טרייסטען מיט׳ן געדאַנק אַז אין אַזאַ קרובה׳שאַפט מיט יופּיטער׳ן איז קיין שום אומערענהאַפטס ניטאָ — אַ מאָראַלע טעאָריע, וואָס עס איז מסתמא שטאַרק געלעגען אין די אינטערעסען פון לואי דעם פערצעהנטען, אַז ער זאָל זי פאַרטיידיגען און פאַרשפּרייטען.

''Mon nom, qu'incessamment toute la terre adore
Etouffe ici le bruit, qui pouvait eclater;
Un partage avec Jupiter
Na rien du tout qui deshonore'' *)

---

*) מיין נאָמען, וואָס אומאויפהערליך באַשיינט די גאַנצע ערד,
שטילט דאָ איין דעם ליאַרם וואָס וואָלט געקענט עקספּלאָדירען.
איין חלק מיט יופּיטער׳ן
איז באין אופן ניט קיין אומ׳כבוד.

אויפ'ן עכטען פראנצויזישען אַיפּן מאכט מאָליער אז דער צוזאמענשטויס צווישען דעם מאַן און דעם געליבטען זאל זיין דער הויפט ענין אין דער פּיעסע ; און ווען אלקמענע מאכט פארוואורפען יופּיטער פאר זיינע בייזע ווערטער וואס ער (ד. ה. אמפיטריאָן) האָט באנוצט קעגען איהר, פארענטפערט זיך דער גאָט מיט אזא מין דעליקאטען אונטערשיד :

''Lepoux, Alcmene, a commis tout le mal;
Ce'est l'epoux qui vous faut regarder en coupable.''

Lamant na point de part a ce transport brutal,
Et de vous offenser son coer, nest point capable
Il a de vous, ce coer, pour jamais y penser,
Trop de respect et de tenderesse;
Et si de faire rien a vous pouvoir blesser
Il avait en la coupable faiblesse,
De cent coups a vos yeux il voudrait le percer.
Mais l'epoux est sortit de ce respect soummis
Ou pour vous on doit toujours etre;
A son dur procede l'epoux s'est fait connaitre,
Et par le droit d'hymen il s'est cru tout permis.'' *)

---

*) אויפ'ן מאַן, אלקמענע, ליגט די גאַנצע שולד ;
דעם מאַן טאַקע דאַרפסטו האַלטען פאַר'ן פאַרברעכער.
דער ליבהאָבער האָט קיין טייל ניט אין פאַרברעכען,
און ס'קען זיין האַרץ דיך ניט באַליידיגען,
צופיעל צאַרטקייט און רעספּעקט האָט ער פאַר דיר,
פאַר דיין האַרץ, אַז ער זאָל ווען טראַכטען אַזאַ זאַך.
און אויב ער וואָלט געהאַט די פאַרברעכערישע שוואַכקייט
דיר שלעכטס צו טאָן,
וואָלט עס מיט הונדערט קלעפּ פאַר דיינע אויגען
זיין האַרץ דערשטאָכען.
נאָר דער מאַן האָט אָפּגעזאָגט זיך פון זיין טיפען רעספּעקט
וואָס יעדער וואָלט תמיד געדאַרפט האָבען פאַר דיר,
ער האָט אָנגענומען זיין אומדערבאַרמדיגע האַלטונג
און געגלויבט אַז דאָס הייראַט־רעכט דערלויבט איהם אַלץ.

מיר זעהען אַלזאָ, אז יופּיטער דריקט זיך אוים מיט דער גע־הובעלטער ראפינירטקייט פון א הויף־מענש. ביים סוף פון דער פּיעסע גראטולירען די צוקוקען דעם צרה'דיגען אמפיטריאָן, און סאָסיאס דעקלאמירט אן עפּילאָג, וואו דער גאנצער ענין ווערט באהאנדעלט פון אַ קאָמישען שטאנדפונקט און עס ווערט אָנגע־וויזען אויף א מוסר השכל אז וואָס ווייניגער מען זאגט וועגען אַזעלכע ענינים אַלץ בעסער איז.

קלייסט האָט, פארשטעהט זיך, געזעהן די זאַך אין א גאַנץ אַנ־דער ליכט. עס איז קלאָר, אז זיין ראָמאַנטישער מח איז קודם כל אטאַקירט געווארען פון דער „ראפּעלגענגערייי“; דערנאָך איז געקומען די מעגליכקייט צו שפּילען, שוואַך אבער קלאָר, אויף איינס פון די וויכטיגסטע מיסטעריעס פון דער קריסטליכער אמונה. אלקמענע'ס מאַן איז ניט הערקולעס'עס פאטער, דאָך איז דאָס טראָגען ניט געווען קיין פארברעך אנטקעגען איהר הייראַט מיט אן אנדערן; עס איז געווען א געטליכע שוואנגערשאפט; דאס קינד, וואס זי האָט, איז ניט פון א מענשען, נאָר פון א גאָט. דער־פאר קומט פאָר, אז אין דער וויכטיגסטער סצענע צווישען יופּיטער'ן און אַלקמענע'ן, ווערט דער ערשטער פּאַטעאיסטיש דערהויבען צו דער מדרגה פון גרויסען וועלט־גייסט; ער איז ניט דער אויס־געלאסענער אָלימפּיאנער פון די גריעקען, ער איז פונקט אזוי געט־ליך און גייסטיג ווי דער „אבסאָלוט“ פון דער „נאַטור־פילאָזאָפיע“. ער זאגט צו אלקמענע'ן:

Nimmst du die Welt, sein grosses Werk, wohl wahr?
Siehst du ihn in der Abendrothe Schimmer,
Wenn sie durch schweigende Gebusche fallt?
Horst Du beim Gesausel der Gewasser,
Und bei dem Schlag der uppgen Nachtigal?
Verkundigt nicht umsonst der Berg ihr Dir,
Gethurmt gen Himmel, nicht umsonst ihn Dir
Der felszerstiebten Katarakten Fall?
Wenn noch die Sonn' in seinen Tempel strahlt,

Und, von der Freude Pulsschlag eingelautet,
Ihn alle gattungen Erschaff'ner preisen,
Steigst Du nicht in des Herzens Schacht hinab
Und betest Deinen Gotzen an?'' *)

דערפאר ווערט אויך אלקמענע כסדר אדרעסירט אלס „די הייליגע!“

''Du bist, Du Heilige, vor jedem Zutritt
Mit diamantnem Gurtel angethan.
Auch selbst der Gluckliche den Du empfangst,
Entlasst Dich schuldlos noch und rein.'' *

אדאם מילער האט געשריבען אן ענטוזיאסטיש, מיסטיש פארוואָרט צו דער פיעסע. און אין איינעם פון זיינע בריף צו גענצ'ן שרייבט ער: „הארטמאן האט געמאָלען א גרויסארטיג בילד, די דריי מרים'ס ביים קבר, דאס און אמפיטריאָן זאָגען אַז, דוכט מיר, א נייע פעריאָדע אין דער קונסט. וואָרים אמפיטריאָן באהאנדעלט אָהן ספק די געטליכע שוואנגערשאפט פון דער הייליגער בתולה און אויך וועגען דער מיסטעריע פון ליבע בכלל“. אפילו געטע האט דאס געפיהלט. ער זאָגט: „די פיעסע אנטהאלט ניט ווייני־גער ווי א נייע קריסטליכע אויסטייטשונג פונ'ם מיטאלאָגישען

---

*) באמערקסטו די וועלט, זיין גרויס ווערק?
זעהסטו איהם אין גלוט פון זון־פארגאנג
וואס פאלט אויף שווייגענדיגע וועלדער?
הערסטו איהם אין רוישען פונ'ם וואסער
און אינ'ם ליד פון דער לוידענשאפטליכער נאכטיגאל?
דערציילט דיר ניט אומזיסט פון איהם דער הימעל־הויכער בארג
און דער פעלזען־פולער קאטאראקט?
ווען די זון שטראלט הויך אין איהר טעמפעל,
און, אין טיף־פולסירענדיגער שמחה, זינגט
לויב־לידער צו איהם יעדע לעבעדיגע בריאה,
נידערסט דו ניט אראפ אין דער טיפעניש פון דיין הארץ
און בעטסט דארטען צו דיין אפגאט?

**) „דו הייליגע, פאר יעדען וואס קומט צו דיר
טראגסטו א דימענטענעם גארטעל,
אפילו דער גליקליכער, וואס דו נעמסט יא אויף
פארלאזט דיך אומשולדיג און ריין.“

העלד ווי א פּאַראַלעל צום שאַטען אין וועלכען מרים ווערט אוועק־געשטעלט פון'ם הייליגען גייסט.

אין 1806 האָט קלייסט רעזיגנירט פון זיין שטעלע און איז אוועק פון קעניגסבערג. ווען עס האָט אויסגעבראָכען די מלחמה צווישען פּרייסען און פראַנקרייך, האָבען די פראַנצויזען, צוליב די מיספאַרשטענדניש, איהם איינגעזעצט. אין 1808 איז ער אוועק קיין דרעזדען, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט אדאם מילער. איצט האָט מילער געהאַט די אַמביציע, פּונקט ווי פר. שלעגעל פריהער, צו באאיינפלוסען מענשען ווי א נביא און אַפּאָסטאָל פון'ם ראָמאַנטיזם. ער איז מודה אז ער באַוואונדערט קלייסט'ן זעהר שטאַרק, און, אומגליקליכערווייז, געלינגט איהם צו באַקומען א היבשען איינפלוס אויף איהם. מילער איז געווען א פּראַזיאַר, וואָס האָט געקראָגען געוויסע ידיעות אין עטליכע וויסענשאַפטען, און אין איצטיגען מאָמענט האָט ער געהאַלטען ביים ארויסגעבען א נייע פילאָזאָפיע וואו עס האָט זיך גאָר ניט געפונען (אזוי האָט ער באַהויפּטעט) פון דער איינזייטיגקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פריהערדיגע סיסטעמען. די דאָקטרין מיט וועלכער זי האָט זיך אויסגעצייכענט איז געווען די דאָקטרין פון „היפוכים", פון'ם שטענדיג בייטענדיגען, שטענדיג באַנייטען און ארויסגעשטופּטען „היפוך". לויט מילער'ן איז דער גייסט פון אכצעהנטען יאָרהונדערט און דער גייסט פון ראָמאַנטיזם בלויז א פאַרשטעלטע פאָרם פון זעלביגען אמת,— אן אמת וואָס ער האָט בלי ספק געגלויבט אז ער האָט איהם געקראָגען פולשטענדיג און אויף אייביג בעת ער איז אין 1805 אריינגעטראָטען אין דער רוימישער קירך.

א געוויסע צייט נאָך דעם ווי ער איז אריבער צום קאַטאָליציזם, איז דאס גאַנצע לעבען מילער'ס אוועק צום מיסטיציזם. ער האָט שטודירט „דאס מיסטעריעזע לעבען פון די וואָלקענס", באַטראַכט זיין נערוועזע מורא פאַר דונער און בליץ ווי א ספּעציעלע מתנה פון הימעל, און ער האָט געגלויבט אז ער איז פעהיג פאַראויסצוזאָגען די אינטעלעקטועלע אנטוויקלונג פון א זשעניע דורך מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען. א ווײַלע שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט גענצ'ן אריין אין פעלד פון פּראַקטישער פּאָליטיק, אַנ־

הייבענדיג ווי א פּרייסישער פּראָגרעסיווער פּאַטריאָט און ענדי־גענדיג ווי א רעאַקציאָנער אין דינסט פון מעטערניכ׳ן.

אין דרעזדען, אין 1808, האָבען מילער און קלייסט גענומען ארויסגעבען א זשורנאַל „פעבוס“, וואו עטליכע פון קלייסט׳ס בע־סטע ווערק האָבען צום ערשט דערזעהן דאָס ליכט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז דאס וואס האָט מילער׳ן צום בעסטען באַפרידיגט אין „אמפיטריאָן“ איז גראַד געווען יענער עלעמענט פון היידניש־קריסטליכען מיסטיציזם, וואס איך האָב שוין דערמאָנט, וועלכער ווייזט זיך ארויס אין אזא שפּראַך ווי די פאָלגענדע כמעט ווערטערליכע רעפּראָדוקציע פון די ווערטער וואס זאָגען אָן קריסטוסעס געבורט.

‘‘Dir wird ein Sohn geboren dess Name Herculess’’*)

ער האָט ניט אריינגעדרונגען אינ׳ם גייסט פונ׳ם ווערק. דער אינטערעס פון דער פּיעסע קאָנצענטרירט זיך אינ׳ם כאַראַקטער פון אַלקמענע׳ן, דער אינטערעס פון איהר כאַראַקטער — אינ׳ם כח מיט וועלכען זי דערלאָזט ניט אז איהר גייסטיגע רוהיגקייט זאָל ווערען געשטערט און איהרע געפיהלען צעמישט, און דער אינ־טערעס פון איהר טראַגישער געשיכטע — אינ׳ם צער וואס זי לעבט איבער ווען אויף להכעיס זיך אליין ווערען איהרע טיפסטע געפיהלען אויפגערעגט און פארפּלאָנטערט צוליב דער ערשיינונג פון איהר מאַן אין פארשידענע פאָרמען.

גענטע, וואָס זיין זשעני האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט — כאָטש ער האָט ניט פארשטאַנען קלייסט׳ס כאַראַקטער — צו פארשטעהן זיין פּסיכישען מעכאַניזם, האָט געמאכט די טיפע באַ־מערקונג אז דאָס צו וואס ער האָט הויפּטזעכליך געצילט, איז גע־ווען א „צעמישונג פון געפיהלען“. קלייסט איז ביז אָן אומנאַר־מאַלען גראַד געווען אפּהענגיג אָן דער זיכערקייט פון געפיהל. א צעמישונג פון געפיהלען איז פאר איהם געווען די ווירקליכסטע טראַגעדיע.

*) דו ווערסט האָבען אַ זוהן מיט׳ן נאָמען הערקולעס.

זיינע אייגענע שטארקע, אומצעטיילטע געפיהלען זענען ניט געווען געזעצט און האָבן זיך אלץ אין איינעם פארפלאָנטערט. אין הסכם מיט'ן מנהג אין זיין פאמיליע איז ער געוואָרען א פרייסישער אפיצער; אבער די פאמיליען טראדיציע און זיינע אייגענע נייגונגען האָבען ניט געשטימט. ער האָט ניט געקענט פארטראגען די דיסציפלין און איז אוועק פון דער ארמיי. ער האָט זיך פארליבט און זיך איבערגעגעבען. זיינע געפיהלען פאר ווילהעלמינע'ן זענען געווען הייס אבער זיינע זעלבסט־דערהאלטונג אינסטינקטען אלס ארטיסט זענען געווען שטארקער. דאָ איז אויך פארגעקומען א פלאָנטער פון געפיהלען און ער האָט איבערגעריסען זיין ליבע. ער האָט געפיהלט אז ער איז א פאָעט, א זשעניע, אבער דער רעזולטאט פון אלע אנשטרענגונגען איז געווען אן איבערצייגונג, אז איהם פעלט אמת'ע קראפט, און אין זיין שרעקליכען צער האָט ער באשלאָסען אריינצוטרעטען אין דער פראנצויזישער ארמיי, אין דער האָפנונג אז ער וועט פאלען אין דער קומענדיגער מלחמה. דאָס אלץ דערקלערט זיין אייביג דרייען זיך ארום דער טעמע פון פארפלאָנטערטע געפיהלען. די אידעע איז גאנץ פשוט אויסגעדריקט אין דעם מעשה'לע "די מארקיזע פאָן אָ.". די מארקיזע ווייס פונקט אזוי ווייניג ווי אלקמענע, וואָסער מענש עס האָט זי אומאָרעמט אין דער פינסטער. איהרע געפיהלען זענען אויך פארפלאָנטערט און צעמישט; איהרע נאָהענטסטע און טייערסטע זענען זי חושד; און ווען דער רוסישער אפיצער, וואס אויף איהם קוקט זי ווי אויף איהר אויסלייזער, — נאָר עס ווייזט זיך ארוים אז ער פארנאכלעסיגט זי — קערט זיך אום צו איהר מיט ליבע און חרטה, ווערט איהר אומשולדיגע נשמה צעריסען אין אָנפאלען אָט פון האס און אָט פון ליבע. כמעט אויפ'ן זעלביגען אופן ווערט דער חוש פאר גערעכטיגקייט, וואס איז לכתחילה אזוי שטארק אין דער נשמה פון מיכעל קאָלאס, צעמישט צוליב די צרות וואס ער לעבט איבער.

א פארוואונדערטער שטאָלץ האָט געבראכט דערצו אז קלייסט זאָל זיך קריגען מיט זיינע פריינד און באקאנטע; א פארוואונדערטער חוש פאר גערעכטיגקייט האָט איהם גערייצט צו באליידיגען געטע'ן. ער האָט זיין פענטעזילעא געשיקט צום גרויסען מייסטער,

וועלכען ער האט מקנא געווען פונקט ווי ער האט איהם באוואונ־
דערט, און איז ביטער אנטוישט געווארען בעת, ווי מען האט זיך
געקענט ריכטען, ער האט דערפון ניט געהאלטען. געטע, וועלכער
האט ליידער געהאט א שארף אויג בלויז פאר דער אפשטויסענדי־
גער זייט פון קלייסט'ס כאראקטער, האט וועגען איהם געזאגט:
„ניט קוקענדיג אויף מיין ערליכער כונה צו זיין פריינדליך און אור־
טיילען מיט מילדקייט, האט קלייסט אין מיר קיין זאך ניט דער־
וועקט אחוץ א געפיהל פון ווידערווילען, ענליך צום געפיהל וואס
מיר האבען צו א קערפער, וואס די נאטור האט באשאפען שעהן,
אבער וועלכער ליידט פון אן אומהיילבארער קראנקייט". ווען די
קאמעדיע „די צעבראכענע קרוג" איז דורכגעפאלען אין וויימאר, א
דאנק געטע'ס קינסטליכע איבעראנדערשונג פון די אקטען, זענען
קלייסט'ס געפיהלען אין גאנצען „צעמישט" געווארען, און ער האט
געשריבען עפיגראמען אויפ'ן פריוואטען לעבען פונ'ם גרויסען
דיכטער, צווישען אנדערע אויך דעם נידעריגען, מיאוס'ען עפי־
גראם אויפ'ן קינד „דער פריהצייטיגער זשעניע", וואס האט גע־
שריבען דאס חתונה־ליד צום חופה־טאג פון זיינע אייגענע עלטערן.

די זעלביגע צעמישטקייט פון געפיהלען ברענגט אריין א
קרענקליכקייט אין אלע זיינע ווערק. אפילו „מיכעל קאלהאז",
דאס מייסטערווערק אין דער קונסט פון דערציילען מעשיות, וואס
אין אנהייב ווערט דארט יעדער העלד געצייכענט מיט געניאלער
פינקטליכקייט, ענדיגט זיך עפעס מיט א חלום־ארטיגער צעמישט־
קייט.ביים סוף פון דער מעשה ערשיינען צוויי גייסטער־פיגורען:
דער קרענקליכער און, צום סוף, האלב־משוגענער קורפירשט פון
זאקסען און אן אומגעוויינטליכע ציגיינערין, וועלכע, ווי מען גיט
אונז צו פארשטעהן, האט אין זיך א דיבוק, דעם גייסט פון קאל־
האזעס טויטע ווייב — דאס זענען העלדען וואס שטעהען אין א
שארפען קאנטראסט מיט די פשוט'ע, געזונטע מענשען, וועלכע
ווערען פאר אונז פארגעשטעלט אין אנהויב. „די היילינגע צעצי־
ליע" איז א קאטוילישע לעגענדע מיט א מוסר קעגען אפיקורסות.
דער שרייבער צעלאזט זיך דא מיט א געוויסען פארגעניגען, אין
אבערגלויבישע געדאנקען; ער מאכט אז די היילינגע זאלען שטרא־

פען די וואס האסען און צעשטערען די קינסט־אוצרות פון דער קירך מיט פלוצלונגער משוגעת.

קלייסט האָט זיך גאַנץ פריה אריינגעלאזט אין אָפּיום טרינ־קען, א פאקט וואָס א טייל פון די דאזיגע ווערק ברענגען אונז ארויף אויפ'ן זכרון.

אין יאָר 1809 ערשיינט דער דיכטער ווי א הייסער פּאָלי־טישער אגיטאַטאר. א געוויסע צייט קלינגט זיין שטים פול און קלאָר. ער מאכט פארוואורפען זיינע מיטבירגער פאר וואס זיי האָבען ניט גענוג צוטרויען אין דער מיסטישער קראפט פון הארץ.

נאַפּאָלעאָנ'ען רופט ער א זינדיגען, וואס קיין מענשליכע שפּראך קען ניט אויסדריקען זיינע זינד. דער ווידערשטאַנד וואס די פראנצויזען האָבען באקומען איז, דוכט איהם, פארעכטליך שוואך. ער האָט פיינט פיכטע'ס "ווענדונגען צום דייטשען פאָלק", מאַכט חוזק פון פיכטע'ן אליין אלס א פעדאַנט, וואס רעדט און קען ניט טון, און דריקט אויס אומבאגרענצטע פאראכטונג פאר די מיטגלידער פון'ם „טוגענדבונד" צוליב זיין אינגעלשער אומ־טעטיגקייט. ער שרייבט א טראגעדיע „די הערמאנסשלאכט" מיט'ן צוועק אנצוזעגען זיינע מיטבירגער צו באהאַנדלען נאַפּאָלעאָנ'ען ווי הערמאַן (ארמיניוס) האָט באהאַנדעלט ווארוס'ן. די פאָלגענדע שורות פון דאָרטען זענען געצילט אנטקעגען דער פוילער יוגענט פון זיין צייט:

> "Die schreiben Deutschland zu befreien,
> Mit Chiffren, schicken mit Gefahr des Lebens
> Einander Boten, die die Romer hangen,
> Versammeln sich um Zwielicht-essen, trinken,
> Und schlafen, kommt die Nacht, bei ihrem Frauen.
> ....
> Die Hoffnung: morgen stirbt Augustus
> Lockt sie, bedeckt mit Schmach und Schande,
> Von einer Woche in die andere." *)

---

*) „וואָס שרייבען ווי דייטשלאַנד צו באַפרייען
מיט שיפער־כתב, און שיקען מיט לעבענס־געפאַחר
שלוחים איינס צום אַנדערן, וועלכע די רוימער הענגען,
פאַרזאַמלען זיך אין בין־השמשות, עסען, טרינקען,

ער גיט אזוי ווייניג אכטונג אויף דער היסטארישער ארומיג־קייט פון אט דער פיעסע אז ער מאכט אן הערמאן זאל רעדען ווע־גען א געלט־רעכענונג און אז ווארום זאל פארגלייכען דעם פירער פון די כערוסקער צו א דערוויש.

ער האט געוואלט פירען א מלחמה אזא ווי שפאניער פלעגען פירען, מיט מערדעריי און שווינדעל, פארברענען דערפער און פאר'סמ'ען ברונעס.

די שלאכט ביי ווארגראם האט צעשטערט אלע זיינע האפענונ־גען. א דערשראקענער פרעגט ער, צו עס איז ניטא אזא זאך ווי גערעכטיגקייט אויף דער ערד.

קלייסט האט איצט געהאלטען זעהר שמאל, קיין שום טרייסט אין עפענטליכען לעבען, קיין אויסזיכטען אין פריוואטען לעבען, קיין געלד, קיין באשעפטיגונג, קיין הסכמה, קיין דערמוטיגונג. זיינע נאהענטסטע און טייערסטע האבען איהם ניט אפגעשאצט. קורץ פאר זיין טויט שרייבט ער צו א מוטערליכען פריינד: „איך וואלט גיכער צעהן מאל געשטארבען איידער ווידער צו ליידען וואס איך האב דא ניט לאנג געליטען אין פראנקפורט, בעת איך בין געזעסען ביים עס־טיש צווישען מיינע צוויי שוועסטער. דער געדאנק אז זיי אנערקענען לחלוטין ניט וואס איך האב אויפגעטאן, זאל עס זיין ווינציג אדער א סך, אז מען קוקט אויף מיר ווי אין גאנצען א נוצלאזער מיטגליד פון דער געזעלשאפט, וואס פאר־דינט ניט מעהר די מינדסטע סימפאטיע, אט דאס רויבט ניט בלויז אוועק פון מיר מיין צוקונפט, נאר עס סמ'ט אפ פאר מיר מיין פארגאנגענהייט".

באטש ער האט שטארק ניט געוואלט זיך אומקערען צו דער באשעפטיגונג וואס ער האט געהאט אויפגעגעבען מיט צוועלף יאר צוריק, האט זיך איהם אבער ענדליך אויסגעוויזען, אז דער

און ווען עס קומט די נאכט, שלאפען זיי מיט זייערע פרויען
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
די האפענונג, אז מארגען וועט אויגוסטוס שטארבען
פירט זיי, באדעקט מיט חרפות און בושות,
פון וואך צו וואך, פון וואך צו וואך.

איינציג מעגליכער וועג, אויף וועלכען ער קען פאָרדינען, איז דורך אריינטרעטען אין דער ארמיי. ער האָט אפילו ניט געהאט גענוג געלד זיך צו קויפען אן אפיציר אויסשטאַטונג. זיין בקשה צו האַרדענבערג'ן נאָך הילף איז געבליבען אָהן אן ענטפער. פּונקט אין דער צייט איז פּרייסען געווען געצוואונגען אריינצוטרעטען אין אן אליאַנס מיט נאַפּאָלעאָנ'ען אנטקעגען רוסלאַנד. קען מען זיך פאָרשטעלען א גרעסערע „צעמישטקייט פון געפיהל", ווי עס איז איצט באַשערט געווען דעם אומגליקליכען פּאַטריאָט? דער שאַפער פון דער „הערמאַנשלאַכט", דער בלוטיגער שונא פון נאַפּאָלעאָנ'ען, איז געצוואונגען, אלס פּרייסישער אפיציר צו קעמפען פאַר'ן דערנידעריגער פון זיין לאַנד!

אָט דער לעצטער פליכטען־צוזאַמענשטויס האָט צעבראָכען זיין האַרץ. „מיין נשמה איז אזוי אויסגעמאַטערט, — שרייבט ער, — אז איך פיהל עפּעס ווי אפילו דאָס ליכט פון טאָג, וואָס שיינט אויף מיר, בעת איך שטעק ארויס מיין קאָפּ פון פענסטער, וואָלט מיר וועה געטאָן".

ער איז געווען רייף פאַר'ן ניט צוריקרופבאַרען באַשלוס. דורך מילער'ן איז ער באַקאַנט געוואָרען מיט פרוי הענריעטע פאָגעל, א גייסטרייכע פרוי, וואָס האָט פּונקט ווי ער, געליטען פון מעלאַנכאָליע, און האָט זיך פאָרגעשטעלט אז זי ליידט פון אן אומהיילבאַרער קראַנקהייט. די דאָזיגע פרוי האָט איהם איינמאָל דערמאָנט, אז אין דער ערשטער צייט פון זייער פריינדשאַפט האָט ער איהר צוגעזאָגט צו טאָן אלץ וואָס זי וועט נאָר וועלען, מעג עס זיין וואָס עס וויל זיך. ער האָט געענטפערט אז ער איז יעדע מינוט גרייט אויסצופירען זיין צוזאָג. "אויב אזוי דער'הרג'עט מיך", האָט זי געזאָגט, מיינע צרות זיינען אזוי גרויס, אז איך קען מעהר דאָס לעבען ניט פאָרטראָגען, כאָטש איך קען מיר אויף קיין איין רגע ניט פאָרשטעלען אז איהר וועט עס טאָן. די היינטיגע מענער זיינען בכלל קיין מענער ניט". דאָס איז גענוג געווען פאַר קלייסט'ן. אין נאָוועמבער 1811 זיינען זיי, ער און הענריעטע, צוגעפאָרען צו א קליינער קרעטשמע אויפ'ן ברעג פון דער וואַנזייע, א קליינער אָזערע לעבען פּאָטסדאַם. זיי זיינען, ווייזט אויס, געווען אין

בעסטען מוט, פול מיט פרייד און געלעכטער דעם גאַנצען טאָג און ביז'ן נאָכמיטאג פון צומאָרגענס, בעת זיי זיינען אוועק אויף אן אפגעזונדערט אָרט אויפ'ן ברעג, וואו קלייסט האָט געשאָסען זיין פריינד אין דער לינקער ברוסט און זיך אליין אין קאָפּ. זיי האָבען פריהער געהאט געשריבען א מאָדנעם, טרויעריג־הומאָריס־טישען בריף צו אדאם מילער'ס ווייב. ער לעזט זיך אזוי:

„גאָט ווייסט, מיין טייערער, גוטער פריינד, וואסערע מאָדנע געפיהלען, האלב טרויעריגע, האלב צופרידענע, באַוועגען אונז צו שרייבען צו אייך אין איצטיגען מאָמענט בעת אונזערע נשמות גרייטען זיך, ווי ליכטיגע, לופטיגע רייזענדער, אוועקצופליהען פון דער וועלט. ווארים איהר דארפט וויסען, אז מיר האָבען באשלאָ־סען ניט איבערצולאָזען קיין געזעגענונג־קאַרטלעך פאר אונזערע פריינד און באקאנטע. די אורזאך דערפון איז מסתמא דאס, וואס מיר האָבען וועגען אייך געטראכט טויזענדער מאָל אין טויזענדער גליקליכע מאָמענטען, און מיר האָבען זיך טויזענדער מאָל פארגע־שטעלט ווי גוטמוטיג איהר וואָלט געלאכט ווען איהר וואלט אונז געזעהן צוזאמען אין גרינעם אדער רויטען צימער. יאָ, די וועלט איז א מאָדנע אָרט! עס איז גאנץ פאסיג, אז מיר ביידע, יעטע און איך, צוויי טרויעריגע, מעלאנכאָלישע באשעפענישען, וואס יעדער האָט זיך תמיד באקלאָגט אויפ'ן אנדערנס קאלטקייט, זא־לען זיך הארציג ליב באקומען, און דער בעסטער באווייז דערפון איז וואס מיר האלטען איצט ביידע ביי שטארבען צוזאמען.

„זיי געזונט, אונזער טייערער, טייערער פריינד! זיי גליק־ליך אויף דער ערד, וואס עס איז אהן ספק א מעגליכע זאך! וואס איז נוגע אונז האָבען מיר קיין פארלאנג ניט צו האָבען די תענוגים פון דער דאזיגער וועלט. מיר חלום'ען פון די הימלישע פלוינען און די הימלישע זונען, וואס אין זייער ליכט וועלען מיר וואנדערן מיט לאנגע פליגעל אויף אונזערע אקסלען. אדיע! א קוש פון מיר, דעם שרייבער, פאר מילער'ן. זאָג אידם, אז ער זאל טייל־מאָל טראכטען וועגען מיר, און ווייטער בלייבען גאָט'ס א העלדי־שער סאלדאט קעמפּפענדיג אנטקעגען דעם טייוועל פון נארישקייט, וואָס האלט די וועלט אין זיינע קייטען“.

א נאָכבאַמערקונג אין הענריעטע'ס האנדשריפט:

''Doch, wie diés alles zugegangen,
Erzahl' ich euch zur andern Zeit,
Dazu bin ich zu eilig heut.'' *)

„זייט געזונט, מיינע טייערע פריינד, און פארגעסט ניט צו טראכטען, אין פרייד און אין טרויער, וועגען די צוויי ברואים, וואָס האַלטען איצט ביים אנהייבען די גרויסע אנטדעקונג־רייזע".

הענריעטע.

(אין קלייסט'ס האַנדשריפט) — „געשריבען אין גרינעם צימער, דעם איין־און־צוואנציגסטען נאָוועמבער, 1811.

ה. פ. ק.

קלייסט איז געווען דער אומבייגזאמסטער מענש אין דער דייטשער אינטעלעקטועלער וועלט פון זיין צייט. אחוץ דעם האָט ער געהאט צופיעל הארץ, צו שטאַרקע געפיהלען. נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיאש געווען זיך צו דערוויסען דעם אמת, האָט ער זיך געסטאַרעט צו בויען אויפ'ן פונדאמענט פון געפיהל. אלס שרייבער איז ער פעהיג געווען דאָס צו טאָן; זיין „מיכאל קאָל־האס" שטיצט זיך אויפ'ן געפיהל פון גערעכטיגקייט. „קייטכען פאָן היילבראָן" — אויפ'ן געפיהל פון אבסאָלוטער מסירת נפש. אָבער די רעאַלע וועלט, צו וועלכער ער אליין האָט געהערט, האָט ניט געדארפט קיין שטארקע, אומגעמישטע געפיהלען ווי זיינע. ער האָט זיי ניט געזעהן אין אנדערע, און ווען זיי האָבען איהם באַהערשט, האָבען זיי געפירט צו אומגליקליכע רעזולטאַטען. אָ, ניין, ניין, קיין זאך אין דער וועלט איז ניט געווען אין גאנצען זיכער, אפילו ניט זיין אייגענער בארוף!

אַנטשלאָסענקייט, איינהייליכקייט אין כאראַקטער, האָט קיי־נער ניט געשעצט מעהר פון איהם, און דאָך איז ניט געווען קיין מעהר אומזיכערער, צעשפאלטענער און קרענקליכער מענש. ער

*) נאָר ווי דאָס אַלץ איז צוגעגאַנגען
דערצעהל איך אייך אַן אַנדערש מאָל,
איך בין צו שטאַרק פאַרנומען היינט.

איז תמיד געווען פארצווייפעלט, תמיד געשוועבט צווישען די העכסטע שטרעבונגען און נייגונגען צו זעלבסטמאָרד. דאס דערקלערט פון וואנען עס נעמט זיך וואס מיר זעהען אז ער, דער גרעסטער פון די ראָמאַנטיקער, איז פעהיג כמעט אויף אלע טעות'ן מיט וועלכע זיינע צייט־חברים צייכענען זיך אויס. זיין אייגענער, ווירקליך פיינער, איידעלער כאראקטער איז זעהר א סך קאַליע געווארען, פונקט ווי דאָס רוב העלדען פון זיינע ווערק, א דאַנק מיאוס'ע, אומגליקליכע אייגענטימליכקייטען, וואס שוואכען אפּ דעם ווילען און צעשטערען די בייגזאמקייט פון גייסט. דאָך האָט זיך היינריך פאָן קלייסט פארזיכערט מיט א פּלאַץ אין דער ליטעראטור, פונקט ווי אלע האָבען דאָרט באקומען א פּלאַץ, צוליב דער קרעפטיגקייט און ליידענשאפטליכקייט מיט וועלכער ער האָט געלעבט און געשריבען*).

אין די אנדערע בארימטע דראמאטורגען פון דער ראמאנטישער שול איז פאראן א סך וויניגער וואס פאנאנדערצונעמען. ער איז באלד פון אָנהייב געווען דער עכטער ראָמאַנטיקער.

צאַכאַריאַס ווערנער איז געבוירען געווארען אין קעניגסבערג אין 1768. ער איז געווען א זוהן פון א פּראָפעסאר פונ'ם אוניווערזיטעט, וועלכער איז אויך געווען דער דראמאטישער צענזאָר. אזוי ארום האָט צאַכאַריאַס, אפילו אלס קינד, געהאט די געלעגענהייט צו זעהן פיעסעס כמעט יעדען טאָג, און שוין אין זיין פריהסטער יוגענד האָט ער געהאט די מעגליכקייט זיך צו באַקענען מיט דער גאַנצער טעכניק פון דער בינע. זיין מוטער, ווי האָפמאַן זאָגט, "איז געווען רייך באַשאָנקען סיי אין אינטעלעקט, סיי אין פאַנטאַזיע". איהר נשמה איז געווען גענייגט צום ערנסטען הויךפאַנטאַסטישען מיסטיציזם, און זי האָט אויסגעאיבט ניט קיין קליינעם איינפלוס אויף איהר זוהנ'ס היציגער פאַנאַזיע. אבער שפּעטער צו איז זי אראָפּ פון זינען, איינס פון איהרע איינרעדענישען איז געווען אַז זי איז די יונגפרוי מרים און איהר זוהן — דער גואל פון דער וועלט.

---

*) Adolf Wilbrandt: *Heinrich von Kleist*, 1863; Otto Brehm: Heinrich von Kleist, 1884.

אלס סטודענט האָט צאַכאַריאַס — וועלכע האָט פאַרמאָגט הייסען, לײדענשאַפטליכען טעמפּעראַמענט — געפירט זעהר אַן אויסגעלאַסען לעבען. צו צוואַנציג יאָר האָט ער פאַרעפענטליכט א באַנד לירישע לידער, וואס זענען לחלוטין ניט אַנגעהויכט מיט מיסטיציזם, פּונקט ווי די ערשטע שריפטען פון פרידריך שלעגעל און די אַנדערע ראָמאַנטיקער. זיי פאַלען אָן, אין סטיל פון אכט־צעהנטען יאָרהונדערט, אויף „וצדקתך׳דיגקייט, פרומער נאַריש־קייט, היפּאָקריטישקייט און יעזואיטיזם". פונדעסטוועגען, ווען ער איז נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיג יונג, האָט ער אַליין אָנגע־נומען א וצדקתכ׳דיגען סטיל. כאָטש ער האָט אַנגעהאַלטען זיין צעלאַזענקייט, קען מען איהם ניט אַנרופען היפּאָקריט, ווייל ער האָט כסדר געזינדיגט און עס באַדויערט. דער אייגענאַרטיגער שטריך פון זיין כאַראַקטער איז געווען וואַקעלדיגקייט, ווי ער איז עס אַליין מודה אין זיין ליד „דעם וואַקעלדיגענס הימן", און נאָך פיעל פריהער, אינ׳ם פּראָלאָג צו „זיהן פונ׳ם טאָל", רופט ער זיך אָן אומשטאַנדהאַפטיגע בריאה „וואס תמיד נאָר זי גרייזט, קלאָגט, וואָרענט".

רעליגיעזע מאָטיוון האָבען ווערנער׳ן איינגערעדט זיך אָנ־צושליסען אָן די פריימויערער. ער האָט געגלויבט אַז אָט דער אָרדען וועט געפינען די מיטלען צו פאַרשפּרייטען אין דער וועלט א נייעם און אויפריכטיגען גייסט פון פיעטעט. צוליב פינאַנציע־לע מאָטיוון איז ער געוואָרען א רעגירונגס סעקרעטער; און אין 1795, ניט לאַנג נאָך דעם ווי ער האָט זיך געווענדעט צו די פּאָלאַ־קען מיט דריי ענטוזיאַסטישע לידער (א מלחמה־ליד, א רוף צו בלי זין און א קלאָג ליד), האָט ער זיך באַזעצט אין דער באַזיגטער שטאָט ווארשע אלס פּרייסישער רעגירונגס באַאַמטער; דאָרט האָט ער פאַרבראַכט צעהן אַנגענעמע יאָרען. אין משך פון די צעהן יאָר האָט ער חתונה געהאַט דריי מאָל. די ערשטע צוויי הייראַטען זענען געווען אַזוי ניט צוגעפּאַסט, אַז אין ביידע פאַלען איז דער גט געקומען גלייך נאָך דער חתונה. די דריטע הייראַט, מיט א צוויבערדיג שעהנער פּוילישער דאַמע, האָט אַנגעהאַלטען עטליכע יאָר. מיט איהר האָט ער זיך גע׳גט אין 1805. אין דעם פאַל האָט ווערנער גענומען די גאַנצע שולד אויף זיך. „איך בין ניט פיין

שלעכטער מענש, שרייבט ער צו היציג'ן, נאָר איך בין אין פיעל הינזיכטען א שוואכלינג, כאָטש אין אנדערע גיט מיר גאָט כחות. איך בין שרעקענדיג, קאַפּריזנע, קאַרג, אומריין. איהר ווייסט עס אליין". ניט קיין שמייכעלדיגער פּאָרטרעט.

שלייערמאכער'ס "פּארטראג איבער רעליגיע", און דערנאָך די שריפטען פון יאַקאָב ביימע, האָבען געלאזען אויף איהם ניט קיין קליינעם איינדרוק. קונסט און רעליגיע זיינען פאר איהם איצט געווארען איין זאַך. „פּארוואס — שרייבט ער צו היציג'ן — האָבען מיר ניט איין נאָמען פאר דיביידע סינאָנימען?" פאר איהם באצייכענען זיי וואס ער האָט איין מאָל גערופען „דאס קלאָרע געפיהל פון דער נאָהענטקייט פון דער גרויסער נאַטור", און אנדערש מאָל — „דער פּשוט'ער, באשיידענער אויסגוס פון דער ריינער נשמה אינ'ם ריינעם שטראם (פון דער נאטור)". זיינע ליטעארישע מיינונגען, דערקלערט ער, זיינען „פּונקט ווי טיק'ס". אין ווארשע שרייבט ער נאָך קאַלטליך איבער דער קאַטוילישער קירך; ער פארטיידיגט זי ניט ווי „א פארטיגע אמונה, נאָר ווי א נייאויפגעעפענטען מיטאלאָגישען קוואל".

איין מאָל, דעם 24טען פעברואר 1904, האָט דער טויט אוועקגערויבט זיין מוטער און זיין אינטימסטען פריינד, מניאָך, א פּאָלאַק — פון דאנען נעמט זיך דער נאָמען פון זיין פאטאליסטישער טראגעדיע „דער פיר און צוואנציגסטער פעברואר". געשריבען אין צעהן יאָר ארום.

נאָך דעם ווי ער האָט געבעטען זיינע פריינד און אונטערשטיצער צו קריגען פאר איהם א שטעלע מיט אזוי ווייניג ארבייט און אזוי פיעל געהאלט ווי מעגליך, האָט ער ענדליך באקומען א לייכטע און פּראָפיטאבעלע שטעלע אין בערלין דורכ'ן איינפלוס פון א מיניסטער וואס איז געווען פאראינטערעסירט סיי אין רעליגיע סיי אין פריימויערער". אויף א ווייל האָט ער זיך איבערגעגעבען אלע אמוזירונגען און צעלאָזענקייטען פון דער הויפּט־שטאָט; אבער נאָך דעם ווי נאפּאָלעאָן האָט באזיגט די פּרייסען, האָט ער גענומען פירען א וואנדערער־לעבען. ער איז געווען אליין און פריי, ווייל פון אלע זיינע הייראטען האָט ער קיין קינדער ניט גע־

האַט, און ער האָט גע'ירש'ענט אַן עשירות נאָך זיין מוטערס טויט. ער האָט באַרייזט דייטשלאַנד און עסטרייך, דאָס „געבענשטע לאַנד", ווי ער רופט עס, זיך באַקאַנט מיט כּאַדאַם דע סטאַל און זי באַזוכט אין קאָפּעט. אין ווייטאַר איז איהם געלונגען צו באַ־קומען אַ פּענסיע פון'ם פירשט־פּרימאַס דאַלבערג. פּראָפעסאָר פּאַסאָוו, וואָס האָט זיך מיט איהם באַקאַנט אין ווייטאַר, שרייבט צו פאָס'ן: „איך האָב זעהר פיינד ווערנער'ן, ווייל איך האָב נאָך קיינמאָל איהם ניט געזעהן צוויי מאָל דעם זעלביגען. דאָס איז דער פּועל יוצא פון זיין אומפּאַרטרעגליכער ליידענשאַפט אַלעמען צו געפעלען. צו ער איז אַן אויסגעלאַסענע בריאה אַדער אַ פרומער ירא שמים פון סאַמע מאָדערנעם און גייסטיגסטען סאָרט ווענדט זיך אין גאַנצען אָן זיין געזעלשאַפט". אַ גלח מיט'ן נאָמען כּרים־טיאַן מייר האָט געקריגען אַ גרויסען איינפלוס אויף איהם. מייר איז געווען פאַנאַטיש און עקסצענטריש. כּדי צו פאַרווירקליכען איינע פון די זעהונגען פון'ם „בוך פון אַנטפּלעקונגען"*) און צו דערגרייכען הימלישע חכמה, האָט ער אויפגעגעסען דעם גרעסטען טייל פון דער ביבעל, און איז דערפון געפערליך קראַנק געוואָרען; ער האָט געשאָסען מיט אַ פּיסטאָלעט אויף יעדען פון זיין קירך, וואָס איז אַנשלאָפען געוואָרען בעת ער האָט געפּרעדיגט; און ער האָט געגלויבט אַז בעת'ן פייערן דעם סאַקראַמענט וואָלט ער געקענט אַרויסברענגען אמת'ע בלוט און פלייש. אָט דער מענש האָט גע־וואָלט אַז ווערנער זאָל זיך אָנשליסען אָן אַ גרויסער געהיימער גע־זעלשאַפט „די קרויצעסברידער אים אָריענט". לכתחילה איז ווער־נער געווען שטאַרק ענטוזיאַסטיש פאַר דער זאַך, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען צווייפלען, און די דאָזיגע ספקות האָבען טיילווייז גע־פירט צו דעם, אַז ער זאָל אַריבער צום קאַטאָליציזם.

אין נאָוועמבער, 1809, נאָך דעם ווי ער האָט באַזוכט קאָ־פּעט, איז ער אַוועק קיין רוים וואו ער האָט פאַרבראַכט עטליכע יאָר. זיין אַריבערגאַנג צום קאַטאָליציזם איז פאָרגעקומען אין 1810. אין זיינע וואַנדערער־יאָרען האָט ער געפירט אַ משונה'דיג לעבען, ער האָט צעטיילט יעדען טאָג צווישען נידעריגער אויסגע־

*) דאָס לעצטע בוך פון נייעם טעסטאַמענט. — איבערז.

לאַסענקייט און רעליגיעזער התלהבות, צווישען אריינגעטונקייט אין גראָבע תאוות און פאַרקער מיט דער גאָטליכקייט. די פראַג־מענטען פון זיין טאָג־בוך, וואָס שיף האָט ארויסגעגעבען אין צוויי בענדער, ווייזען ארויס א גראָבע אויסגעלאַסענקייט, א פארשאַרט־קייט אין געדאַנק און א שאַנדלאָזיגקייט אין אויסדרוק, וועלכע ווערען נאָך פיעל מעהר עקעלדיג צוליב די אויסברוכען פון צרה'דיי־גער חרטה און זעלבסט־באַשולדיגונג, וואָס רייסען איבער די דע־טאַלע שילדערונגען פון עראָטישע איבערלעבונגען.

אין א צואה־בריעף צו זיינע פריינד (דאַטירט סעפּטעמבער, 1812) דערמאָנט ער צוויי מאָטיווען וואָס האַלטען איהם אָפּ פון אן עפענטליכער ודוי. „דער ערשטער איז, אַז צו עפענען א מגפה־פלאַץ איז געפערליך פאר די צוקוקער וואָס זיינען ניט אַנגעשטעקט; דער צווייטער איז, וואָס אין מיינע שריפטען (פאר וועלכע גאָט זאָל מיר מוחל זיין) געפינען זיך, דאָ און דאָרטען, אין א מדבר פון סמ'יגע שוואָמען און ווילדע גראָזען, היילענדיגע קרייטעכצער פון וועלכע דער אָרימער קראַנקער, וואָס פאר איהם וואָלטען זיי אפשר געווען ניצליך, וואָלט זיך זיכער צוריקגעצויגען מיט שרעק, ווען ער וואָלט געוואוסט אויף וואָסער פארפעסטעט פלאַץ זיי זיי־נען געוואקסען".

ווען ווערנער האָט שטודירט טעאָלאָגיע (זעהר כאַראַקטע־ריסטיש נאָך זיין שמד) און זיך באַקאַנט מיט'ן קאַטוילישען ריטואַל, איז ער געוואָרען א גלח. אין 1814 האָט ער אין ווין, אין דער צייט פון'ם קאָנגרעס, געמאַכט זיין ערשטען אויפטריט אלס פּרעדיגער. ער האָט געהאַט גרויס ערפאָלג. ער האָט גע־מאַכט אַן איינדרוק מיט זיין הויכער, דארער, אַסקעטישער פיגור און זיין לאַנגען, מאָגערן פּנים, מיט זיין אָנגעזעהענער נאָז און די טונקעל ברוינע אויגען, וואָס האָבען געבלישטשעט אונטער גע־דיכטע ברעמען. ער האָט געפּרעדיגט פאר אן אומגעהייערן עולם. דעם מאַנאַכ'ס דרשה אין „וואַלענשטיינ'ס לאַגער" גיט א שוואַכע אידעע פון זיינע דרשות. זיי זיינען געווען פול מיט געפליגעלטע פראַזען און עקעלדיגען נבול פה, האָבען פאַראייניגט גייסט און חכמה מיט אַסקעטישען אומזין און גודנע פלאַפּעריי, איבערפילט

מיט פאַרדאַמונגען אויף אפיקורסים און ליב־לידער צום הייליגען רוזען־קראַנץ. *)

ווערנער איז געשטאָרבען אין ווין אין 1823. ער איז דער הויפּט־פאָרשטעהער פון מיסטיציזם אין דער ליטעראַטור. זיין לעבען איז דער שליסעל צו זיינע ווערק — ווערק וואָס האָבען געלאָזען אַ טיפען איינדרוק אויף זיינע צייט־חברים, וואָס אינטע־רעסירען אונז אָבער הויפּטזאַכליך פון אַ פּאַטאָלאָגישען שטאַנד־פּונקט. ער האָט בלי ספק פאַרמאָגט היבשע פּאָעטישע פעהיג־קייטען, זיין פערז איז מעלאָדיש און גלעט דאָס אויער, פּונקט ווי די קירכען מוזיק פון דרום לענדער. זיינע העלדען זיינען געוויינט־ליך גוט געצייכענט (נעמט, למשל, פראַנץ פאָן בריענע אין ערשטען און צווייטען אקט פון „די טעמפּלער אויף ציפּערן", און די האַנד־לונג אינטערעסירט אונז און האַלט אונז געשפּאַנט; אָבער דער תוך און תמצית פון דער גאַנצער זאַך, דער דרייפאַכער תוך פון ליידענשאַפט, רעליגיע און גרויזאַמקייט, איז מיאוס און אומגע־זונט.

דאָס ערשטע וויכטיגע ווערק זיינס „די זיהן פון'ם טאָל"— וואָס איז אין צוויי טיילען, און יעדע טייל אין זעקס אקטען— באַשעפטיגט זיך מיט'ן אָרדען פון די טעמפּלער. דערצו האָבען איהם זיכער אנגערעגט די אידעען איבער פריימויערריי, אידעען וועלכע האָבען געמאַכט אַן איינדרוק אויף שובערט'ן, האָבען גע־שפּילט אַ ראָלע אין „ווילהעלם מייסטער" און האָבען היבשליך באַאיינפלוסט זיין אייגען פּריוואַט לעבען.

אין דעם דאָזיגען ווערק נעמט אַן דאָס אַרומרינגלען איין אידעע מיט אַן אַנדערער — פון סאַמע אָנהייב אַ ליבלינג מיטעל ביי די ראָמאַנטיקער — אַזאַ פאָרם אַז אַלץ דרייט זיך אַרום אַ צענטראַלער מיסטעריע, די מיסטעריע פון דער געהיימער געזעל־שאַפט; מיר דרינגען אַלץ טיפער און טיפער אריין אין דער זאַך, אָבער בעת מיר מוען דאָס דוכט זיך אַז זי רוקט זיך אָפּ פון אונז. דער אָרדען פון די טעמפּלער האָט זיינע אייגענע באַזונדערע מיס־

*) Hitzig: *Levens-Abriss Zacharias Werners*, 1823.
Schutz: *Zacharias Werner, Biographie und Charakteristik*, 1841.

טעריעס, און מיר באמערקען יעדע איינצעלהייט פונ'ם אריינטריט פון די נייע אנהענגער אין די דאזיגע מיסטעריעס, אין די טונ־קעלע קאסטיומען מיט'ן גאנצען קלאפער געצייג פון געוואלטיגע סקעלעטען, פארבארגענע ביכער, פארהאנגען, שווערדען, פאלמען, א. א. וו. א. וו. דער זין פון דעם אלעם איז: „פון בלוט און פינסטערניש קומט די גאולה". אבער דער ארדען פון די טעמפ־לער איז בלויז א צווייג, דער גרויסער פאטער־ארדען „דער טאל" באזיצט, ווי מיר געפינען אויס אין דער צווייטער טייל פון בוך, אלע העברעע מיסטעריעס און דעם העברען כח. אבער אויך זיין איניגסטע מיסטעריע איז בלויז א ריין נעגאטיווע אידעע פון פארדאמען און זיך מקריב זיין, געהיימע קולות זאגען אן „אין א הוילען, זינגענדיגען טאן":

"Alles ist zum Seyn erkoren,
Alles wird durch Tod geboren,
Und kein Saatkorn geht verloren.
"Wer durch Blut und Nacht geschwommen,
Ist den Aengsten bald entnommen,
Blutgier, sei uns Willkommen!" *)

מיר קענען זיך פארשטעלען אויף ווי ווייט די מיסטעריעס ווערען אויסגענוצט אין אויסארבייטען די בינע דעקאראציעס און קאסטיומען פונ'ם פאקט וואס אין דער צוועלפטער סצענע פון פינפטען אקט, וואס האט פיר און זעכציג שורות, זיינען דא בלויז זעקס שורות דיאלאג, די איבעריגע גיבען זיך אפ מיט אנווייזונגען בנוגע „א גרויס קבר־בערגעל, באדעקט מיט רויזען, מיט דורכזיכ־טיגע בילדער פון א מלאך, א לייב, אן אקס און אן אדלער צע־טיילט אין די פיר ווינקלען". די קאסטיומען וואס די בכבוד'ע לייט פונ'ם „טאל" דארפען טראגען, דארפען זיין געוועבט פון

*) אלץ איז אויסדערוועהלט צו לעבען
אלץ ווערט דורך דעם טויט געבוירען,
עס געהט קיין קערנדעל נישט פארלוירען
ווער ס'איז דורך בלוט און נאכט געשוואומען,
דער האט די שרעק שוין בייגעקומען.
בלוט־באגעהר, זיי אונז ווילקאמען.

גאָלד, טייל פון זילבער, טייל הימעל־בלאָ, טייל בלוט־רויט, און די סצענע פאָדערט אויך ווייַרויך, האַרפּעס, גלאָקען, קרוינען, און קרוינען פון דערנער, פאַנען אין אַ „גרויסע סטאַטוע פון איסיס".

דער אָרדען פון די טעמפּלער איז דעגענערירט געוואָרען. דער פאָטער־אָרדען באַשליסט איהם אין גאַנצען אָפּצושאַפען, און פאַר־אורטיילט זיין הויפּט־פירער, דעם איידעלען, העלדישען מאָליי, פאַרברענט צו ווערען, כאָטש עס איז לחלוטין ניט זיין שולד וואָס זיין אָרדען איז דעגענערירט געוואָרען, פאַרקערט ער האָט שטאַרק געאַרבייט עס ניט צו דערלאָזען. דער הויפּט בישאָף, וואָס משפּט איהם, איז איבערצייגט אין דער אומגערעכטיגקייט פון דער באַ־שולדיגונג וואָס מען ברענגט אַנטקעגען איהם, און ער ליבט און באַוואונדערט איהם, נאָר ער איז געצוואונגען אויסצופאָלגען פאַר־אָרדנונגען. מאָליי נעמט אויף דעם טויט מיט אַזאַ טיפער רו־היגקייט ווי פּאַלודאַן־מילער קאַלאַנוס; פאַרקערט, ער בענקט נאָך „פלאַמען וואָס רייניגען". די צוקוקער סימפּאַטיזירען מיט איהם און שרייען צו איהם ער זאָל אַנטלויפען, אָבער ווי קאַלאַנוס שטעלט ער זיך אַנטקעגען אַלע בקשות. יעדער איינער האָט פאַר איהם דאָס געפיהל פונ'ם הויפּט ביישאָף. ער ווערט ארומגערינגעלט פון אַ מענגע סענטימענטאַלע הענקער וואָס גיבען איהם איבער די פלאַמען מיט אויסדרוקען פון דער גרעסטער באַוואונדערונג און אַכטונג. זיי זיינען גרויזאַמע, סענטימענטאַלע פאַנאַטיקער, ווי ווערנער אַליין. יעדער מענש פון דער פּיעסע איז באַפאַרבט מיט עקעלדיגער סענטימענטאַליטעט. מאָליי'ס אַן אַלטער באַ־וואָפענטער חבר זאָגט, ווען מען לאָזט איהם ניט ראַטעווען זיין פריינד:

Du boser Jakob Du! Pfui! Sterben will er,
Verlassen seinen Waffenbruder!—Jakob!
Du musst nicht sterben! horst du?'' *)

---

*) דו שלעכטער יאַקאָב, דו! פע, שטאַרבען וויל ער
פאַרלאָזען גאָר זיין וואָפען־חבר! יאַקאָב!
דו הערסט, דו דאַרפסט ניט שטאַרבען.

אָבער דער אומשולדיגער מאַליי שטאַרבט. דאָ האָבען מיר די זעלביגע שפּיל מיט דער קריסטליכער מיסטעריע ווי אין קלייסט'ס דראַמע. מאַליי איז באַוואונדערט, אפילו פון זיינע אייגענע הענ־קער, ווי אַ צווייטער קריסטוס. נאָך זיין טויט געשעהט אַ נס. זון-ליכט באַגילדט די סצענע. איבער דעם איינגאַנג צום טאָל־הייל, אונטער'ן העל־אילומינירטען נאָמען „יעזוס", ערשיינען די נעמען „יאָהאַן", „י. ב. מאַליי„ און „אַנדריי", אויך אין העלער דורכזיכטיגקייט. אַלע קרייצטרעגער פאַלען אויף די קניה. „אַ לאַנגע, ערנסטע הפסקה, און אין דער צייט קומען ארויס פון אינ־ווייניג פון דער הייל פּאַרטויבטע קלאַנגען זינגענדיג „הייליג, היי־ליג, הייליג", געזונגען פון די עלטסטע פונ'ם אָרדען פון טאָל מיט דער געוויינטליכער מעלאָדיע מיט'ן אַקאָמפּאַנימענט פון האַרפּעס און גלאָקען.

מאַרטירערשאַפט איז ווערנער'ס ספּעציאַליטעט. ער פיהלט זיך היימיש אין אַזעלכע טעמעס ווי שלאָגען צום טויט מיט שטע־קענס, קאָכען אין אייל און די ענויים פון דער אינקוויזיציע־באַנק. ער לעבט אויף אין מאַטערנישען, פּונקט ווי גערעס, וואָס אונז דוכט זיך אַז מיר פיהלען זיין צופרידענהייט בעת מיר לייענען פון די אַלע מיסטעריעס פון מאַרטירערשאַפט אין דער ערשטער טייל פון זיין „קריסטליכער מיסטיציזם". „די קרבנות ליגען אויסגעצויגען אויף דער אינקוויזיציע־באַנק אָדער אויפ'ן ראָד, אַלע זייערע גלידער זיינען ארויסגעדרייט פון געלענק מיט דער הילף פון שרויפען... און די ליקטאָרען ברענען זייערע זייטען מיט שטאָרקאַצען, אָדער רייסען זיי מיט אייזערנע צוואַנגען. טיילמאָל וויקעלט מען ארום קייטען זייערע קערפּער ביז זייערע ריפּען ווערען צעבראָכען; מען שטעכט דורך זייערע ברוסט-קאַסטענס און אויגען מיט שפּיציגע ריטער; דער פּיי־ניגער צעברעכט זייערע קינבאַקען מיט זיין פויסט; און, כאָטש די קרבנות אַטעמען שוין באַלד ניט, קלאַפּט מען אריין טשוועקעס אין זייערע פיס און מען לייגט ארויף גליהענדיגע אייזענס אויף די צאַרסטע טיילען פון קערפּער און מען לאָזט זיי דאָרטען אַז זיי זאָלען זיך אריינברענען", א. א. וו. א. וו.

אין ווערנער'ס דראַמע „אַטילאַ" באַשולדיגט מען אַ יונגענ־

מאַן אין שווינדעל און ער איז זיך מודה. אַטילאַ, וועלכער איז אַן אויפגערעגטער, סענטימענטאַלער ענטוזיאַסט, נעמט איהם אַרום, פאַרגיסט הייסע טרערען, און דערנאָך באַפעלט ער מען זאָל איהם צערייסען אין צווייען מיט פערד. די ראָמאַנטישע געוואוינהייט איז גרויזאַמע סענטימענטאַליטעט און פאַנאַטישע ברוטאַליטעט. צוזאַמען מיט אַטילאַ'ן האָבען מיר דעם פּאַבסט לעאָ'ן, נאָך אַ העלד, וואָס, זעהט אויס, איז אַרויס פון די בלעטער פון געררעסעס „מיסטיציזם" — דאָס איצטיגע מאָל מסתמא פון'ם קאַפּיטאַל וואו עס רעדט זיך וועגען דער הויך צו וועלכער עס הייבט זיך טיילמאָל אויף דער ענטוזיאַסט אין זיין רעליגיעזער התלהבות; וואָרים בעת לעאָ טוט תפלה „הייבט ער זיך אויף איבער אַלע העבער און העכער, ביז ער שטעהט בלויז אויף די שפּיץ פינגער". ער סימפּאַטיזירט מיט אַטילאַ'ן און האָט אַ מין מאַגנעטישען איינפלוס אויף איהם.

אין „מארטין לוטער אדער די וויילע דער קראַפט" האַנדעלט זיך וועגען רעליגיעזער פאַרהייליגונג. די פּיעסע הייבט זיך אָן באַ־דייטונגפול מיט אַ סצענע פון'ם נאָוואַליס מיפ, מינען־אַרבייטער לאָזען זיך אַראָפּ און קומען אַרויס פון שאַכטען. די פאַרשטעלונג פון לוטער'ן דערמאָנט אָן אַ קאַטוילישען הייליגען ווי אָן אַ פּראָ־טעסטאַנטישען רעפאָרמאַטאָר. ער מאַכט אויך פון קאַטערינאַ פאָן באָראַ אַ הייליגע פיגור. היטענדיגע מלאכים באַלייטען לוטער'ן און זי דורך דער גאַנצער פּיעסע. לוטער'ן באַלייט דאָס אינגעל טעאָבאַלד, וועלכער איז אין דער אמת'ן די קונסט אין דער פאָרם פון אַ ברענענדיגען מלאך, און קאַטארינאַ'ן באַלייט אַ מיידעל מיט'ן נאָמען טערעזאַ, וואָס שטעלט פאָר אמונה. עטליכע יאָר נאָך דעם ווי ווערנער האָט אַזוי־אַ געזונגען לויב־לידער צו דער רעפאָרמאַציע, האָט ער זיך געשמד'ט, און באַלד געשריבען אַ ליד „די וויהע דער אורקראַפט" פול מיט אַזעלכע געפיהלען בנוגע זיין דראַמע, ווי למשל: „מיט אָט דער אָפּנאַרערישער פּירים שפּיל האָב איך צו־נישט געמאַכט דעם אמת".

די טעמע פון זיין לעצטער טראַגעדיע „די מוטער דער מאַ־קאַבייער" האָט געגעבען גרויסאַרטיגע געלעגענהייטען אַריינצוברענ־גען אַלע ענויים, וואָס ווערען געשילדערט אין די לעגענדעס פון די

מארטירער; זי איז פול מיט פיזישע ליידען און רעליגיעזען עקס־טאז. סאלאָמע'ס זיהן דארפען עסען דאס פלייש פונ'ם קרבן וואס מען ברענגט צו יופיטער'ן אדער שטארבען דעם גרויזאמסטען טויט. די קאָמישע אידעע אז עס איז א פראגע פון לעבען און טויט צו קינדער עסען א געוויסע שפייז אדער ניט, ווערט באהאנדעלט מיט דער געוואלטיגסטער ערנסטקייט. אין א צושטאנד פון איבערנא־טירליכען התלהבות בעט סאלאָמע איהרע קינדער, אז איינס ביי איינס זאָלען זיי זיך לאָזען שטעכען, שינדען, פארברענען. דער סענטימענטאלער הויפט פייניגער, אנטיוכוס, באוואונדערט סא־לאָמע'ן זעהר שטארק; ער פאלט פשוט אויף די קניה פאר איהר און שרייט:

''Du bist kein irdisch Weib! Solch Opfer spendet
Kein menschlich Wesen! Segne mich, Du, vom Olymp gesendet.''*)

און סאלאָמע, וואס איז פונקט אזוי סענטימענטאל ווי ער, בענשט איהם. איהר זוהן, בנני, בענשט אויך דעם מערדער, און באלד נאָך דעם שניידט מען איהם אָפּ די הענד און פיס און מען קאָכט איהם אין אויל. בעת מעשה הערען זיך צוויי הויכע קלעפּ פון א האק — מען האָט אָפּגעהאקט אבי"ר'ס פיס. דערנאָך פיי־ניגט מען יהודה'ן און אזוי געהט עס ווייטער. אנטיוכוס, דער בארבארישער קעניג, אדער ווערנער, דער ניט ווייניגער בארבא־רישער פּאָעט זעהט אז מען זאָל קינדער ממית'ן אויפ'ן ראָד, צעברע־כען געלענק נאָך געלענק און אפּרייסען זייערע גלידער. די מוטער, זייענדיג געצוואונגען דאס אלס בייצוואוואינען, פיהלט בלויז א התלהבות'דיג גליק אין דער מארטירערשאפט; און ווען אנטיוכוס אין זיין סענטימענטאלער משוגעת, בייגט זיך פאר איהר א צווייט מאָל „טיף גערירט", שרייענדיג: „ווילחטו גרויסע ניאָבע זיך שיידען מיט מיר אין כעס?" לייגט זי אריף איהר רעכטע האנט אויף זיין קאָפּ און זאגט „מיט טיפען ערנסט", „איך וויס אז מיין

*) ביזט ניט קיין ערדישע פרוי, אזעלכע קרבנות גיט ניט קיין מענשליך באשעפעניש. בענש מיך, דו, געשיקטע פון אָלימפּ.

דערלייזער לעבט, איידער דו שטאַרבסט וועסטו איהם מסתמא דערקענען".

אין דער לעצטער סצענע עפענט זיך דער הינטערגרונט, און מיר זעהען די פייניגונג־כלים, דעם גרויסען קעסעל פול מיט קאָכע־דיגען אייל וואו בנני ליגט. זיין ווייב שטאַרט אהין אריין. דאָס פייער פלאַמט נאָך אויפ'ן שייטער הויפען. סאַלאָמע'ס גייסט ערשיינט און לעשט עס אויס.

און עס איז געווען אַ צייט ווען מען האָט דאָס געהאַלטען פאַר פּאָעזיע. געטע האָט זיך וואַרים אינטערעסירט מיט ווער־נער'ן, און דורך דעם זיינען עטליכע פּיעסען זיינע אויפגעפירט געוואָרען אינ'ם הויף־טעאַטער אין ווייִמאַר. אין 1808 האָט ער וועגען איהם געשריבען צו יאַקאָבי'ן: „עס קוקט אויס מאָדנע פאַר אַן אַלטען געצענדינער ווי איך, אַז איך קען זעהן ווי דער קרייץ שטעהט אין מיין אייגענער טעריטאָריע, און הערען ווי מען פּרעדיגט פּאָעטיש וועגען קריסטוס'עס בלוט און וואונדען, און עס איז מיר ניט ווידערוויליג. דער שטאַנדפּונקט צו וועלכען די פילאָ־זאָפיע האָט אונז דערהויבען צווינגט אויף אונז אַרויף אַזאַ גראַד טאָלעראַניץ. מיר האָבען זיך אויסגעלערנט צו שעצען דאָס אידע־אַלע, אפילו ווען עס ווייזט זיך ארוים אין די משונה'דיגסטע פּאָרמען."

וויניג געבילדעטע מענשען וועלען היינט צו טאָג זיין גענייגט צו באַטראַכטען די זאַך אַזוי מילד און טאָלעראַנט. די אַנטוויק־לונג איז אונז לחלוטין עקעלדיג, מיר האָבען דאָך געזעהן צו וואָס עס האָט געפירט. מיר האָבען געזעהן אַז אַט די „קריסטליכע פּאָעזיע" האָט געהאָלפען ארויסברענגען די ערגסטע אינטעלעק־טועלע רעאַקציע פון דער מאָדערנער צייט. מענשען האָבען זיך אַזוי לאַנג געשפּילט מיט דער אידעע פון די רייניגענדיגע פלאַמען פונ'ם שייטערהויפען אַז זיי האָבען זיי גאַנץ ערנסט גענומען פאַר־געטערן. עס איז ניט מעהר ווי אַ טראָט פון ווערנער'ן צו גערעס'ן, וועלכער פאַרטיידיגט היים די געדאַנקען פון ארויסטרייבען דיבוקים און באַשטראָפען פאַר כשוף; און דער מהלך איז ניט גרעסער צווישען גערעס'ן און זשאָזעף דע מעטער, יואָס שרייבט: "אין אַ סך גוט־רעגירטע אייראָפּעאישע לענדער זאָגט מען וועגען אַ מענ־

שען וואָס האָט אונטערגעצונדען א באַוואוינט הויז און איז צו־זאַמען מיט אַלעמען פאַרברענט געוואָרען: — ער האָט באַקומען וואָס ער האָט פאַרדינט. — נו, אויב אַ מענש איז שולדיג אין ווייס איך וויפיעל טעאָרעטישע און פּראַקטישע (ד. ה. רעליגיעזע) שלעכטסקייטען פאַרדינט ער וויינינגער פאַרברענט צו ווערען? ווען מען דערמאָנט זיך אַז די אינקוויזיציע איז אָהן ספק געווען בכח צו פאַרמיידען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, קען מען שוין ניט פּיהלען זיכער אַז דער הערשער וואָס האָט רוהיגערהייט אָפּגע־וואָרפען אַזא כלי זין, האָט ניט דערלאַנגט אַ פאַטאַלען קלאַפּ דער מענשהייט."

אויב דאָס ראָמאַנטישע קריסטענטום איז, ווי רוגע זאָגט, דאָס קריסטענטום וואָס קען ניט צוקומען צום הומאַניטאַריאַניזם, דע־מאָלט איז זשאָזעף דע מעסטער אַן עכטער ראָמאַנטיקער.

די גאַנצע געשיכטע פון'ם ראָמאַנטיזם שטעלט פעסט רוגע'ס באַרימטע דעפיניציע: „אַ ראָמאַנטיקער איז אַ שרייבער, וועלכער, מיט דער הילף פון אַלע אינטעלעקטועלע פאַרצוגען פון אונזער צייט, אַטאַקירט ער די פּעריאָדען פון אויפקלערונג און רעוואָלוציע, און פאַרדאַמט און באַקעמפט די פּרינציפּען פון ריינעם הומאַ־ניטאַריזם אויף די פעלדער פון וויסענשאַפט, קונסט, מאָראַל און פּאָליטיק".

קאפיטעל 16.

די ראָמאַנטישע ליטעראַטור און פּאָליטיק.

טיק׳ס „קאָטער אין שטיוועל״; סימנים פון פּאָליטישען אינ־טערעס; די פּאָליטישע געשעהעגישען פון אָנהויב פון נייג־צעהנטען יאָרהונדערט; מאריץ אַרנט און יאַן; פוקיי און זיינע ווערק.

אין זיין ערשטער פעריאָדע איז דער ראָמאַנטיזם לחלוטין פריי פון פּאָליטישע טענדענצען. ער פארהייליגט די עקזיסטי־רענדיגע אָרדענונג (זעה: נאוואלים), ער בייגט זיך מיט הכנעה פאר דער אויטאָריטעט פונ׳ם קעניג און פון דער קירך, אָבער אין זיינע ריין ליטערארישע שאפונגען איז ער, אין אלגעמיין גערעדט, פּאָליטיש פארבלאָז.

נעמט טיק׳ס סאטירישע קאָמעדיעס. אין זייער אויסער־ליכער פאָרם איז פאראַן עפּיס פון דעם אריסטאָפאַנישען; אָבער זייער סאטירע ווערט קיינמאָל נישט געצילט קעגען וועלכען ס׳איז פּאָליטישען כאראקטער אָדער פּאָליטישער מענדענץ. זי צילט קע־גען דער אויפקלערונג; און פון טיק׳ס ביאָגראף דערוויסען מיר זיך גענוי, וואָס דער פּאָעט האָט געמיינט מיט דעם וואָרט. די פראָמינענטסטע און חשוב׳סטע מענשען פון בערלין — שרייבט קעפּקע — יענע וואָס זענען נאָך געווען די טאָנגעבער פון דער עפענטליכער מיינונג, זענען אין יענער צייט געווען תלמידים פון דעם גרויסען פרידריכ׳ס שול. די הערשענדע מיינונגען פון דעם אכצעהנטען יאָרהונדערט זענען געוואָרן זייער צווייטע נאטור. זיי זענען געווען עטליכע, געוויסענהאפטיגע מענשען, וואָס האָבען זיך אין אלע אָפּטיילען פון אדמיניסטראציע, וויסענשאפט און ליטע־ראטור פאר׳עקשנ׳ט אָפּגעגעבען מיט זייערע פליכטען, און אמאָל מיט אן אויסערגעוויינליכען פלייס. צי זיי זיינען געווען רעגי־רונגס־באאמטע, טעאָלאָגען, לערער, קריטיקער, פּאָפּולערע פילאָזאָ־פען אָדער פּאָעטען, האָבען זיי תמיד געהאט איין צוועק: מאכען

די רעליגיע און די וויסענשאַפט ניצליך, און דערציהען די מענשהייט דורך אויסערליכע תקנות און דינים. אזוי ווי קלאָרקייט און פּאָפּולערקייט איז פאר זיי געווען אלוויכטיג, האָבען זיי נאַטירליך אלצדינג איינגעצויגען און פארפלאַכט לויט איין אַלגעמיינער מאָס פון מיטעלמעסיגקייט. אַ געוויסע אומשולדיגע פּיליסטערישקייט איז געוואָרן זייער אידעאַל, אַ אידעאַל וואָס האָט אויסגעזעהן אָרים און בלוטלאָז, אין פארגלייך מיט דער אַלטער התלהבות פון גלויבען. לעסינג איז געווען זייער נביא, און זיי האָבען זיך איינגערעדט, אַז זיי פאַראייביגען זיין טראַדיציע. מיר קענען לייכט פארשטעהן, אַז זיי זיינען היציג אָנגעפאַלען אויף געטע'ן, וואָס עס האָט אייגענטליך געטאָן לעסינג אַליין, און אַז זיי האָבען פארמאָגט אַ שמאָלען באגריף וועגען דער וויכטיגקייט און וועגען דעם ווערט פון דער פארשטעלונגס־קראַפט. פאר זיי איז אָט די קראַפט בלויז געווען די דינסט פון דער ניצליכקייט, און האָט קיין ווערט ניט געהאַט אחוץ ווי אַן אינסטרומענט צו באַדינען די מאָראַל.

אין טיק'ס ווערק באַגעגענען מיר אומעטום אַ חוזק מאַכען פון דער דאָזיגער מאָראַלישער ליטעראַרישער טענדענץ. נעמט, למשל, זיין „דער קאטער אין שטיוועל“. הינצע, דער קאטער, איז ארוים אויף אַן אָוועגט־שפּאַציר, און איז פארטיפט אין מעלאַנכאָלישע געדאַנקען. ער הייבט אָן זינגען אַ יעגער־לידעל. פון אַ נאָהנטען בוים הילכט אראָפּ דאָס קול פון דער נאַכטיגאַל. „זי זינגט וואונדערבאַר־שעהן, אָט דער משורר פון די וועלדער — זאָגט הינצע — אָבער ווי באַ'טעמ'ט מוז זיין דאָס פלייש איהרס! גליקליך, איבער גליקליך, זיינען די פּני פון דער ערד; זיי קענען אויפעסען אזוי פיל נאַכטיגאַלען און לערכעס, ווי זייער הארץ גלוסט. אָבער מיר פּראָסטע בשר־ודמ'ס מוזען זיך צופריעדענשטעלען מיט'ן געזאַנג, מיט דער שעהנקייט, מיט דער אומבאַשרייבליכער צאַרטער האַרמאָניע. ס'איז שרעקליך! ווען איך זאָל נישט הערען זינגען, וואָלט זיך מיר וועלען איהם אויפעסען.“

אַן אויפרודער קומט פאָר אין גרוב. די חשוב'ע פארזאמלונג איז אנטשטאנען געוואָרן פון דעם קאָטער'ס אומריינעם געדאַנקענגאַנג. הינצע פארגעסט אינגאַנצען די נאַכטיגאַל. אָבער אין דער

רגע גאַלאָפּירט פאַרביי אַ העזעלע; ער כאַפּט עס געשיקט, און באַהאַלט עס אין זיין טאָרבע. זיין כונה איז צו געווינען דעם קעניג׳ס מיטגעפיהל פאַר זיין האַר, שענקענדיג איהם דאָס העזעלע אַלס אַ מתנה. „מיט דער דאָזיגער בריאה — רעדט ער צו זיך אַליין — בין איך אַ מין שני בשני; אָבער אַזוי איז שוין דער מנהג העולם: אַ קרוב קעגען אַ קרוב, ברודער קעגען ברודער!“ און אין דעם מאָמענט באַהערשט איהם אַ שטאַרקער חשק אַליין אויפצועסען דאָס העזעלע, אָבער ער באַהערשט זיין באַגער און רופט אויס: „פּע, הינצע, שעם זיך! איז עס דען ניט דער חוב פון דעם אמת אײדעלען מענשען מקריב צו זיין זיך און זיינע פאַרלאַנגען פאַר דעם גליק פון זיינע מיט־באַשעפענישען? דאָס איז דער צוועק צוליב וועלכען מיר זיינען באַשאַפען געוואָרן, און דער וואָס קען דאָס ניט באַווייזען — אָ, ס׳וואָלט אַ סך בעסער געוועזען פאַר איהם, ווען ער וואָלט גאָרניט געבאָרן געוואָרן!“ ער נעמט געהן אַהיים, אָבער צוליב דעם הילכיגען אַפּלאָז און הילכיגע אויסרופען פון: “דאַ קאַפּאָ!“ (איבער׳חזר׳ן) איז ער געצוואונגען איבערצו׳חזר׳ן די לעצטע רעדע זיינע. ער פאַרנייגט זיך דער־נאָך, און פאַרשווינדט מיט דעם העזעלע. די פאַרזאַמלונג געפינט זיך אין זיבעטען הימעל פאַר שמחה. הינצע׳ס רעדע איז אַזוי ווירקזאַם ווי איינס פון **איפלאַנד׳ס** טיראַדעס.

די סאַטירע אין טיק׳ס „דוימלינג“ („קליינטשיג מענשעלע“) איז אויך פון אַ ליטעראַרישען כאַראַקטער. זי איז געצילט קעגען דער נעאָ־קלאַסישער טענדענץ, און ספּעציעל קעגען געטע׳ן. אַזאַ טעמע, וואָס איז טיילווייז געשריבען געוואָרן אין דעם הערליכען מעטער פון דער גריכישער טראַגעדיע, האָט איהם געגעבען גענוג געלעגענהייטען צו טרייבען לצנות. אַלע באַסירונגען אין די מיטעלאַלטערליכע באָבע־מעשׂות ווערען באַטראַכט פון דעם אַנטיקען־שטאַנדפּונקט. וועגען די זיבען־מייליגע שטיוועל, למשל, לייענען מיר אַזוי: „נעם מיין וואָרט; איך בין גאַנץ זיכער, אַז די דאָזיגע שטיוועל זיינען אַראָפּגעקומען צו אונז פון די אַלטע גריכישע צייטען. קיין מאָדערנער מענש קען אַזעלכע שטיוועל ניט מאַכען: אַזוי שטאַרק, אַזוי פּראַסט, אַזעלכע אײדעלע שטריכען, אַזאַ געשטעפּ! ניין, ניין, דאָס איז **פידיאַ׳ס** אַרבייט, אין דעם ליגט

גאָר קיין ספק ניט. זעה נאָר! ווען איך שטעל אַוועק אָט דעם דאָזיגען אין אזא פּאָזיציע, זעה ווי איידעל ער איז, ווי פּלאַסטיש, ווי גרויסאַרטיג אין זיין איינפאַכקייט! קיין איבערפלעכליכקייט, קיין באַפּוצונגען, קיין גאָטישע ברעקלאַך, קיין סימן ניט פון דעם מאָדערנעם ראָמאַנטישען מיש־מאַש, וואָס פאָדערט אַז די זויל, לעדער, שוף־אויערלאַך, פאַלדען, די באַשוואַרצונג און די לאַקירונג זאָלען אַלע צוזאַמען ארויסברענגען פאַרשידענאַרטיגקייט, בליש־טשענדיגקייט און אַ פאַרבלענדענדיגען גלאַנץ און וואָס איז באמת ניט מעהר ווי אַן איינרעדעניש. אין די היינטיגע צייטען מוז די לעדער גלאַנצען, און די זויל מוז סקריפּען, ווען מ'שטעלט אַ פוס; אַ פאַרפלוכטער שווינדעל פון גראַמען, וועגען וועלכע די גריכען האָבען גאָרניט געוואוסט." עטליכע פון געטע'ס באַליבטע ווער־טער ווערען באַנוצט אין דער באַשרייבונג, וואָס זענען גיכער סאַר־קאַסטיש איידער וויציג.

טיק ברענגט צום שטאַרקסטען ארויס זיין וויציגען שאַרפזין ווען ער דאַרף זיך באַשיצען קעגען דער באַשולדיגונג, אַז ער איז שוין צופיעל סענטימענטאַל. זיין סאַטירע האָט גאַנץ פיין גע־קענט אָנגעווענדט ווערען אויף די מאָדערנע פאַרערער פון פראַס־פער מערימיי. ער נעמט נקמה אָן זיינע קריטיקער דערמיט וואָס ער לייגט אריין זייערע אויסזעצונגען אין מויל פון'ם קאַניבאַל ליידגאַסט, וואָס קומט אהיים, דערשמעקט מענשליך פלייש און באַשליסט אויפצופרעסען צום מאָרגענדיגען אָנבייסען דאָס קליינ־טשיגע מענשעלע, זיינע ברידער און זיינע שוועסטער. ביז דע־מאָלט דאַרף מען זיי האַלטען אין קעמערל. „וואָס וועט אָבער זיין, ווען דיינע אייגענע קדיש'לעך וועלען זיך אויפכאַפּען?" — באַמערקט זיין ווייב. „נו, וואָס קען דען זיין?" — "די פרעמדע קינדער וואָלטען דאַן ניט זיכער געווען מיט'ן לעבען. דיינע אייגענע לעבצען אַזוי נאָך אַ מענשליך שטיקעל פלייש, אַז זיי האָבען פאַר דער לעצטער צייט ממש פּרובירט אויסזויגען מיין אייגען בלוט." — „טאַקע? כ'וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז זיי האָבען דערצו שכל און פאַרשטאַנד." זיין ווייב צעוויינט זיך. „הער אויף מיט אָט דעם סענטימענטאַל־זם, אידענע. איך קען ניט הערען וועגען אַ ווייכהאַרציגער ערציהונג. איך האָב זיי־

שטרענג אָנגעזאָגט ניט צו רעכענען זיך מיט אַזעלכע פּאַראור־טיילען, אַבערגלויבענס, און קעלבערנע התפּעלות. גראָבע, אָבער ניט געפעלשטע נאַטורען, אָט דאָס געפעלט מיר!“

ווי פאַרשידענאַרטיג טיק'ס סאַטירע זאָל ניט זיין, איז זי אָבער תמיד ליטעראַרישע סאַטירע. זי טרעט קיינמאָל ניט איבער די גרעניץ פון ליטעראַטור און לעבען. איפלאַנד און קאָטצעבו, דער באָמבאַסטישער קלאַסישער סטיל און די שמאָל־קעפּיגע פּיליס־טערשע קריטיק, דער טעקסט פון „די צויבער־פליוט“, ניקאָליי'ס רייזע־באַשרייבונגען, אַקאַדעמישער פּעדאַנטיזם און די „ליטעראַ־טור־צייטונג“, זענען זיינע שטענדיגע כפרה־הינדלאַך.

אַטאַקירענדיג די אויפקלערונג און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות דערצו, דערלאַנגט ער אויך צייטענווייז אַן אומדירעקטען קלאַפּ די עקזיסטירענדיגע הערשער. צ. ב. דער קעניג אין „דער קאַטער אין שטיוועל“, וואָס האַלט דעם הויף־וויסענשאַפטסמאַן אויף איין מדרגה מיט דעם הויף־נאַר, וואָס לעבט קשם מיליטערישען פּאַ־ראַד, וואָס האָט ליב אויסצוהערען די אויסגעפונענע ציפערן אין די אַסטראָנאָמישע חשבונות, און וואָס טוט טובות אַלס שכר פאַר אַ באַ'טעמ'ט העזעלע, אָט דער קעניג שטעלט מיט זיך זיכער ניט פאַר דאָס קעניגטום אין שענסטען ליכט. אָבער אַזוינס טרעפט זיך נאָר האַלב צופעליג. אין דער זעלבער פּיעסע ווערט דאָס געזעץ אָנגערופען מיט'ן נאָמען „פּאָפּאַנץ“ (אַ שד), וואָס ווערט שפּעטער פאַרוואַנדעלט אין אַ מויז, קריכט אריין אין מויז־לאָך, און ווערט אויפגעפרעסען פון הינצע'ן, וואָס שרייט אַ ווײַלע שפּע־טער אויס: „לאַנג לעבען זאָל דער דרייפאַכער צושטאַנד!“ אָבער דאָס איז דאָך נישט מער און נישט ווייניגער ווי אַ מוסטער פון אמת'ען ראָמאַנטישען אומזין, וואָס מיינט גאָרניט. דעם איינ־ציגען סימן פון פּאָליטישער סאַטירע געפינען מיר אין טיק'ס ער־שטען ווערק, ה א נ ס ו ו א ו ר ש ט א ן ע מ י ג ר א נ ט. האַנסוואורשט איז ניט קיין אַנדערער ווי דער פּרינץ פון אַרטואַ, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַן אָרימען, נאַרישען עמיגראַנט, און וועלכער מוז רייטען אויף זיין דינער'ס פּלייצע, ווייל ער קען ניט באַצאָלען פאַר אַ פערד. אָבער דאָס דאָזיגע ווערק איז ניט פאַר־עפענטליכט געוואָרן בשעת טיק'ס לעבען.

מיר ווערען ניט נשתומם דערפון, וואָס קאָצעבו'ן איז ניט געלונגען צו פארשעמען טיק'ן פאר שרייבען פּאָליטישע סאטירע. ווען ס'איז איהם, קאָטצעבו'ן, אין 1802 געלונגען זיך אריינצו־כאַפּען אין קעניגליכען הויף, האָט ער פּרובירט נקמה צו נעמען אָן זיין געגנער דערמיט וואָס ער האָט פאַרגעלעזען פאר'ן קעניג די פאראד־סצענע פון צערבינאָ, צוגעבענדיג בשעת מעשה בייז־האַפטיגע אָנצוהערענישען. דער דאָזיגער גאנג אָבער האָט ניט געווירקט, מחמת דער קעניג האָט עס איינגאנצען ניט באמערקט. און טיק איז געווען מלא שמחה, ווייל ער האָט באוויזען אז ער איז אומשולדיג. די דאָזיגע פּיעסע איז אָנגעשריבען געוואָרן אין 1790 אונטער גאנץ אַנדערע אומשטאנדען, און איז לחלוטין געווען באזירט אויף יוגענטליכע איינדרוקען. זיין פרייד איז אויף אזוי ווייט געווען בארעכטיגט, ווייל באַליידיגענדיגע פּערזענליכע סאַ־טירע, קען ניט אריינגעבראכט ווערען אין דער קונסט. פונדעסט־וועגען ווירקט אויף אונז דער אַנעקדאָט אויף א טראַגי־קאָמישען אופן. איין גאָט ווייס, אז די פּאָעזיע איז געווען גאנץ אומ־שולדיג. קיין שום קעניג אָדער רעגירונג האָט ניט געהאט קיין אורזאך באאומרוהיגט צו ווערען פון אזא סאַטירע. צום אומגליק איז אפילו די בעסטע סאַטירישע פּאָעזיע ניט פון דעם סאָרט, וואָס לאָזט יעדען איינעם איבער אומבאַשעדיגט. אריסטאָפאַנ'ס קאָמע־דיעס, מיט וועלכע טיק'ס ליבהאָבער האָבען געדענקט אז מען מעג פארגלייכען דעם לעצטענ'ס קאָמעדיעס, זענען אין א גרויסער מאָס געווען ווייניגער אומשולדיג און אומשעדליך; און די אמת גרויסע סאַטירישע ווערק פון דער לעצטער צייט, אַזעלכע ווי מאַליער'ס „טארטיף" און באָמארשיי'ס „פיגאראָ" פארמאָגען אַלע איין גע־מיינשאַפטליכע כאַראַקטעריסטיק: זייער האַנדלונג קומט ניט פאָר אויף דער לבנה. זיי האַלטען מלחמה מיט עפּעס אַנדערש אחוץ מיט נוצלאָזע פּאָעטען און מוסר השכל'דיגער פּאָעזיע.

דער ראָמאַנטיזם האָט זיך אָבער לאַנג ניט געהאלטען דער־ווייטערט פון לעבען און פּאָליטיק.

דאָס יאָר 1806 איז געווען א קריטישס פאר פּרייסען און דייטשלאַנד.*) דאָס לאַנד איז איינגאנצען געלעגען אין די הענט

*) זעה: רוגע, באַנד 2, ז. 60 און ווייטער.

פון דעם פרעמדען באזיגער. אָבער דאָס איז אויך די אמת'ע אור־זאַך, פארוואָס אַלע גרויסע רעפאָרמען שטאַמען ארויס פון דעם יאָר. די דערנידערונג האָט שוין געהאַט דערגרייכט אזא טיפע־ניש, אז אַן ענערגישער דערהייבונגס־קאַמף איז געוואָרן נויטווענ־דיג. דער מוטיגער באראָן פאָן שטיין האָט אָנגעהויבען ווידער אויפצובויען די פּרייסישע פאָלקס־אינסטיטוציעס; שארנהארסט האָט רעאָרגאניזירט די ארמיי; די ליגע פון די רעגירונגס־אוניווערזיטעטען איז אונטערזוכט געווארען; איין רעזולטאט פון דער לעצטער פאסירונג איז געווען, וואָס פיכטע איז אראָפּגעבראכט געוואָרן קיין בערלין אין 1807. פיכטע'ס קומען קיין בערלין איז געווען מערקווירדיג אין א סך פּרטים. דאָס האָט געזאָלט באַ־ווייזען, אז פון היינט אָן און ווייטער וועט הערשען א גאַנץ נייער גייסט. ווען פיכטע האָט אין 1792 אָנגעשריבען זיין ערשט ווערק „א פארזוך און א קריטיק איבער אַלע אנטפּלעקונגען", האָט ער מורא געהאַט עס ארויסצוגעבען אונטער זיין נאָמען. און ווען ער האָט אביסעל שפּעטער ארויסגעגעבען זיין „כאַדערונג אומצוקערען די פרייהייט פון געדאַנק", האָט ער אפילו ניט געוואָגט אָנצוגעבען די שטאָט, וואו דאָס ביכעל איז געדרוקט געוואָרן. עס איז ארויס־געגעבען געוואָרן אין „העליאפּאָליס" — אויך אַנאָנים. ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרען פון זיין פּראָפעסאָר־שטעל אין יענא אויף דער באשולדיגונג, אז ער איז אַן אַטעאיסט. אָבער אצונד, ווען טאָג פון נויט איז אָנגעקומען, האָט מען זיך פּלוצלונג געווענדט צו איהם, אז ער זאָל אויפטרייסלען די יוגענט פון דייטשלאַנד. ווי ס'איז יעדען באַקאַנט האָבען זיינע "רעדעס צום דייטשישען פאָלק" אריבערגעטראָפען אַלע דערוואַרטונגען. איבערגעבענדיג די דייט־טשישע פאָן אין די הענט פון דעם פארפאָלגטען פילאָזאָף, איז גאָר ניט געווען קיין שלעכטער איינפאַל. בשעת פאר די פענסטער פון דעם בערלינער אוניווערזיטעט האָבען געבלאָזעט די פראנ־צויזישע באַיאָנעטען און די פראנצויזישע פּויקען האָבען פאר־הילכט זיינע ווערטער, איז ער געשטאַנען אינעווייניג און פאר־געטראָגען זיינע אומפארגעסליכע רעדעס, וואָס האָבען געקלונגען אין די אויערן פון דייטשלאַנד ווי דאָס קול פון א וועקער און האָבען געהאָלפען פארטרייבען פונ'ם לאַנד די דאָזיגע פּויקען און

באַיאָנעטען. ווייל פון אָט די לעקציעס האָט ווידער אויפגעלעבט אַן אַלגעמיין און מעכטיג געפיהל. אין די לעקציעס איז פיכטע'ס פילאָזאָפיע געוואָרן אַ מין נאַציאָנאַלע פּאָעזיע. און פאַרוואָס זאָל עס זיך ניט לייגען אויפ'ן שכל, אַז פון דער פּאָעזיע איז אויסגע־וואקסען אַ שטארקאַץ, וואָס האָט אָנגעצונדען אַנדערע פּאָעטישע שטאָרקאצען, ווי קערנער'ס, שענקענדאָרפ'ס, אַרנדט'ס און אַנ־דערע?

די מלחמה צו וועלכער מ'האָט זיך לאַנג צוגעגרייט האָט אויס־געבראָכען אין 1813, און האָט זיך געענדיגט, נאָך כל'ערליי וואַק־לענישען, מיט דער מפּלה פון דער פרעמדער מאַכט. אָבער די „באַפרייאונגס־מלחמה", ווי מ'האָט זי גערופען, אַנטהאַלט אין זיך צוויי מאָמענטען. זי איז געווען אַן אויפשטאַנד קעגען אַ ווילדער טיראַניי, אָבער אַ טיראַניי וואָס האָט אין זיך פאַרקערפּערט אַ סך אידעען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי איז געווען אַ קאַמף פאַר אַ היים און מנוחה, אָבער דורכגעפירט אויפ'ן באַפעל פון די אַלטע דינאַסטיעס. די רעוואָלוציאָנערע טיראַניי איז צו־ריקגעשלאָגען געוואָרען אין די אינטערעסען פון די רעאַקציאָנערע פּרינצען. נאָכמער, אַפּילו אין דער פאַרביסענקייט מיט וועלכער דער קריג איז געפירט געוואָרען, געפינען מיר צוויי אין גרונט־פאַרשידענע עלעמענטען, וואָס זיינען אַזוי ענג צוזאַמענגעמישט געוואָרען, אַז ס'איז פון אָנפאַנג קיינעם ניט איינגעפאַלען זיי פאַ־נאַנדערצוטיילען, וואָס האָבען אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזען זייערע אַנטקעגענגעזעצטע כאַראַקטערען. דער ערשטער עלעמענט איז באַשטאַנען פון האַס צום פראַנצויזישען פאָלק. דאָס איז אַ נאַ־ציאָנאַלער פאַראורטייל, וואָס איז, ווי ס'ווייזט אויס, אויף אַן אומצעטיילבאַרען אופן פאַרבונדען מיט פּאַטריאָטיזם, און וואָס האָט אין דעם פאַל געפירט צו ענטוזיאַזם איבער אַלץ וואָס איז דייטש און צו אַ פאַראַכטונג פאַר אַלץ וואָס איז פראַנצויזיש. דער צווייטער עלעמענט איז באַשטאַנען פון ריינער ליבע פאַר פרייהייט —אַ פעסטער באַשלוס צו געווינען פּאָליטישע אומאָפּהענגיגקייט, צו קעמפען ניט נאָר פאַר דייטשלאַנד'ס וועגען, נאָר פאַר דער גאַנצער מענשהייט, פאַר מענשליכע רעכט און מענשליכע פּריווילעגיעס.

דאָס דאָזיגע צווייפאַכיגע געפיהל געפינען מיר אַפילו אין

פּיכטע׳ס רעדעס. ער האָט ערקלערט, אז נאָר אזא פאָלק, וואָס איז שוין פון לאנג אָן א פאָלק, א פאָלק וואָס האָט באגריפען די טיפ־קייטען פון זיין אייגענער נשמה, פון זיין שפראך, ד. ה. זיך אליין, אז נאָר אזא פאָלק קען ווערען פריי, און באפרייען די גאנ־צע וועלט. „און די דייטשען" — האָט ער צוגעגעבען — „זיינען אזא פאָלק". אין די דאָזיגע ווערטער ליגט פארבאָרגען די טעוו־טאָנישע נאציאָנאלע חוצפה. און דער זאָמען האָט גאנץ שנעל גע־נומען וואקסען. די יונגע און געזונטע ליבע פאר פרייהייט, האָט געפונען איהר אויסדרוק אין טעאָדאָר קערנער׳ס קרעפטיגער לי־ריק. דאָס האָט ער אָנגערירט שילער׳ס ליבע, אָבער דער זשעני פון א נייער ערא האָט אָנגעצויגען איהרע סטרונעס אויף א נייעם טאָן. דער פּאטריאָטיזם פון א צווייטער גרופּע פּאָעטען האָט אָנ־גענומען די פאָרם פון אן ענטוזיאזם פאר דער דייטשישער אימ־פּעריע און פאר א דייטשישען קייזער, ד. ה. אן ענטוזיאזם פאר דעם מיטעלאלטערליכען דייטשלאנד. און די נצחונות פון דער פארגאנגענהייט זיינען געוואָרן זייערע טעמעס. מאקס פאָן שענ־קענדאָרף האָט טרויעריג און בענקענדיג געזונגען וועגען די צייט־טען ווען

„די הויך־אדעליגע פיגורען
האָבען לעבען רהיין שפּאצירט"

און ווען הארצלאָזע אדעל־לייט האָבען רעגירט איבער שטאָט און דאָרף פון זייערע באפעסטיגטע שלעסער. ער האָט געשריבען אָדעס צו די אלטע קירכעס, און האָט מיט א ציטערנדיגער מורא ארומגעוואנדערט צווישען די סקעלעטען פון ריכטער און הייליגע, וואָס זיינען באגראָבען געוואָרען אין די קירכען־שטיבלאך.

איינער פון די בארימטסטע פּאטריאָטישע פּאָעטען איז געווען ערנסט מאָריץ ארנט. פאר ארנט׳ן איז דער האס צו אלצדינג פראנצויזיש געוואָרען א אידעע פיקס. זיין „גייסט פון דער צייט", וואָס דער ערשטער טייל איז ערשינען אין 1806, האָט געהאט א גרויסען איינפלוס אויף די מוחות פון זיינע מיט-בירגער. און בעת ער האָט געשריבען זיינע שטארקע און קרעפטיגע לידער אלס לויב־געזאנג צו דער פרייהייט, איז ער אויך געווען פארנומען

אין אטאקירען די פראנצויזישע שפראך און די פראנצויזישע מאָדעס. ער איז שוין אוועק אזוי ווייט, אז ער האָט פּרובירט איינצופירען נאציאָנאַלע דייטשישע מלבושים. אין דער זעלבער צייט איז יאן, דער באוואוסטער איינפירער פון גימנאסטיק, דער „טורנפאָטער“, ווי ער ווערט גערופען, געווען טיף פארזונקען אינ׳ם געדאנק פארטיג צו מאכען די גאַנצע דייטשישע יוגענט פאר מלחמה דורך פיזישע איבונגען. אין 1811 האָט ער אין האזענהייד, לעבען בערלין, אויפגעעפענט זיין שול פאר גימנאסטיק. אָבער נאָך פריהער האָט ער, פאָלגענדיג ארנט׳ס ביישפּיל, ארויסגעגעבען זאכען אין וועלכע ער האָט אין א קרעפטיגער פלאמענדיגער שפראך פרובירט איינצופלאנצען דעם פאטריאָטישען גייסט. די אַלטע דייטשישע מיטאָלאָגיע און די העראָאישע „זאגאס“, הערמאן און די טויטאָבורגערוואלד„ וואָדאן און די דרואידען, די הייליגע דעמבעס, דער געטליכער פרימיטיווער דייטשישער קריגסמאן אין זיין בריה׳שאפט און מגושמ׳דיגקייט, מיט די צעשויבערטע האָר פאַלענדיג איבער זיינע אַקסלען און מיט א דראָנג אין זיין גיגאנטישער פויסט, זיי אַלע זיינען אויף ס׳ניי דערהויבען געוואָרן צו א חשוב׳ער מדרגה. דייטשישע מגושמ׳קייט האָט, הייסט דאָס, געדארפט פארשטארקען די דייטשישע מאָראַל.

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען, ביז אָט די אלע פאטריאטישע אידעען און אונטערנעמונגען זיינען איינגעשלעפט געוואָרן אין דער דינסט פון דער רעאקציע. מ׳האָט געבעטען ניט פאר דער פרייהייט וואָס מ׳האָט געדארפט געווינען, נאָר פאר דייטשלאנד׳ס פארשוואונדענער פארגאנגענהייט. מ׳האָט אָנגעפאנגען שטודירען די דייטשישע געשיכטע מיט אזא ברען און כויט אזא שארף אויג פאר אַלע ספּעציפיש דייטשישע שטריכען, ווי נאָך קיינמאָל ניט פריהער. מיט די ברידער גרים בראש האָבען זיי זיך א ווענד געטאָן צו דער געשיכטע און גראמאטיק פון זייער אייגענער שפּראך, און פונקט ווי אומעטום, אזוי האָבען זיי זיך אויך אין דעם פּרט אויף א נארישען אָופן פארליבט אין דער פארגאנגענהייט און איז איהר קינדישער נאאיוויטעט. ווי וויכטיג די רעזולטאטען פון די דאָזיגע אונטערזוכונגען זיינען ניט געוועזן פאר דער וויסענשאפט, איז עס אָבער זיכער, אז אין דייטשלאנד האָבען זיי ארויסגעבראכט

עטליכע פון די שטאַרקסטע פרייהייט־שונאים, מענשען וואָס האָבען זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון דער פאַרגאַנגענהייט קעגען דער געגענוואַרט.

די פּאַטריאָטישע און רעליגיעזע פּאַרטייען האָבען זיך איצט שנעל פאַראייניגט. קעגען דער פראַנצויזישער אוממאָראַליטעט פלעגט מען אַרויסשטעלען אַן אייגענאַרטיגע דייטשישע מאָראַל. איצט האָט מען קעגען דעם פראַנצויזישען פרייען גייסט אַרויסגעשטעלט אַן אייגענאַרטיג דייטשיש קריסטענטום. דערפאַר וואָס די רעליגיע פון דייטשלאַנד'ס שונאים האָבען געדינט דעם מענשליכען גייסט מיט זיין קלאָרקייט און פרייהייט, האָט דייטשלאַנד'ס רעליגיע געדאַרפט זיין אַן עקלעזיאַסטיש קריסטענטום מיט זיין אומקלאַרקייט און טיראַנישקייט. זיי האָבען געגלויבט, אַז זיי ווערען וואָס אַמאָל רעליגיעזער. אין דער אמת'ן זיינען זיי וואָס אַמאָל געוואָרען ווייניגער רעליגיעז. ס'איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַ פאַקט וואָס בלייבט פעסט אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער, אַז ניט־רעליגיעז קען זיך אויסדאַכטען איז יענער, וואָס איז אָנגעפּילט מיט דעם גייסט און מיט דער אידעע פון זיין צייט, אַ גייסט און אַן אידעע וואָס איז נאָך ניט אָנערקענט געוואָרן פונ'ם גרויסען עולם, און וועלכער איז אין דער אמת'ן יאָ רעליגיעז; בעת דער וואָס איז אָנגעפּילט מיט דעם גייסט אָדער גלויבען פון אַ פאַרגאַנגענער אָדער אָפּגעשטאָרבענער פּעריאָדע, איז שטאַרק אומרעליגיעז, כאָטש ס'קען זיך אויסדאַכטען, אַז ער איז רעליגיעז, און מען רופט איהם טאַקע אַזוי..

די אומרייפע אינטעלעקטען פון דער „באַפרייאונגס־מלחמה" זיינען אַריינגעפאַלען אין די נעצען פון ראָמאַנטיזם. ס'איז ווערט צו באַמערקען, אַז מענשען וואָס זיינען באַטראַכט געוואָרן אַלס פרייהייט־קעמפּפער, ווי אַרנט און גערעס, האָבען גלייך אָנגעהויבען אַרויסצוזאָגען די אַנטי־ליבעראַלסטע מיינונגען. אַרנט האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אַטאַקע אויף דעם, וואָס ער האָט אָנגערופען אינדוסטריאַליזם, ד. ה. די מאָדערנע אינדוסטריעלע צושטאַנדען אין געגענזאַץ צו דעם אַלטען גילד־סיסטעם, און האָט צום שטאַרקסטען פאַרדאַמט די מאַשינעריע און פּאַרע, וואָס האָבען די מענשליכע פיס באַרויבט פון זייער רעכט (צו געהן), דעם אַרבייטער פון

זיין ארבייט, און די בערג און טאָלען פון זייער באַדייטונג. אזוי ווי ער האָט חשק געהאַט אַז די אַריסטאָקראַטישע רייהען זאָלען זיך מעהר ניט פאַרמערען אין דער צוקונפט, האָט ער געאַרבייט דערפאַר, אַז די נעמען פון יעלע נאָבעל-לייט זאָלען פאַרשריבען ווערען אין א מגילה, אין א „גאָלדען בוך". ער האָט אַגיטירט פאַר ירושה און געבורטס־רעכט באַזיץ אלס די איינציגע זיכערע באַוואָרעניש, אַז די געזעלשאַפט זאָל ניט פאַנאַנדערפאַלען פון א פראָלעטאַרישען שטראָם. גערעס, וואָס האָט א געוויסע צייט נאָך געדענקט די צייטען, ווען ער האָט רעדאַגירט „דאָס רויטע בלאַט", איז צום סוף געוואָרן דער מחבר פון „קריסטליכער מיס־טיציזם", און אזא שרעקליכער רעאַקציאָנער, אַז ער האָט אַטאַ־קירט די פיעטיסטישע פאָליטיק פון פרייסען, טענה'נדיג אַז זי איז ניט פרום גענוג; לעאָ דער צוועלפטער האָט איהם דערפאַר אויס־גערעדט.

די קריסטליך־גערמאַנישע רעאַקציע, וואָס איז געווען איינס פון די רעזולטאַטען פון דער „באַפרייאונגס־מלחמה", האָט גע־פונען זעהר כאַראַקטעריסטישע ליטעראַרישע אויסדרוקען אין א רייהע דערציילונגען פון א נאָבעלמאַן, וואָס האָט זיך באַטייליגט אין דער מלחמה אלס א קאַוואַלעריע־אָפיציר — באַראָן דע לאַ מאָט פוקיי. דערהויפט איז פוקיי באַוואוסט דעם אַלגעמיי־נעם לעזענדיגען עולם דורך זיין גרויסאַרטיג מעשה'לע „אונדינע". אלס מוסטער פון ראָמאַנטישער „נאַטור פּאָעזיע", פון דעם בעס־טען סאָרט, קען זיך די דאָזיגע מעשה נאָך ניט פאַרגלייכען מיט ט י ק'ס „קליינע מענשעלעך". אָבער „אונדינע" איז די אמת איינציגע פיגור וואָס פוקיי האָט באַשאַפען. די סבה פון זיין ערפאָלג אין דעם פאַל, איז אפשר געלעגען אין דעם פאַקט, וואָס ער האָט געשילדערט אַ באַשעפעניש, וואָס איז בלויז האַלב־מענשליך, א האַלבער עלעמענט פון דער נאַטור — א כוואַליע, א שפּרייגאָס, די קילע פרישקייט און ווילדע באַוועגונג פון ים — א באַשעפעניש אָהן א נשמה. ביז „אונדינע" גיט זיך איבער דעם ריטער, געפינט זי זיך אין א געוויסער פאַר'כישופ'טער באַ־ציהונג צום אומרוהיגען ים. זי איז דאָס די, וואָס שליידערט דעם שפּריי־גאָס פון ים קעגען פענסטער, און גיסט איהם אויס

אַזוי שטאַרק, אַז פון דעם האַלב־אינזעל ווערט אַ גאַנצער אינזעל. און דער ריטער בלייבט אַ געפאַנגענער אין דעם פישער'ס כאַטקע. פוקיי, וואָס איז געווען אַ פּאָעט אָבער ניט קיין פּסיכאָלאָג, האָט דאָ געפונען אַ טעמע, וואָס האָט זיך אַקוראַט צוגעפּאַסט צו זיין פאַנטאַזיע איבער דעם דאָזיגען באַשעפעניש; דאָס דאָזיגע באַשעפעניש האָט אויסגעזעהן ווי איינס פון די נאַטור־עלעמענטען, און איז בכן באַשטאַנען פון בלויז איין לעבענס־עלעמענט (מיר ווייסען, אַז שאַפענדיג זיין „קליינע נימפע" האָט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען עס געטאָן לויט'ן מוסטער פון „אונדינע"). אין דער נאַכט פון דער חתונה באַקומט אונדינע אַ נשמה, און פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ דייטשישער אֵשת־חיל — געהאָרכזאַם, ווייכהאַרציג, און סענטימענטאַל. איהר מאַנ'ס גראָבקייט הרג'עט זי אַוועק. גאווה'דיג פאַרדעקט זי דעם שלאָס־ברונעם מיט אַ גוואַלטיג גרויסען שטיין, כדי צו פאַרשטעלען דעם איינציגען וועג דורך וועלכען איהר פעטער, קילעבאָרן, דער וואַסער־גייסט, קען אַריינדרינגען אין שלאָס און נקמה־נעמען אָן איהר. ווען דער ריטער, ניט קוקענדיג אויף דער התראה, פעלשט אין איהר און האָט ווידער חתונה, און זיין שטאָלץ ווייב באַזייטיגט דעם שטיין פון דעם ברונעם, ווערט אונדינע געצוואונגען פון דעם שטרענגען שיקזאַל אַרויסצוגעהן פון זיינע טיפענישען און טויטען איהם מיט אַ קוש. כאָטש די טעמע איז גאַנץ מיטעל־אַלטערליך (פאַקטיש איז זי אַנטנומען פון פאַראַצעלסוס'ען וואָס זיין טעאָריע פון די נאַטור־רוחות שטיצט זיך אויף אַלטע פּאָפּולערע גלויבענס), און הגם אין לויף פון איהר באַאַרבייטונג פאַלט דער שרייבער אַ סך מאָל אַריין אין סענטימענטאַלער פּיעטעט, פונדעסטוועגען דערשפּירען מיר אומעטום אין דער דערציילונג אַ היידנישען עלעמענט, וואָס גיט איהר צו אַ גרויסען חן. אונדינע'ס אָריגינאַליטעט ליגט אין איהר היידנישער נאַטור, ווי זי ווערט געשילדערט איידערמען טויפט זי. אין דער אידעע, אַז אַ נאַטור־גייסט זאָל צונעמען די נשמה פון דעם גוסס מיט אַ קוש, און ניט דער סקעלעט מיט דער קאָסע, אין דער אידעע ליגט עפּעס עכט גריכיש.

אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען פוקיי האָט אין אָט דער דערציילונג פאַרקערפּערט די אָריגינאַליטעט און פעהיגקייט, וואָס

ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער אויך געפלאַנט, אונטער דער השפּעה פון דער גרויסער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, די לאַנגע סעריע ראָ־מאַנען פון ריטער-לעבען, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט „דאָס כישוף-רינגעל״, ערשינען אין 1815. פאַר די ראָמאַנטישע רע־אַקציאָנערן איז „דאָס כישוף-רינגעל״ געוואָרן אַ מין תורה פון באַרג סיני. נאָבעל-לייט און פּריצים האָבן זיך דערקאַנט אין די אַלע ריטער-קליידער, און האָבן זיך דערפרייט מיט דער ערשיי־נונג. פוקיי האָט דאָ אָבער נישט אַרויסגעבראַכט קיין אמת היס־טאָריש בילד. זיין ריטער עפּאָכע איז אַן אויסגעטראַכטע. אין איהר זעהען מיר, ווי סטאַטעטשנע לייט, מיט אַ רייכען יחוס, גאַ־לאָפּירען אויף זייערע פערד מכל המינים און פון אַלע קאָלירען. אויף זיך טראָגען זיי געווער, וואָס שיינט ווי זילבער, אָדער גע־וויסע אַלטע מעטאַלען אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד. אויף זייערע קעפּ —זילבערנע קיווערס, טיילמאָל מיט פעדערן און טיילמאָל אָהן פעדערן, אָדער אייזערנע קיווערס מיט גאָלדענע אדלער-פליגעל פון די זייטען, מיט די דאשיקעס אַראָפּגעלאָזט, אָדער אַרויפגעצויגען. גאַלאָפּירענדיג צעברעכען זיי איינער דעם צווייטענ׳ס שפּיזען, און פונדעסטוועגען זיצען זיי אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען צוגעקאָ־וועט צו די זאָטלען; און ווען זיי פאַלען אַראָפּ, כאַפּען זיי זיך אויף בליץ-שנעל און ציהען אַרויס שווערדען מיט צוויי שאַרפען. די ריטער זיינען שטאָלץ און העלדיש, די געטרייע פּריצים זיינען זיך מקריב פאַר זייערע הארען. די שלאַנקע דעמואַזעלען טיילען אויס די פּריזען אויף די טורנאַמענטען, און ליבען זייערע ריטער אַזוי האַרציג. יעדע זאַך ווערט איינגעשטעלט גענוי לויט די פאַר־שריפטען פון דעם געזעץ-בוך פון ריטערטום.

אַלץ איז קאָנווענציאָנעל. קודם כל דער עקעלדיגער, קרענק־ליכער סטיל, וואָס דאַרף זיין ספּעציעל צוגעפּאַסט צו גלאָריפיצירען די דאָזיגע הויך-געעהרטע געזעלשאַפט. בלויז ביישפּילען קענען דאָס אַרויסברענגען. ווען בערטאַ זיצט ביי אַ טייכעל, זעהט זי איהר אָפּשפּיגלונג אין וואַסער. „בערטאַ איז אַזוי רויט געוואָרן, אַז עס האָט זיך אויסגעדרוקט אַז אַ שטערען האָט זיך אָנגעצונדיען אין וואַסער״. „זיי האָבן געזונגען אַ מאָרגען-ליד אַזוי זיס און אָנגענעם, אַז עס האָט אויסגעוויזען עפּעס אַזוי ווי די לעבעדיגע

וועלט־האַרמאָניעס ציהען די אונטערגעגאַנגענע זון אַז זי זאָל ווידער אויפגעהן". פאַראַן דאָרט גענוג באַפּוצענדיגע אייגענשאַפטווערטער. „דעם יונגלינג'ס נשמה האָט געברענט מיט אַ האַרציגער פאַרוואונדערטקייט". „צוויי קריסטאַל־קלאָרע טראָפּענס זיינען געפאַלען פונ'ם אַלטען ריטער'ס אויגען". גרוים וויכטיגקייט ווערט צוגעגעבען דער שילדערונג פון שעהנע קליידער, געווער און באַפּוצונגען: „עס איז געוועןאַ פאַרגעניגען צו קוקען אויף איהם אין זיין געווער פון טונקעל־סטען בלאָען שטאָל, גרויסאַרטיג געפּאַסט און באַפּוצט מיט גאָלד. שעהן זיינען געוועזען זיינע טונקעל־ברוינע האָר, זיינע פאַרשניצטעוואָנסעס און דאָס פרישע יונגע מויל וואָס האָט געשמייכעלט אונ־טער זיי אַנטפּלעקענדיג צוויי רייהען פערל ווייסע ציין". אַן איי־דעלע דאַמע, וואָס גיסט אויס איהר ביטער האַרץ, נעמט זיך צייט דורכצופלעכטען איהר געשיכטע מיט אַזאַ מין שילדערונג: „אַ צערודערטע האָב איך ארומגעשפּאַנט אין מיין צימער, זיך לחלוטין ניט געוואָלט צוהערען צו די שפּילען צו וועלכע די אַנדערע איי־דעלע דאַמען האָבען מיך פאַרבעטען אין אָווענט, און אומגעדול־דיג האָב איך אָנגעוויזען מיין דינסט זי זאָל אוועקגעהן בעת זי האָט מיך געבראַכט אַ וועגטקע געפּאַסט מיט פערל־מוטער, מיט אַ גאָלדענער ליניע און אַ זילבערנעם האַטשיק". עס איז מאָדנע אַז די איינוואוינער פון אַ וועלט וואו אַלע כלים זיינען, דוכט זיך, געמאַכט פון פערלמוטער, גאָלד און זילבער, זאָלען גלויבען אַז עס איז נויטיג ספּעציעל צו דערמאָנען אַז די מתנה וואָס מען האָט איהר געגעבען איז באַ־שטאַנען פון אָט די אומפאַרגלייכליכע מאַטעריאַלען.

די געפיהלען זיינען פונ'ם זעלביגען מאַטעריאַל: פערל־מוטער און גאָלד באַצויגען. ניטאָ קיין איין אטעם פון אומגע־צוואונגענעם, נאַטירליכען געפיהל, קיין איין האַנדלונג ווערט ניט דיקטירט פון ריינער, ניט דורכגעטראַכטער ליידענשאַפט. אַלע געפיהלען און ליידענשאַפטען זיינען פּונקט אַזוי פאַרזיכטיג אויס־געלערנט ווי די ריטערליכע מלחמה־פערד. מיר ווייסען פאָראויס וואָס עס וועט געשעהן. די ריטער רעדען צווישען זיך און באַ־האַנדלען איינער דעם אַנדערן מיט דער אויסגעצייכענטער העפליכ־

קייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסען. איינער פון זיי לאָזט אומבאַמערקבאַר פאַלען אַ וואָרט (וועגען אַ דאַמע אָדער אַ שפּיזען־געפעכט) וואָס ווירקט אויף אַן אַנדערן אַז ער זאָל איהם אַרויסרופען אויף אַ טויט־קאַמף. ניט ווייזענדיג קיין סימן פון קליינליכען האַס אָדער רוגז, באַוואָפענען זיך די צוויי קעמפער און שפּרינגען אַרויף אויף זייערע שנאָרכענדיגע קריג־פערד. זייערע אכטונג־געבער פאָרמירען זיך אין אַ צירקעל אַרום זיי, האַלטען שטאַרקאָצען אויב עס איז ביי נאַכט, און זיי וואַרפען זיך איינס אויף ס׳אַנדערע און רייסען זיך מיט דער גאַנ־צער קראַפט. ווען איינער פאַלט צעבלוטיגט אויף דער ערד, שפּרינגט דער אַנדערער צו צו איהם און פאַרבינדט זיינע וואונ־דען מיט ברידערליכער צאַרטקייט און מיט פּראַקטיצירטער כי־רורגישער פעהיגקייט, און זייערע כלי זין קלינגען העלדיש. עס איז אַ פאַרזוך צו רעדוצירען דאָס גאַנצע רייכע לעבען פון דער מענשליכער נשמה צו עטליכע קאָנווענציאָנעלע עלעמענטען: ערע, לאָיאַליטעט, איבערגעגעבענע און שטילע ליבע.

צוזאַמען מיט אַט די פיינע געפיהלען געפינען מיר די גרעסטע פאַראַכטונג פאַר אַלץ אַ חוץ פאַר די פּריווילעגירטע קלאַסען. דער העלד, הער אָטאָ, איז אויף אַ מאַסקאַראַדע אין הויז פון זיין פריינד, דעם יונגען סוחר טעבאַלדאָ. אַ גרופּע מאַסקעס ערשיי־נען און גיבען אַ פאָרשטעלונג. אין איינער פון די סצענעס קומט אַרויף אויף דער בינע אַ געפּאַנצערטער קריגער, ער פאַרנייגט זיך פאַר פּלוטוס׳ן, דעם גאָט פון עשירות, און חזר׳ט איבער די פאָל־גענדע שורות:

> "Fur Beulen Silber, Gold fur Blut
> Herr, gieb Dein Gut, so schlag ich gut." *)

„פּלוטוס האָט געהאַלטען ביי געבען אַן אָריגינעלען ענטפער, אָבער אָטאָ פאָן טראָטוואַנגען האָט זיך אויפגעהויבען מיט כעס, אַרויסגעלייגט זיין האַנט אויף זיין שווערד און אויסגערופען:

*) זילבער פאַר ביילען, גאָלד פאַר בלוט
גיב, גאָט, מיר דיין ברכה, דאַן שלאָג איך זיך גוט.

„יענער שווינדלער איז אַ חרפּה פאַר זיין געווער, איך וועל עס באַווייזען אויף זיין קאָפּ אויב ער וועט האָבען דעם מוט מיך צו באַגעגענען". האַלב אַמוזירט און האַלב דערשראָקען, האָט די גע־זעלשאַפט געשטאַרט אויף צאָרנדיגען יונגען ריטער. דערווייל האָט טעבאַלדאָ מיט כעס אַוועקגעשיקט די דערשראָקענע מאַס־קעס און אָנגעבייזערט זיך אויף זיי צוליב דער נידעריגקייט פון זייערע פּאַסקודנע ערפינדונגען און זיי פאַרבאָטען נאָכאַמאָל אַרי־בערצוטרעטען זיין שוועל. באַלד דערנאָך האָט ער, אַ רויטער פון בושה, זיך אומגעקערט צו אָטאָ'ן, און מיט פיין־געקליבענע, העפ־ליכע ווערטער האָט ער געבעטען זיין גאַסט אַז ער זאָל איהם ניט באַשולדיגען דערפאַר וואָס דער געמיינער באַנדע איז איינגעפאַ־לען צו חנפה'נען דעם רייכען סוחר דורך אַ ש ע נ ד ל י כ ע ן פ אַ ר ג ל י י ך צווישען זיין פאַך און דער כלי זין פּראָפעסיע". אין זעלביגען אָוועגט באַגעגענט אָטאָ אין זיין קרעטשמע אַ געווי־סען הער אַרכימבאַלד, און עס פאַלט איהם איין דער געדאַנק זיך צו בייטען מיט זייער געווער „וואָס, מיר דוכט, מיר קענען גאַנץ פריי טון, וואָרים מיר זיינען ביידע פונ'ם אַלטען הויך־דייטשישען העלדישען וואוקס". פאַר זיין זילבערנעם פאַנצער־מאַנטעל באַקומט אָטאָ אַ שוואַרצען. אַ פולשטענדיגע ענדערונג קומט אין איהם פאַר נאָך דער בייטעניש פון געווער. יואַב רופט אין אונז ניט אַרויס קיין התפּעלות ווען מיר דערמאָנען זיך יואַסער וויכטיגע ראָלע קליידער שפּילען אין דער גאַנצער זאַך. אין דער אמת'ן זיינען די דאָזיגע ריטער ניט קיין סך מעהר ווי אָנגע־שטאָפּטע פאַנצער־קאָסטיומען. זיי מאַכען אַן איינדרוק אַזוי ווי די רייטענדיגע פיגורען אויף די באַוואָפענטע הילצערנע פערד, וואָס מען זעהט אין לאָנדאָנער טורעם אָדער אינ'ם גרויסען דרעז־דענער געווער־אַרסענאַל.

אַ באַשרייבונג פון אָטאָ'ס ערשטען צוויי־קאַמף גיט אונז אַ באַגריף וועגען דעם אומגעווינליכען איינפלוס וואָס ווערט צוגע־שריבען צו קליידונג. זיין געגנער, הער הייערדייגען טראָגט אַ פאַרזשאַווערטען פאַנצער־קאָסטיום, און זיין פ אַ ר ז ש אַ ו ו ע ר ט קול שרייט אויס אונטער'ן האַלטער פון זיין פ אַ ר ז ש אַ ו ו ע ר־ ט ע ן קיווער: „בערטאַ! בערטאַ!" און פון אָטאָ'ס ז י ל־

ב ע ר נ ע ם קיוועך שטייגט אין ז י ל ב ע ר נ ע טענער דאָס געשריי: „גאַבריעלע! גאַבריעלע!” בעת אַטאַ קומט צוריק צו טעבאַלדאָ׳ן אין זיין נייעם פּאַנצער־קאָסטיום, זעהט ער אויס אַזוי פיעל שענער און מענליכער, אַז דער יונגער סוחר — וואָס האַלט גראַד איצט אין מעסטען טייערע סחורות אין זיין לאַגער־הויז — שעמט זיך כמעט צו ערשיינען פאַר איהם. „דערמאָלט האָט אַטאַ פון טראַוטוואַנגען אויפגעהויבען זיין דאַשיק. טעבאַלדאָ איז צוריקגעפאַלען האַלב דערשראָקען אויסרופענדיג: „אוי גאָט, וויפיעל חשב׳ער דו זעהסט אויס אפילו זינט נעכטען. און דאָ מוז איך שטעהן פאַר אייך מיט אַ מאָס־שטעקעלע אין מיין האַנט!” בעת מעשה האָט ער דערלאַנגט אַ וואָרף זיין מאָס־שטעקעלע אויף אַ זייל און זי צעבראָכען אויף שטיקלעך. זי איז געווען געמאַכט פון העלפאַנטביין און גאָלד, און זיינע דינער האָבען בלויז געקענט גלויבען, אַז דאָס האָט פּאַסירט דורך אַ צופאַל.” זיי סטאַרען זיך צו טרייסטען זייער בעל הבית, אָבער ער הערט זיך צו זיי ניט צו; זיין איינציגער פאַרלאַנג איז איצט אויפצוגעבען זיין סוחר׳־ישע פּראָפעסיע און קענען נאָכפאָלגען אַטאַ׳ן ווי זיינס אַ באַליי־טער. קען מען דען ניט עפּעס זעהר ענליכס צו דעם באַמערקען היינט צו טאָג אין די געגענזייטיגע געפיהלען און האַלטונגען צווי־שען אַ פריסישען קאַוואַלעריע אָפיציר און אַ פריסישען סוחר?

די דאָזיגע ליטעראַטור איז אין דער אמת׳ן אַ ליטעראַטור פאַר קאַוואַלעריע אָפיצירען. די פערד זענען די איינציגע באַ־שעפעגישען אין בוך, וואָס זייער פּסיכאָלאָגיע איז פּוקיי׳ן געלונגען צו דערגרונטעווען, און דאָס איז געשעהן צוליב דער זעלביגער אור־זאַך צוליב וועלכער ער איז געווען ערפאָלגרייך מיט אודינ׳ען, ד. ה. עס איז עלעמענטאַרע פּסיכאָלאָגיע. אין די ראָמאַנען פון אונזער דענישען שרייבער, אינגעמאַנ׳ען שפּילען די מילך־ווייסע פּאַראַד־פערד און די שטאַל־באַקליידטע שוואַרצע קריג־פערד אויך וויכ־טיגע ראָלען. ווען ער ווייזט אונז דעם הויכען געריכט־באַאמטען אָנגעטאָן אין אַ רויטען מאַנטעל מיט הערמעלינענע ברעגעס און אַ וויים־באַפעדערטען הוט, רייטענדיג אויף אַן אייזען־גרויען אָגער און זיין שוואַרץ ברוינער דינער שטעהט לעבען איהם האַלטענדיג די צוים פון אַ פלינק, לעבעדיג נאַרוועגיש פערדעלע, דערמיט האָט

דער שרייבער אויסגעשעפּט זיין גאַנצע פעהיגקייט פאַר כאַראַק־טער־צייכענונג. אין דער שילדערונג פונ׳ם הויכען אייזען־גרויען אַגער, אין דעם פלינקען נאַרוועגישען פערדעלע, האָבען מיר לע־בעדיגע פּאָרטרעטען פונ׳ם הויכען געריכט־באַאמטען און זיין דינער.

געננוי דאָס זעלביגע קומט פאָר מיט פוקיי׳ן. ער שילדערט הער פּאַלקאָ׳ס פערד ווי אַ דין־האַלדזיגען, לייכט־פוסיגען, זילבער גרויען אַגער. „אויף אַ סיגנאַל פונ׳ם רייטער קומט ער צו צו גאַבריע־לע׳ן און בייגט איין די פּאָדערשטע פיס, דערנאָך שפּרינגט ער אין דער לופט און דרעהט זיך אַזוי שנעל צוריק אויף זיין אָרט אַז עס דוכט זיך אַז ער פליהט, און די גאָלדענע גלעקלעך פון זיין געשפּאַן קלינגען אוים אַ זיסע מוזיק. ער שטעהט אבסאָלוט שטיל און גע־האָרכזאַם, ער דרעהט בלויז זיין שעהנעם קאָפּ, וואס איז באַדעקט מיט אַ רייכען צודעק, און קוקט ליב און פאַרוואונדערט אויף זיין בעל הבית, אַזוי ווי ער וואָלט געפרעגט: „האָב איך גוט געאַר־בייט?״ — גאַלאַנטקייט, ערען־געפיהל, לאָיאַליטעט! איז דען עפּעס מעהר פאַראַנען אין די ריטער אַליין?

„הער ארכימבאַלד׳ס פערד האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ מאָד־נעם קאָנטראַסט. באַדעקט מיט ווייסען שוים, אויפשטעלענדיג זיך, בריקענדיג, עס האָט זיך געדוכט אַז עס געהט צעברעכען די זיל־בערנע קייט ביי וועלכע צוויי וועכטער האָבען עס צוגעהאַלטען מיט זייער גאַנצען כח. זיינע אויגען האָבען געברענט אַזוי גליהענדיג אַז מען וואָלט זיי ווירקליך געקענט פאַרגלייכען צו ברענענדיגע שטאָרקאַצען, און מיט׳ן רעכטען פאָדערשטען פוס האָט עס גע־דראַפּעט די ערד, אַזוי ווי עס וואָלט גראָבען אַ קבר פאַר די שונאים פון זיין בעל הבית״. — געוואַגטע העלדישקייט, אַ הייסער פאַרלאַנג צו שלאָגען זיך, אומבאַגרענעצטער כח! איז דען מעהר ווי דאָס פאַראַנען אין די ריטער?

הער אָטאָ׳ס פאָטער גיט איהם אַ מתנה אַ פערד. „דער יונגלינג, בעת ער לויפט אַראָפּ זעהט ער אַן עולם וועכטער אַרום אַ העל־ברוין פערד מיט אַ גאָלדענעם צודעק. „זעץ זיך אַרויף, זאָגט דער פאָטער, און פּרוביר אוים צו אַזאַ׳ן איידעל באַשעפעניש איז וויליג צו זיין דיין אייגענטום.״ דער יונגער אָטאָ פאָן טראַוט־וואַנגען האָט דעמאָלט — קאָנטראָלירענדיג דאָס פערד מיט אַ שטאַר־

קער האַנט — עס געפירט אויף אַזאַ'ן אופן, אַז די סאָלדאַטען, וואָס זענען געשטאַנען פאַרגאַפט, האָבען מיט זיכערקייט געפיהלט, אַז דאָס טייערע פערדל דערקענט זיין באַשערטען בעל הבית, און אַז אינ'ם ריטער'ס שליטה איבער איהם מוז ליגען עפּעס אַ מאָדנע באַדייטונג. הער אַטאָ איז אַראָפּ פון זיין פערד און זיך אַריינגעוואַרפען אין זיין פאָטער'ס אָרעמס. דאָס קריג־פערד האָט געשנאָרכט און ווילד געבריקעט אַנטקעגען די צוהאַלטער וואָס האָבען עס אָנגעכאַפּט ביים צייטעל, און אַוועקרייסענדיג זיך פון זיי, האָט עס נאָכגעפאָלגט זיין יונגען בעל הבית און ליבליך אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיינע אַקסלען." — אומבאַזיגבאַרקייט! ביז דער באַשערטער בעל הבית — דער, וואָס מען פיהלט אַז זיין איינפלוס אויפ'ן האַרצען האָט אַ „מאָדנע באַדייטונג" — ערשיינט, און פון דער רגע אָן הערשט אַן אַבסאָלוטע איבערגעגעבענקייט און די צאַרטסטע ליבע! איז דען עפּעס נאָך, איז דען עפּעס אַנדערש פאַראַנען אין פוקיי'ס יונגער דאַמע פון דער הויכער מדרגה?

צוליב דער שולד פונ'ם ים־קעניג אַרינבייערן פאַרלירט אָטאָ, אין אַ קריטישען מאָמענט, זיין געליבטע און דעם צויבער רינג. אַרינבייערן טראָגט זיך רייטענדיג אויף אַן איינזאַמען וועג. אַ ווילדער אָגער קומט אָן אין גאַלאָפּ און פאַלט אָן מיט צאָרן אויפ'ן ים־קעניגס פערד און וואַרפט איהם אַנידער איידער דער רייטער קען אַראָפּשפּרינגען פון זאָטעל. אַ צאָרניג פערד בריקעט אומ־ברחמנות'דיג ביידען, דעם מענשען און דאָס פערד, וואָס ליגען איינס אויף ס'אַנדערע. ווען מיר ווייסען אַז די פאָלגענדע ווערטער אָטאָ'ס באַציהען זיך אויף אַזאַ קלוג און איבערגעגעבען פערד ווי זיינס איז, וואונדערן מיר זיך ניט אַזוי שטאַרק, ווי עס וואָלט פאָרגעקומען אין אַן אַנדער פאַל. „די קאָליר פון מיין פערד מאַכט אַז עס זאָל מיר ספּעציעל טייער זיין. די דאָזיגע העלע ברוינקייט איז אין מיינע אויגען אַ מלאכיש שעהנע קאָליר. מיין מוטער, עליה השלום, האָט געהאַט העל ברוינע אויגען, און אַזוי ווי דער גאַנצער הימעל האָט פון זיי אַרויסגעקוקט, האָט די דאָזיגע קאָליר מיר תמיד אויסגעוויזען ווי אַ גרוס פון הימעל."

דערמיט ענדיגט זיך די פּסיכאָלאָגיע פונ'ם ריטערליכען ראָמאַן — די פּסיכאָלאָגיע פונ'ם פּריץ אָדער די פּסיכאָלאָגיע פונ'ם

פערד, רופט עס ווי איהר ווילט. אין דער שילדערונג פון די ריטער וואָס קומען פון אַלע עקען פון דער וועלט, באַגרענעצט זיך „דער צויבער רינג”, ווי גאָטשאַל באַמערקט טרעפליך, אויף די פונדאַמענטאַלע טיפען פון דער מענשהייט און די קאָלירען וואָס די זון ברענגט אַרויס — מיר קענען אונטערשיידען צווישען אַ מורין און אַ פינלענדער. נאָך אָט דעם בוך זיינען ערשינען אַ סך אַנדערע פון זעלביגען סאָרט, דאָס באַקאַנטסטע פון זיי איז „די עקספעדיציע פון טיאָדאָלף דעם אויסלענדער”. אַ פריהערדיג ווערק פוקיי'ס האָט פאָראויסגעזעהן טיאָדאָלפ'ן, דאָס איז די גרויסע טרילאָגיע „דער העלד פון צפון”, וואָס באַשטעהט פון „זיגורל דער שלאַנגען־מערדער”, „זיגורד'ס נקמה”, און „אַזלאַוגע”. „דער העלד פון צפון” איז געווידמעט פיכטע'ן, און עס איז קלאָר אַז די באַגייסטערונג איז געקומען פונ'ם ענטוזיאַזם וואָס ער האָט דערוועקט פאַר די אַלטע צייטען אין דייטשלאַנד, און פאַר אַלץ וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאַציאָנאַל. די דריי ליריש־טעאָרעטישע „לייען־דראַמעס” וואָס שטעלען צונויף דאָס ווערק זענען געשריבען אין אַ יאַמבישען מעטער; און וואו די שפּראַך איז באַזונדערס איינדרוקספול און פייערדיג, ווערען באַנוצט קורצע שורות, און די כונה פונ'ם ריטעם און דער אַליטעראַציע איז צו דערמאָנען דעם אַלטען צפונ'דיגען מעטער. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז כמעט דער זעלביגער ווי דער איינדרוק פון יענע אָפּערעס פון וואַגנער'ן וואָס באַהאַנדלען די לעגענדעס פון צפון.

דער פערז, כאָטש טיילמאָל אַ געמאַטערטער, קלינגט אין אַלגעמיין גוט, די סענטימענטען זענען איידעלע און ריטערליכע, די גרויסקייט וואָס ווערט געשילדערט איז איבערמענשליך, כאָטש אינגליש, דאָס ליכט איז ניט דאָס ליכט פון טאָג. די קערפּערליכע גבורה און דאָס געדולד פונ'ם העלד איז אומגעהייער. ער צעשפּאַלט אַ קאָוואַדלע מיט איין קלאַפּ; ער קלעטערט אַרויף אויף דער דרויסענדיגער וואַנט פון אַ הויכען טורעם, און ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין העכסטען פענסטער־פליגעל און געזעהן אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט זעהן, שפּרינגט ער לייכט צוריק אַראָפּ. אינטעלעקטועל איז ער שוין ניט אַזוי ווּאונדערבאַר.

וועגען אָט דער דראַמאַטיזירטער באַהאַנדלונג פון דער „פאָל־

סונג סאַגאַ" שרייבט היינע: „זיגורד דער שלאַנגען־מערדער" איז אַ גייסטרייך ווערק וואו די אַלטע סקאַנדינאַווישע סאַגאַ, מיט איהרע ריזען און איהר צויבער" שפּיגעלט זיך אָפּ. דער העלד, זיגורד, איז אַ מעכטיגע פיגור. ער איז אַזוי שטאַרק ווי די נאָרוועגישע פעלזען שפּיצען און אַזוי ווילד ווי דער ים וואָס שלאָגט זיך אָן זיי אָן. ער האָט דעם מוט פון הונדערט לייבען און די חכמה פון צוויי אייזלען". די דאָזיגע לעצטע באַמערקונג קענען מיר אָנווענדען אויף פוקיי'ס אַלע ריטערליכע פיגורען. זיי זענען נאַציאָנאַלע פּאָרטרעטען, ווי די פון וועלכע מיר לייענען אין ברענטאַנאָ'ס דערציילונג „די מיירערן ווימילער", יענע ניין און דרייסיג אונגאַרישע טיפּען, וואָס דער אַרטיסט האָט געמאָלען איידער ער איז אַוועק קיין אונגאַרן, און פון יעדער האָט זיך שפּעטער אויסגעקליבען זיין אייגענעם פּאָרטרעט. אין אַרנים'ס און ברענטאַנאָ'ס שריפטען איז יעדע זאַך ספּעציאַליזירט און כאַראַקטעריסטיש, סיי די מענשען סיי די סיטואַציעס; דאָ איז אַלץ פּאַראַלגעמיינערט. אַ קעניג איז אַלעמאָל אַ העלד אָדער אַ בינע־קעניג; אַ קעניגין איז אָדער טונקעל און חוצפּה'דיג אָדער איידעל און בלאָנד, א. אַ. וו. א. וו. דער אַלגעמיינער טיפּ איז דאָ פעסטגעשטעלט; די אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטיקעס פון די „נאַציאָנאַלע פּאָרטרעטען" ווערען צוגעגעבען שפּעטער.

דער נאַציאָנאַלער טיפּ אונטערשיידט זיך, נאַטירליך, לויט'ן לאַנד. אין דענמאַרק, אונטער פרידריך דעם זעקסטען איז דער ריטערליכער ראָמאַן פּאַטריאַטיש און לאָיאַל. אין דייטשלאַנד, נאָך דער „באַפרייאונג מלחמה", איז ער פּאַטריאַטיש און אַריסטאָקראַטיש. אין „צויבער רינג" לייענען מיר: „דער פרעמדער האָט זיך אַ סך אנגעזעהן די וועלט, אָבער ער איז פאַרבליבען אַן אמת'ער, פרומער דייטש; נאָך מעהר, ער איז עס געוואָרען טאַקע אין פרעמדע לענדער; ווייל די ווייטקייט האָט פאַר איהם אַנטפּלעקט וואָסער רומפול לאַנד דאָס אַלטע דייטשלאַנד איז".

איןביידע לענדער איז די פּאָליטישע טענדענץ פונ'ם ראָמאַנטיזם די זעלביגע.

קאפיטעל 17.

ראמאנטישע פאליטיקער.

דער „ריח פון הייליגקייט"; געדעס דער רעוואלוציאנער; זיין שפעטערע רעליגיעזיטעט און זיין קאמף אנטקעגען פראטעסטאנטיזם; געגען און זיינע סימפאטיען מיט דער פראנצויזישער רעוואלוציע; זיין שפעטערע חרטה; זיין צעלאזען לעבען; זיין פריינטשאפט מיט מעטערניכ'ן; די כאראקטעריסטיק פונ'ם ראמאנטיזם פון פארשידענע לענדער.

אין זיין „קריסטיליכען מיסטיציזם" (2 , 39) דערציילט אונז געדעס אז איינס פון די באמערקבארסטע כאראקטער־שטריכען פון א קערפער וואס האט, דורך ווידער־אויפלעבונג, דערגרייכט די העכסטע הארמאניע, איז דער ריח וואס ער גיט פון זיך ארויס. „פונקט ווי א שלעכטער גערוך איז א סימן פון א קראנק און צערודערט ארגאניש לעבען, אזוי אנטפלעקט זיך די אינווייניגסטע הארמאניע דורכ'ן ריח וואס גיט זיך ארויס. דערפאר איז דער אויסדרוק דער ריח פון הייליגקייט באין אופן ניט בלויז קיין פיגוראטיווער. ער נעמט זיך פון אהן א שיעור פעסט־באגרינדעטע פאקטען וואו א זיסער ריח האט ארויסגעשטראמט פון מענשען וואס האבען געפירט א הייליג לעבען". און ער ציטירט א סך באשטעטיגטע ביישפילען דערפון.

אויב געדעס איז גערעכט — און איך וואג ניט קיין שום צווייפעל אויף געדעס'עס באהויפטונג — האבען די מענשען, צו וועלכע איך וועל, צום שלום, ריכטען מיין אויפמערקזאמקייט אויף א ווײלע, געדארפט ארויסאטעמען זעהר א שמעקעדיגען ריח, ווייל דאס זענען מענשען מיט וועלכע סיי ער און סיי די קירך זענען געווען גאנץ צופרידען. אלץ וואס פעלט איצט צו פארפולקאמען די ראמאנטישע גרופע, איז א כאראקטעריסטיק פון דער גרופע, וואס האט אריבערגעטראגען די פרינציפען פון ראמאנטיזם פונ'ם

ליטעראַרישען פעלד אינ'ם פראַקטישען לעבען און פּאָליטיק. געדעס'ן אַליין קען מען נעמען ווי אַ פאָרשטעהער פונ'ם ראָמאַנטישען עקלעזיאַסטיציזם, און פרידריך גענצ'ן ווי דעם אַלזייטיגסטען און אינטערעסאַנטסטען פון די אמת'ע פּאָליטיקער.

יאָזעף גערעס איז געבוירען געוואָרען אין דער רהיין געגענד אין 1776. ער איז געזעסען אויף דער זעלביגער שול-באַנק צוזאַמען מיט קלעמענס ברענטאַנאָ'ן. אין דער צייט ווען די פראַנצויזישע אַרמייען האָבען אריינגעדרונגען אין דייטשלאַנד האָט איהם די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין גאַנצען פאַרכאַפּט. אפילו איידער ער איז נאָך אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט, איז ער געוואָרען אַ מיטגליעד פון אַ יאַקאָבינער קלוב אין זיין געבורטס שטאָט קאָבלענץ, זיך אויסגעצייכענט מיט איינשטעלען זיך פאַר די פרייהייט-אידעען, און אין „די רויטע צייטונג” האָט ער געגעבען דער דייטשישער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי אַן אָרגאַן. ער האָט פאַראַכט די פאַרגאַנגענהייט, פראַנקרייך איז געווען פאַר איהם דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, און די איבעריגע וועלט — דאָס קעניגרייך פון שקלאַפעריי.

בעת די פראַנצויזישע אַרמיי איז אריין אין רוים, אין 1798, האָט גערעס הויך אויסגעדריקט זיין פרייד מיט'ן נצחון איבער דער שטאָט און דעם פאַלען פון דער וועלטליכער מאַכט פונ'ם פּאַבסט. ער שרייבט אין זיין „רויטע צייטונג”: „מיר וועלען אַראָפּרייסען די מאַסקע פונ'ם עקלעזיאַסטיציזם, און אריינפירען און פאַרשפּרייטען נייע אידעען אומעטום. אויך מיר האָבען געשוואָרען אייביגע שנאה צום גלח'טום און מאָנאַכענטום, און אַרבייטען פאַר דער טובה פון פאָלק. אין דער זעלביגער צייט אַרבייטען מיר פאַר די מאָנאַרכען דורך דעם וואָס מיר באַווייזען זייער אומניצליכקייט און העלפען צו באַפרייען זיי פון דער רעגירונג משא.”

זיין סטיל איז יוגענדליך געוואַגט און וויציג, אַן עכט דעמאַגאָגישער און זשורנאַליסטישער סטיל. אָבער אין זיין שפּאָט דערקענט מען אַ געוויסען פאַנאַטיזם, וועלכער, פונקט ווי יעדער פאַנאַטיזם, איז וויכטיג צוליב דער מעגליכקייט פון אַ פולשטענדיגער איבערקערעניש. ווען די פאַרהאַנדלונגען פונ'ם ראַשטאַטער קאָנגרעס האָבען געמאַכט אַז מען זאָל לייכט קענען פאָראויסזעהן

אז מען וועט אפשאפען די דריי גייסטליכע קורפירשטען, דעם בי־שאָף־אמט, די קלויסטער־משגיחים, א. א. וו. האָט גערעס אנאָנ־סירט אין זיין צייטונג אונטער׳ן קעפעל „צו פארקויפען" די פאָל־גענדע סחורות: „א פולע לאָדונג זריעה פונ׳ם פרייהייט־בוים, וואָס פון זיינע בלומען מאכט מען די בעסטע בוקעטען פאר פרינ־צען און פרינצעסינס. . . 12,000 מענשליכע בהמות, גוט דרעסיר־טע, וואָס קענען שיסען, שניידען און צילעווען, דרעהען זיך לינקס און דרעהען זיך רעכטס. א זעלטענע לערע פון צוועלף יאָר מיט׳ן שטעקען און מיט דער בייטש האָט זיי געבראַכט דערצו אז זיי וועלען זיך לאָזען שיסען אויף טויט פון זייער בעל הבית און אפילו ניט קיין וואָרטשע טון. . . דריי קורפירשטליכע יאַרמעלקעס פון פיין געפארבטע פעל פון פופלאָקסען. די ביקסען וואָס געהערען צו די זעלביגע זענען געלאָדען מיט בליי, עס ליגען אין זיי שווער־דען און זיי זענען דעקאָרירט מיט קינסטליכע שלאַנגען. נאָט׳ס אויג וואָס געפינט זיך פון אויבען איז בלינד."

אין דעצעמבער 1799 האָבען די פראַנצויזען צום צווייטען מאָל פארנומען מייענס. ווען די נייעס האָט דערגרייכט קאָב־לענץ, האָט גערעס געשריבען זיין נצחון־ליד איבער׳ן פאלען פון דער רוימיש־דייטשישער אימפעריע:

„דריי אזייגער נאָכמיטאָג פונ׳ם 30טען דעצעמבער 1799, דעם טאָג פונ׳ם אריבערגאַנג איבער׳ן רהיין, איז די הייליגע רוימישע אימ־פעריע, אָן אייביג נארישע ערינערונג, רוהיג געשטאָרבען אין הוי־בען עלטער פון 955 יאָר, 5 חדשים און 28 טעג; די סיבה פונ׳ם טויט איז געווען אפאָפלעקציע און פולשטענדיגע אויסגעשעפטקייט, אָבער דער בארימטער נפטר איז אוועק מיט׳ן פולען באוואוסט־זיין און געטרייסט מיט אלע סאַקראַמענטען פון דער קירך. . . דער נפטר איז געבוירען געוואָרען אין ווערדון, אין יוני 842 (843). בעת ער איז געבוירען געוואָרען האָט א קאָמעט, אָן אַנזאָגער פון אומגליק, געברענט אין צעניט.*) דאָס אינגעל איז אויפגעצויגען געוואָרען אין די הויפען פון שארל דעם פשוט׳ן, לואי דעם קינד,

---

*) דער פונקט אין הימעל, וואָס איז דירעקט איבער׳ן קאָפּ.

און זייערע נאָכפאָלגער. . . אָבער זיין נייגונג צו אַ רוהיג לעבען צוזאַמען מיט אַן איבערפלוס פון רעליגיעזען פייער האָט אָפּגע־שוואַכט זיין קאָנסטיטוציע, וואָס איז שוין אַזוי אויך געווען שוואַך. . . און אַרום דער עלטער פון 250, אין דער צייט פון די קרייצצוגען, איז ער געוואָרען היבשליך שוואַכזיניג", א. א. וו. א. וו.

גערעס טרעפט דאָ אָן דעם טאָן וואָס מיר הערען ווידער, מיט אַ דור שפּעטער, אין בערנע'ס „בריף פון פּאַריז".

מיט פאַראַכטונג עפּענט ער די צוואה פונ'ם נפטר, לויט וועל־כער די פראַנצויזישע רעפּובליק ירש'ענט דעם לינקען ברעג פון רהיין, און זיין עקסעלענץ, גענעראַל באָנאַפּאַרט, ווערט באַשטימט אַלס דורכפירער.

דאָס איז געווען גערעס'עס שטורמישע יוגענד־צייט. אַרום דעם יאָר 1800 האָט ער גענומען זיך צוריקציהען פון אַקטיווער פּאָליטיק, אַ באַזוך אין פּאַריז האָט איהם געהיילט פון זיינע סימ־פּאַטיען מיט די פראַנצויזען. ער איז נאָך אָבער אַלץ פאַרבליבען אַ וואַרימער פּראָגרעסיסט, און פאַר קיין זאַך האָט ער זיך ניט אַזוי געשראָקען ווי פאַר אומקערען זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס וואָלט געמיינט אַ דערדריקענדיגע טיראַניי (נאָך גרויזאַמער צוליב אַ לאַנגער אָפּוואַרטונג און טיילווייז באַרעכטיגט צוליב די עקזיסטירענדיגע אומשטאַנדען), די ווידעראויפלעבונג פונ'ם גלחימ'טום און אַ קאָמבינירטע פּאָליטישע און רעליגיעזע רעאַק־ציע. די אונטערדריקונג פון אַן אויסלענדישער מאַכט האָט דער־וועקט זיינע פּאַטריאָטישע געפיהלען. אין היידעלבערגער אוני־ווערזיטעט איז ער אריינגעטראָטען אין זיין ראָמאַנטישער פּע־ריאָדע. ער האָט פאַרגעטראָגען איבער דער טבע פון פּאָעזיע און פילאָזאָפיע, געוואָרען ענטוזיאַסטיש איבער'ן „ניבעלונגענליד", שטודירט אַלט דייטשישע געשיכטע, פּאָעזיע און לעגענדעס. ער האָט באַגעגענט זיין אַלטען שול־פריינט, קלעמענס ברענטאַנאָ'ן, געוואָרען אינטים מיט אַרנימ'ען און געקומען אין באַריר מיט טיק'ן און די ברידער שלעגעל און גרים. אין היידעלבערג האָט ער אַרויסגעגעבען זיינע „קינדער מיטען", „די דייטשישע פאָלקס־

ביכער", און זיין זאַמלונג פון אַלט דייטשישע פאָלקס־לידער און מייסטער־לידער.

ניט בלויז דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל האָט די ראָמאַנטישע באַוועגונג דערוועקט אין גערעס'ן, זי האָט אין איהם אריינגעבראַכט כמעט פונקט אזא שטאַרק געפיהל בנוגע קאָסמאָפּאָליטיזם, און אונטער אָט דעם איינפלוס האָט ער גענומען שטודירען פּערסיש, א שפּראַך וואָס איז ביז דעמאָלט געווען פאַרנאַכלעסיגט, און, כמעט אָהן הילף, האָט ער אין איהר דערגרייכט אזא הויכע מדרגה, אז עס האָט זיך איהם איינגעגעבען ארויסצוברענגען א פיינע פּראָזע איבערזעצונג פון פירדוסי'ס עפּישער פּאָעזיע.

אין 1818 איז ער אוועק קיין בערלין אַלס וואָרטפירער פון א דעפּוטאַציע פון דער שטאָט קאָבלענץ. ער האָט דרייסט געפאָדערט פון קעניג אויסצופירען די הבטחות פון א קאָנסטיטוציע, וואָס איז געגעבען געוואָרען בעת דער באַפרייאונג מלחמה, און דער לוין פון זיין געוואַגטקייט איז געווען חרפּות און בושות און עטליכע יאָר גלות.

ביז 1824 איז גערעס אַלץ כסדר געווען, אין אַלגעמיין גענומען, דער ראָמאַנטישער פּאַטריאָט. פון דעם יאָר ביז זיין טויט אין 1848 איז ער דער פאָרקעמפער פאַר דער קלעריקאַלער רעאַקציע. אין זיין „דייטשלאַנד און די רעוואָלוציע" (1820) איז זיין נייגונג צום קאַטאָליציזם שוין קלאָר; דאָרטען כאַראַקטעריזירט ער די רעפאָרמאַציע ווי א „צווייטער אראָפּפאַל".*) ער האָט זיך אריינגעטון אין שטודירען די געשיכטע פון מיטעלאַלטער און גענומען באַטראַכטען די קירך אַלס די איינציגע קראַפט וואָס איז פעהיג געהעריג צו פאַרטיידיגען די פרייהייט פון פאָלק פון די אָנפאַלען פונ'ם אַבסאָלוטיזם. אין א קורצער צייט ארום האָט ער, אונטער ברענטאַנאָ'ס און ראַנץ גאַדער'ס איינפלוס, גענומען גלויבען אין זעהונגען און איז געוואָרען פאַנאַטיש רעליגיעז. אין דער צייט האָט קלעמענס ברענטאַנאָ — פונקט ווי אַפּאָלאָניוס פון טיאַנאַ אין די אַלטע צייטען — אויסגעאיבט א שטאַרקען איינפלוס

*) דעם מאָמענט ווען אדם און חוה האָבען געגעסען דעם עפּעל, רופט מען אָפט „דער אַראָפּפאַל פונ'ם מענשען". — איבערזעצער.

אויף אַ דור וואָס איז געווען גענייגט צו טעאָלאָגישע לוקסוסען; און מאַדאַם דע קרידענער האָט געהאַלטען אין גרינדען די „הייליגע אַליאַנץ."

שוין אין 1826 דערקלערט זשאָזעף דער מעטער אַז גערעס, אַלס שרייבער פון „דער קאַמף פון דער קירכען-פרייהייט מיט'ן שטאַט-דעספּאָטיזם פון דער קאַטוילישער שווייצאַריען", האָט זיך אָנגענומען פאַר דער קירך מיט זשעני און גערעכטיגקייט, און דאָך מיט מעהר דרייסטקייט און ווירקזאַמקייט ווי דאָס איז ווען פריהער געטון געוואָרען. אַזאַ ליוב פון אַזעלכע ליפּען איז עפּעס ווערט; נאָך מעהר, עס איז אַ סימן אַז מיר האָבען דערגרייכט דעם פּונקט וואו דער דייטשישער ראָמאַנטיזם גערט איבער אין דער פראַנצויזישער, אָדער בעסער, אַלגעמיין אייראָפּייאישער, רעאַקציע.

אין 1827 האָט גערעס פאַרעפענטליכט אַ ווערק וואָס אַ אינטערעסאַנט ווייל עס איז אַ פאָרשפּיל צו זיין „מיסטיציזם". דאָס איז „עמנואל סוועדענבאָרג, זיינע זעהונגען און זיין שייכות צו דער קירך."

אין 1833 האָט זיך קלעמענס ברענטאַנאָ געצויגען קיין מינכען וואו גערעס האָט זיך שוין געהאַט באַזעצט. די אַלטע שול חברים האָבען זיך נאָכאַמאָל באַגעגענט, און ברענטאַנאָ'ס איינפלוס אויף גערעס'ן איז געווען גרויס. ברענטאַנאָ האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען אַן אָבערגלויבערישען פאַנאַטיזם. אפילו שעלינג'ס נייע אַנטפּלעקונג-פילאָזאָפיע איז פאַר איהם ניט גענוג פרום געווען. רעדענדיג מיט עטליכע יונגע טעאָלאָגען האָט ער אויסגערופען: „עס האָט קיין נוצען ניט זי צו ליובען פאַר מיר; איין טראָפּען פון הייליגען וואַסער איז מיר טייערער ווי שעלינג'ס גאַנצע פילאָזאָפיע". אַלע מעמאָראַנדומס פון קאַטאַרינאַ עמעריכ'ס זעהונגען און השתפכות הנפש האָט ער געבראַכט מיט זיך קיין מינכען. אינ'ם עוואַנגעליום האָט ער זיך ניט גענויטיגט. דורך איהר האָט ער געלערנט מעהר פון קריסטוסעס פסוקים און וואַנדערונגען איידער עס געפינט זיך אין די הייליגע שריפטען. די הייליגע האָט אפילו אַנטפּלעקט פאַר איהם אַ פּאַלעסטינישע מאַפּע. גערעס איז באַלד געוואָרען אַ שטאַרקער גלויבער אין נסים און מיטען, פּונקט ווי ברענטאַנאָ. צווישען 1836 און 1842 האָט ער געשריבען פיר

בענדער פון זיין „מיסטיציזם", דאָס משוגענסטע בוך וואָס דער דייטשישער ראָמאַנטיזם האָט ארויסגעבראַכט.

וואָס מעהר גערעס האָט אריינגעדרונגען אין די מיסטעריעס פון כישוף און צויבעריי אַלץ מעהר איז ער אַליין געוואָרען פאַנאַ־טיש און מאָדנע. ער האָט געגלויבט אז ער האָט א דיבוק. איין מאָל האָט ער זיך באַקלאָגט אז דער טייוועל, זייענדיג אויפגערעגט דערפאַר וואָס ער האָט זיך געמישט אינ׳ם שטנ׳ס ענינים, האָט גע׳גנב׳עט איינעם פון זיינע מאַנוסקריפּטען; מען האָט איהם אָבער שפּעטער געפונען אין זיין ביכער שאַנק.

ווען עס האָט אין קעלן אויסגעבראָכען דער רעליגיעזער טור־מעל, איז גערעס ארויסגעקומען אַלס וואָרטפירער פון די אול־טראַמאָנטאַניסטען אין זייער ויכוח מיט׳ן פּרייסישען מיניסטער־יום. זיינע ליידענשאַפטליכע אָנפאַלען אויפ׳ן פּראָטעסטאַנטיזם זענען געווען געפּאַסט אין א ביבלישער שפּראַך — זיינע געגנער זענען געווען א גזע פון שלאַנגען, דער פּרייסישער שטאַט האָט גע־האַט אין זיך א בייזען גייסט, א. א. וו. דעם דאָזיגען ספּעציעלען טייוועל שילדערט ער ווי א שרעקליכען שד „וואָס אויב מען רופט איהם טוט מען איהם אָן צופיעל כבוד"; ער איז, זאָגט ער, די נשמה פונ׳ם טייוועל, וואָס, אין דער פּרייסישער ארמיי פון דער צייט פון אונזערע זיידעס, האָט ער געהאַלטען די בייטש וואָס האָט געשלאָגען זיבען פּלייצעס אויף א מאָל.

גערעס האָט געוואונען די באַוואונדערונג פון גראַף מאָנטאַ־לעמבער, דעם פירער פון די פראַנצויזישע קאַטאָליקען, צוליב זיי־נע פּאָלעמישע קונצען. אין קאַטוילישען דייטשלאַנד האָט מען איהם געהאַלטען פאַר׳ן פּאַטער פון דער קירך און איהם גערופען „דער קאַטוילישער לוטער". איהם איז געלונגען אריינצוציהען די ביירישע רעגירונג אין דער באַוועגונג; מען האָט דערלויבט די אָפּאָנענטען פון דער פּראָטעסטאַנטיש פּרייסישער רעגירונג צו פאַרעפענטליכען פריי אין דער ביירישער פּרעסע זייערע געמאַ־טערטע ארטיקלען, און גערעס האָט געהאָפט אז ביירן, אַלס א וויכטיגע קאַטוילישע קראַפט, וועט זיך אָפען אָנשליסען אָן דעם קאַמף.

פאַר איהם איז קיין אויסדרוק פון פּאָליטיש רעליגיעזען פאַ־

נאַטיזם ניט געווען צו ווילד. ער איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז ער האָט דערקלערט אַז די רעגירונג, דורך דעם וואָס זי דערלויבט געמישטע חתונות, צווינגט די קאַטוילישע עלטערן אויפצוהאָדעווען „צוויפּאַכיגע ממזרים", — און דאָס האָט ער געזאָגט ניט קוקענדיג אויפ'ן פאַקט וואָס דער בייערישער קעניג איז געווען א זוהן פון א פּראָטעסטאַנישער מוטער און האָט חתונה געאַט מיט א פּראָטעסטאַנישער פרוי.

אין דער צייט פון'ם היציגען ויכוח בנוגע דער עכטקייט פון קריסטוסעס מאַנטעל וואָס איז געבליבען אין טריר, איז גערעס געווען צופרידען מיט'ן ערפאָלג פון'ם עולה רגל זיין קיין טריר, וואָס איז אויפ'ן שטעל אָרגאַניזירט געוואָרען און וואו ניט ווייניגער פון א מיליאָן רייזלענדער האָבען זיך באַטייליגט כדי אויפצורעגען די פּראָטעסטאַנטישע קירך. פאַר איהם איז דאָס דאָזיגע עולה רגל זיין „דער נצחון פון דער זיגענדיגער קירך". דעם אַרגומענט אַז דער הייליגער מאַנטעל קען ניט זיין קיין עכטער, ווייל עטליכע אַנדערע פלעצער האָבען געהאַט ענליכע מאַנטלען, האָט ער אוועקגעמאַכט אַנווייזענדיג אויפ'ן נס פון די ברייטלעך וואָס האָבען זיך פאַרמעהרט ווי עס ווערט דערציילט אין נייעם טעסטאַמענט*).

פרידריך פאָן גענץ האָט אַריינגענומען אין דער פּראַקטיק פון דער פּאָליטיק די ראָמאַנטישע ליטעראַרישע טעאָריע אַז פאָרם איז לחלוטין אומאָפּהענגיג פון אינהאַלט. מיר האָבען גערופען קלייסט'ן דעם דייטשישען מערימיי; צוליב עטליכע סיבות וואָלט מען געקענט רופען גענצ'ן דעם דייטשישען טאַלעראַן. אין זיינע רייפע יאָרען וואָלט ער, ווי מעטערניך, געקענט אויפשרייבען אויף זיין פּאָרטרעט „נאָר ניט קיין פּאַטאָס!" ער איז די סאַמע פאַרקערפּערונג פון דער ראָמאַנטישער איראָניע, דער פאַרקערפּערטער גייסט פון „לוצינדע". ער יוערט אבער ניט קיין טיפּישע פיגור ביז איבער פערציג, איז א צייט ווען א פּעריאָדע פון דיפּלאָמאַטישער טעטיגקייט איז געקומען נאָך רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישען און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, די צייט ווען דאָס פּאַס־וואָרט איז געווען רעאַקציע, ד. ה. רוהיגקייט, רוהיגקייט ווי פיעל נאָר זאָל ניט

*) Sepp *Gorres und seine Zeitgenossen, Nordlingen*, 1897.

קאָסטען, דאָס אויסלעשען אַלע אייראָפּעאישע שרפות, און רוה, טיפע רוה פאַר די קראנקע, די מידע און די וואָס ווערען געזונט; ווען פונקט ווי אין א קראַנקען־צימער דער גרויסער צוועק איז כּמילא געוועזן פּטור צו ווערען, אַזוי שטיל ווי מעגליך, פון די רוה־שטערער און ניט דערלאָזען קיין גערויש און קיין טומעל. „גענוג, זאָגט גאָט־שאַל, האָט פאַרשטאַנען אריינצוגעבען אין די אפיציעלע אויסגאַבען דעם אומבאַשרייבליכען גלאַנץ, די קלאַסישע גלאַטקייט, די אליטפּי־שע חשיבות וואָס, אַזוי ווי דאָס מזל פון שטערבליכע רירט זיך צו איהר ניט צו, דערלאָזט זי ניט אַז דער מינדסטער טראָפּען נעקטאַר און אמבראזיא זאָל זיך אויסגיסען פונ׳ם בעכער פון די געטער, כאָטש אָהן א שיעור בלוט מעג זיך גיסען אין דער וועלט אינטען. די דאָזיגע ספּעציעלע האַלטינג לייכט פאַרבייצוגעהן די קלענערע קלעפּ א דאַנק וועלכע פעלקער זיינען צעריסען געוואָרען אויף שטיק־עך, האָט צוגעגעבען א מילד און פריינדליך געשטאַלט צו דער דעס־פּאָטישער טאַקטיק פון יענער צייט. מען האָט בלויז געהערט א בלאָז, ניט קיין באַריכט; עס איז געוועזן א שטילע שחיטה פון דער לופט ביקס".

איבערפלעכליך האָט זיך אויסגעוויזען אַז מען האָט פאַרטיידיגט לעגיטימיסטישע**) פּרינציפּען, אבער אין דער אמת׳ן זיינען זייערע פאַרטיידיגער ניט געווען קיין לעגיטימיסטען ווען זייערע אינטערעסען האָבען געפאָדערט דעם היפּוך. אין זיי זיינען פאַר־ווירקליכט געוואָרען געטע׳ס ווערטער: „קיינער איז ניט אזא לע־גיטימיסט ווי דער וואָס קען זיך אליין לעגיטימיזירען". די זאַך פאַר וועלכער גענץ האָט געאַרבייט איז געוועזן א שלעכטע זאַך, אבער דער וואָס אַרבייט פאַר א שלעכטער זאַך איז אינטערעסאַנט אויב ער פאַרמאָגט א וואונדערבאַרען טאַלאַנט און גענץ איז געוועזן א, אומגעוויינטליכער טאַלאַנט. פאַרהאַגען האָט געזאָגט וועגען איהם: „נאָך קיינמאָל איז דאָס שטויב פון דייטשישער גע־לערנטקייט ניט אויפגערודערט געוואָרען מיט מעהר גלאַנץ; מען האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזען קיין לומדות מיט אַזוי פיעל נוצען".

**) דאָס גלויבען אין דער באַרעכטיגטער אויטאָריטעט פון א מאָנאַרך.

פרידריך פאָן גענץ איז געבוירען געוואָרען אין ברעסלאו אין 1764. זיין פאטער און מוטער האָבען געהערט צום מיטעלקלאס. זיין שפּעטערדיגע הויכע פּאָזיציע אין דער געזעלשאפט איז געקומען בלויז א דאנק זיינע אייגענע פעהיגקייטען. אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט האָט ער זיך ערנסט גענומען שטודירען קאַנטס פּילאָזאָפיע, און אין דער זעלביגער צייט האָט ער אנטוויקעלט אן ענטוזיאסטישע פּלאַטאָנישע פריינדשאפט פאר אן אומגליקליכער, יונגער פארהייראטער פרוי, עליזאבעט גראון. אין 1786 איז ער אוועק קיין בערלין, געקריגען א רעגירונג שטעלע, און חתונה געהאט, צוליב מאטעריעלע נוצען, מיט א טאָכטער פון א הויכען באַאמטען פון דעפּארטאַמענט פון פינאנץ. ער איז אוועק אויף א וועג פון אומגעצאמטער צעלאָזענקייט, און זיך באטייליגט אין אלע נארישע פארגעניגענס פונ'ם הויף, „וואו אן עקעלדיגע געזעלשאפט פון בעל תאוות און היפּאָקריטישע פרויען האָבען ארומגערינגעלט דעם אלטען קעניג פרידריך ווילהעלם II“.

בינו לבינו האָט איהם געפּאקט די פראנצויזישע רעוואלוציע. לכתחילה האָט זי איהם אנגעצונדען מיט יוגענדליכען ענטוזיאזם. „אויב אָט די רעוואלוציע פאַלט דורך — האָט ער געשריבען — וואָלט איך עס באטראכט ווי איינס פון די גרעסטע אומגליקען וואָס האָט זיך אנגערוקט אויף דער מענשהייט. זי איז דער ערשטער פּראקטישער נצחון פון דער פילאָזאָפיע, דער ערשטער ביישפּיל פון א רעגירונג פאָרם וואס שטיצט זיך אויף פּרינציפּען און אויף אן איינהייטליך סיסטעם. זי איז א האָפענונג און א טרייסט פון דער מענשהייט, וואס קרעכצט אינטער אזוי פיעל אלטע איבלען. ווען די דאזיגע רעוואלוציע פאַלט דורך, וועלען אָט די איבלען זיין נאָך אומהיילבארער ווי פריהער. איך קען מיר פארשטעלען גאנץ קלאָר ווי די שטילקייט פון א פארצווייפלונג וואָלט געזאגט, אויף להכעיס דעם שכל, אז מענשען קענען זיין גליקליך בלויז אלס שקלאפען, און ווי אלע טיראנען, גרויסע און קליינע, וואָלטען אויסגענוצט די דאָזיגע שרעקליכע ווערטער זיך נוקם צו זיין פאר דעם פּחד וואס זיי האָט פאראורזאכט דאָס אויפוואכען פון פראנצויזישען פאָלק“.

אבער די שרעקען וואס די פראנצויזישע רעוואלוציע האָט מיט זיך געבראכט, האָט געמאכט אז ער זאל ענדערן זיין מיינונג. ער

איז פּלוצלונג געוואָרען א הייסער פאַרטיידיגער פון די גוטע אַלטע צייטען. דער צוועק פון זיין לעבען איז געוואָרען צו באַקעמפּפען די הערשאַפט פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג און די נאַרישקייטען פון די מאַסען. ער איז ניט בעהיז געווען צו זעהן אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דעם נויטיגען פועל יוצא פון יאָר הונדערטען פול מיט שלעכטס און צאָרן. ער האָט געהאַלטען אז די אורזאַך פון איהר הפקרות איז געווען קאַלטער פאַרשטאַנד — א כאַראַקטעריסטיש ראָמאַנטישע טעאָריע.

אין פונדאַמענט פון דער דאָזיגער ענדערונג איז ניט געווען קיין שום ווירקליכע ענדערונג. די „רעכט פון דער מענשהייט" וואָס ער האָט אַזוי וואַרים פאַרטיידיגט אין זיין אָפּהאַנדלונג „איבער'ן אורשפּרונג און הויפּטפּרינציפּען פון רעכט", האָט איהם איצט אויסגעוויזען אַלס וויכטיג בלויז פאַר שטאַטסלייט אַלס „עלעמענטאַרע צוגרייטענדיגע לימודים". עס האָט זיך איהם גע־דוכט אז די טעאָריע פון די דאָזיגע רעכט זיינען כמעט אין דער זעלביגער באַציהונג צו שטאַטסמאַנשאַפט ווי די מאַטעמאַטישע טעאָריע פון געוואָרפענע קערפּער צו באַמבע־וואַרפעריי. און איצט, דורך פאַמעליכע מדרגות, קומט ער צום ענגהערציגען בליק אז ניט דאָס פאָלק נאָר די רעגירונג איז די הויפט קראַפט אין שטאַט. ער האַלט אז די מיטאַרבייטערשאַפט פון פאָלק אין געזעצגעבונג איז בלויז א פאָרמאַליטעט; די פרייהייט האָט זיך איינגעשרומפּען אין א ווילליגער, צופרידענער אונטערטעניגקייט.

די באַציהונגען מיט ווילהעלם פאָן הומבאָלט, און דער איינפלוס פון די עסטעטישע טעאָריעס פון יענער צייט אויף דער נויטיגקייט פון האַרמאָניע צווישען פּריוואַטען און עפענטליכען לעבען, האָט אביסעל ווייכער געמאַכט די שטרענגקייט פון די דאָזיגע פּרינציפּען, און די ענגלישע קאָנסטיטוציע איז געוואָרען געגנצעם אידעאַל. ווען פרידריך ווילהעלם II איז אַרויף אויפ'ן טראָן, האָט ער בפירוש געפיהלט אז ער מוז צושמעלען א פּעטיציע צו זיין מאַיעסטעט וואו ער האָט פון איהם פאַרלאַנגט אין א בלומענדיגער שפּראַך אז ער זאָל געבען פרעסע פרייהייט — טאַקע יענע פרייהייט וואָס, אין עטליכע יאָר אַרום האָט ער געשילדערט אַלס דעם קוואַל פון אַלע איבלען. דער לאַיאַלער געטע איז נשתומם געוואָרן פון

אַט דעם פּארזוך „צו צווינגען“ דעם הערשער, און ווען דער קעניג האָט ניט גענומען אין אכט די בקשה, האָט גענץ גלייך די זאַך אָפּ־געלאָזען, און געטאָן וואָס ער האָט נאָר געקענט זי צו באַגראָבען און פארגעסען. פון דער צייט אָן איז ער געווען ענגלאַנד'ס א באַ־צאָלטער מענש. מען קען ניט זאָגען אז ער האָט זיך פארקויפט, אבער ער האָט כסדר גענומען א היבשען געלט לוין פאר זיין פּאָ־ליטישער טעטיגקייט אין די אינטערעסען פון ענגלאנד. און גענץ האָט געדארפט האָבען געלט. ער האָט געשפּילט אויף גרויסע געלט־סומעס, און געלעבט שטענדיג א צעלאָזען און הולטייאיש לעבען מיט אַקטריסעס און באַלעט טענצערינס. טיילמאָל פלעגט דאָס איבערגעריסען ווערען דורך אָנפאַלען פון עקסטרעמער סענטימענ־טאַליטעט, און דעמאָלט האָט ער, ווי ער שרייבט, געלעבט „א צו־פרידען, אבער אלץ נאָך א „ווילד לעבען“ מיט זיין אייגען ווייב. אין אפּריל 1801 באמערקט ער אין זיין טאָג־בוך „שטארק גערירט אי־בער'ן טויט פון א הונט“. בעת א באזוך אין ווייטאר, וואו ער האָט באַגעגנט די ליטעראַרישע באַרימטקייטען פון יענער צייט, האָט ער זיך איבער'ן קאָפּ פארליבט אין דער פּאָעטין אמאַליע פאָן אימ־האָף, און פעסט באשלאָסען ביי זיך צו פירען א בעסער לעבען. אָבער ווי נאָר ער קערט זיך אום קיין בערלין שרייבט ער: „רע־זולטאט פון מיינע ווייטאר באשלוסען — דעם 23טען דעצעמבער האָב איך פארלוירען אין אזאַרט שפּיל אלץ וואָס איך האָב פאר־מאָגט“. א שטיקעל צייט האָט ער אלץ אין איינעם געשריבען בריף פון זעקס אדער אכט בויגען צו אמאליע פאָן אימהאָף; דערנאָך האָט ער זיך משוגע פארליבט אין דער אַקטריסע קריסטעל אייגענ־זאַץ און פארגעסען אָן אלעם איבעריגען. „איצט בין איך שוין אין גאַנצען משוגע“, שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך. בינו לבינו פאר־לאָזט איהם זיין ווייב און ווענדט זיך נאָך א גט. דעם אָווענט ווען זי פארלאָזט איהם נעמט גענץ שפּילען „דרייסיג און פערציג“ בכדי צו פארגעסען די אומאַנגענעמקייט. ווען בערלין איז צוליב פיעל סיבות געוואָרען ניט ליב, נאָך מעהר, אוממעגליך, האָט ער אנגענומען דעם פאָרשלאַג פון אן עסטרייכישער רעגירונג שטעלע אין ווין. דאָ האָט ער ביסלעכווייז אויפגעגעבען יעדע אומאָפּהענ־גיגקייט און געוואָרען מעטערניך'ס א שרייבער.

אָבער בעת דאס האָט פאסירט האָט גענץ געהאט זיין צייט פון גרויסקייט. די גלייכגילטיגקייט מיט וועלכער די ווינער האָבען זיך צוגעפּאסט צו פראנצויזישער אויבערהערשאפט, צו מפּלות און דערנידערונגען אָהן א סוף, האָט אויפגעוועקט די גאנצע ענערגיע און דעם זשעני וואס ער האָט פארמאָגט. דער ברענענדיגער האס צו נאַפּאָלעאָנען, וואס האָט איהם באגייסטערט, האָט אויף א קורצער צייט — בעת דייטשלאנד'ס אומגליק און טיפער נידערגעשלאָגענקייט — פון איהם געמאכט א דעמאָסטען פון דייטשישען פאָלק. אָבער דאָס, וואָס ער האָט אזוי ליידענשאפטליך געגאַרט איז געווען אומאפּהענגיגקייט, ניט פרייהייט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען אז די גאנצע רעוואלוציע איז קאָנצענטרירט אין נאַפּאָלעאָן'ען. אנטקעגען איהם וואָלט ער זיך ניט געקווענקעלט צו באנוצען אפילו אזא מיטעל ווי אן אטענטאט. ער האָט געשטרעבט מיט אלע זיינע כחות דורכצופירען א פאראייניגונג צווישען די דייטשישע כוחות און אויפצורעגען דאס דייטשישע פאָלק. אבער זייענדיג געטריי זיין כאראקטער האָט ער ווינציגער אפּעלירט צום פאָלק ווי צו די עטליכע אויסדערוועהלטע, וואס אין זייערע הענט, ווי איהם האָט זיך געדוכט, ליגט דעם פאָלק'ס שיקזאל. זיין הקדמה צו די „ליטעראַרישע פראגמענטען", זיינע מאניפעסטען און קריג פראקלאמאציעס זיינען געשריבען מיט א קרעפטיגער ליידענשאפט, אין א פליסיגען, בלומענדיגען דאָך פעסטען סטיל, וואו די רעטאָרישע געצוקטקייט ווייזט קיינמאָל ניט ארויס קיין שלעכטען געשמאק. אפילו די מפּלות פון אולם און אויסטערליץ האָבען איהם ניט אנטמוטיגט; אבער מיט טיפער דערשלאָגענקייט האָט ער באמערקט די צרה'דיגע באדינגונגען אין פרייסען פאר דער יענא'ער שלאכט. בעת יאָהאנעס פאָן מילער און אנדערע, אויף וועלכע ער האָט זיך פארלאָזען, האָבען דערלאזען אז נאַפּאָלעאָן זאָל זיי חנפה'נען און געווינען אויף זיין צד, איז גענץ געבליבען ניט גערירט און פעסט. אינ'ם בארימטען בריף צו מילער'ן ווינקט ער אָן אויף א שניידענדיגען אופן אויף יענע „וואס זייער לעבען איז א כסדר'דיג אונטערגעבען זיך". אבער ווען עסטרייך האָט אויפגעגעבען דעם קאמף, און, ווי עס טרעפט בכלל אין אזעלכע פאלען, אויסגעלאסענקייט און פארגעניגען זוכעניש איז געשטיגען פראָפּאָרציאָנעל צו די

מפלות און די דערנידערונגען וואס דאס לאנד האט געליטען, האט עס אויך געגנצ'ן באלד פארכאפט אין ווילדען קעסעל פון נארישע־וואטע תאוות, אזוי אז אין זיינע שרעקליכע פינאנציעלע שוועריג־קייטען האט ער זיך אנגעכאפט אן א פריינדשאפט מיט מעטער־ניכ'ן אט ווי דער וואס טרינקט זיך כאפט זיך אן א שווערט. טא־לעראן האט מעטערניכ'ן גערופען „שוואכלינג פאליטיקער", ווייל ער האט קיינמאל ניט געזעהן ווייטער פון זיין צייט, און א בארימ־טער רוס האט איהם גערופען „פאלירט שטויב", — דער איינפלוס פון אזא מענשען איז ניט געווען קיין גליקליכער.

פון דעמאלט אן באקלאגט ער זיך כסדר אין זיינע בריף אויף „אזא גייסטיגער אויסגעמאטערטקייט, נידערגעשלאגענקייט, לייי־דיגקייט און גלייכגילטיגקייט". וואס ער האט נאך ביז איצט ניט געפיהלט און זיך ניט פארגעשטעלט, און וואס ער באשרייבט טרעפ־ליך ווי א „מין אינטעלעקטועלע שווינדזוכט". ער רופט זיך „פאר־דאמט אפגעלעבט". „גלויבט מיר, שרייבט ער צו ראהעל'ן, איך בין פארדאמט אפגעלעבט. איך האב אזוי פיעל געזעהן און גענא־סען פון דער וועלט, אז איהר אפגארערישער גלאנץ און איהרע בא־לוינונגען באאיינפלוסען מיך מעהר ניט". „קיין זאך באגליקט מיך ניט; איך בין קאלט, אפגעלעבט, האב אלץ פיינט, דורכאויס אי־בערצייגט אז כמעט יעדער איז א נאר, צופיעל זיכער אין מיין — ניט חכמה — נאר דורכדרינגליכקייט, און אינערליך בין איך טייוו־ליש צופרידען וואס די אזוי־גערופענע גרויסע טאטען קומען צו אזא לעכערליכען סוף". ער איז געווארען אזוי גלייכגילטיג, אז נא־פאלעאנ'ס מפלה, וואס ער האט פריהער אזוי היים געגארט, האט ניט דערוועקט אין איהם קיין טיפער געפיהל ווי דאס דערמאנטע. „איך בין געווארען אלט און שלעכט", איז ער זיך מודה מיט א ליב־ליכער חוצפה, וואס דערמאנט אונז אן פרידריך שלעגעל'ן, און וואס האט איהם קיינמאל ניט פארלאזען.

ארום דער צייט האט איהם אהן אויפהער גענומען פייניגען די מורא פאר'ן טויט; ער פארשרייבט כסדר אין זיין טאג־בוך גענוי אויף ווי ווייט דאס געפיהל מאטערט איהם. זיינע בריף ווייי־זען ארויס אלע שוואכקייטען פון א נערוועאישער פרוי. באזונ־דערס לעכערליך איז זיין קא־עספאנדענץ מיט אדאם מילער'ן. ער

לאָזט קיינמאָל ניט פארגעסען; אז זיי האָבעןביידע מורא פאר א דונער. אבער אפילו א בריף איז אפט מעהר ווי גענץ קען פאר־טראגען. ער שרייבט צו מילער'ן: „אייערע בריף צערייסען מיינע צאַרטע נערוועןʼ. זיין מורא פאר'ן טויט האָט על פי רוב אנגע־נומען די פאָרם פון א מורא אז מען וועט איהם הרג'ענען. נאָך דעם ווי זאַנד האָט געמאכט אן אַטענטאט אויף קאָצעבו'ן, האָט זיין שרעק, אז אויך ער קען פאלען אלס א קרבן פונ'ם האס פון דער דייטשישער יוגענד, דערגרייכט אזא מדרגה, אז דער אָנבליק פון א שאַרף מעסער איז טיילמאל געווען גענוג, אז ער זאל חלש'ן. אין 1814 שרייבט ער צו ראַהעל'ן „איצט, געלויבט איז גאָט, איז אין פאריז אלץ געענדיגט. איך בין, דאנקען גאָט, גאנץ געזונט. איך וואוין טיילמאל אין באַדען, טיילמאל אין ווין, טיילמאל האָב איך אייער־קוכען מיט זעלטענער פוטער צום אָנבייסען, טיילמאָל אן אנדערן הימלישען קוכען. דאס מעבעל וואס איך פארמאָג איז אזא, אז מיין הארץ טאַנצט פון פרייד, און איך האָב א סך ווייניגער מורא פאר'ן טויט".

ער קוקט איצט אויף גערעס'ן ווי אויפ'ן איינציגען מענשען וואָס קען שרייבען, ער אליין איז קיין זאך ניט פעהיג צו שאפען. דאך פארנעמט ער אין דער זעלביגער צייט אזא דערהויבען אָרט אין דער געזעלשאפט, אז ער קען זיך אפזאגען אויפצונעמען גע־קרוינטע קעפ. דעם 31טען אקטאָבער 1814 שרייבט ער אין זיין טאָג־בוך: „אפגעזאגט דעם קעניגליכען פרינץ פון בייערן, דעם קעניג פון דענמארקʼ, א. א. וו. ער באַקענט זיך מיט טאַלעראַנ'ען און באוואונדערט איהם אָהן א שיעור. כדי צו געבען זיין באַ־וואונדערונג א פראקטישע ריכטונג פרעזענטירט איהם דער דורכ־געטריבענער פראנצויזישער דיפלאָמאַט מיט 24,000 פלאָרין אין נאָמען פון פראנצויזישען קעניג. צום סוף 1814 שרייבט גענץ אין זיין טאָג־בוך: „דער אויסקוק פון געזעלשאפטליכען לעבען איז טרויעריג... אבער אזוי ווי איך קען זיך אין גאר ניט באשולדיגען, קומט אויס אז מיין גענויע באַקאַנטשאפט מיט די צרה'דיגע מעשים פון אָט די קליינטשיגע מענשעלעך וואס באהערשען די וועלט, הייבט מיר ניט אָן וועה צו טאָן, זי אמוזירט מיך בלויז; די גאַנצע זאך געפעלט מיר פונקט ווי א שפיל וואס ווערט אויפגעפירט פאר

מיין פערזענליך פאַרגעניגען". קלינגט דאָס ניט ווי א רעדע פון זשאַן פאול'ס ראַקייראַל? זייענדיג מיד פון לעבען קען ער ניט פאַרטראָגען קיין זאך וואָס שטערט זיין רוה. זיין אויפגאַבע איז איצט אויפצוהאַלטען די עקזיסטירענדיגע אָרדענונג, וואס עס זאָל איהם ניט קאָסטען. אין 1815, אין א ויכוח מיט גערעס'ן פאַרטיידיגט ער ווירקליך דעם „פאַריזער שלום". ער איז געווען צו קלוג און קאַלט, א צו גרויסער שונא פון פראַנזען, אז ער זאָל ניט חוזק מאַכען פון די „בורשענשאַפטען" (סטודענטען ליגעס), פון דער אגיטאַציע פאַר א נאַציאָנאַל דייטשישע קליידונג, פונ'ם טויטאָבורגערוואַלדישען ענטוזיאַזם, און אַנדערע פונ'ם זעלביגען מין. פונדעסטוועגען איז דער אַמעגטאַט אויף קאָצעבו'ן אויסגענוצט געוואָרען צו פאַרבאָטען די גרינדונג פון פאַטריאָטישע געזעלשאַפטען, וויל מען האָט זיך געשראָקען פאַר ווייטערע אַטענטאַטען און פאַרברעכען. א דאַנק גענצ'עס אַנשטרעגנונגען זיינען די אוניווערזיטעטען אוועקגעשטעלט געוואָרען אונטער א קאָנטראָל און מען האָט די פרעסע פאַרשטאָפּט דאָס מויל. וועגען פרעסע פרייהייט שרייבט ער איצט: „איך האַלט זיך ביי מיין מיינונג, אז כדי ניט צו דערלאָזען אז די פרעסע זאָל מיסברויכט ווערען, זאָל א געוויסע צאָל יאָרען קיין זאך ניט געדרוקט ווערען. דאָס וואָלט אין אַלגעמיין — דערלאָזענדיג געוויסע אויסנאַמען אונטער דער אויפזיכט פון א דורכאויס קאָמפּעטענט געריכט — אין א קורצער צייט אונז צוריקגעפירט צו גאָט און צום אמת".

זיינע ווערטער צו דער געלעגענהייט פון דער גריכישער באַפרייאונגס-מלחמה באַווייזען, אז, ניט קוקענדיג אויף זיין רעאַקציאָנערען פייער, האָט ער געהאַט צופיעל שכל צו גלויבען, פונקט ווי אדאַם מילער און די איבעריגע, אז די פּרינציפּען פון דער לעגיטימיטעט און פון געטליכען רעכט פון קעניגען זיינען אנטפּלעקטע אמת'ן. אין 1818 האָט ער געשריבען צו מילער'ן: „איהר זיינט דער איינציגער אין דייטשלאַנד אויף וועמען איך זאָג: ער שרייבט געטליך ווען ער וויל; און אין אונזערע חוצפה'דיגע צייטען ווער איך פון קיין זאַך ניט אזוי נשתומם און דענערווירט ווי פון דער חוצפה פון יענע, וואָס וואגען זיך צו פאַרמעסטען מיט אייך... אייער סיסטעם איז א פולשטענדיגע פאַררונדעלטע גאַנצקייט. עס וואָלט

געווען אומזיסט צו אטאקירען עס פון וועלכער עס איז זייט. מען קען זיין אין גאנצען אין איהם אדער אין גאנצען אין דרויסען. אויב איהר קענט אונז באווייזען, מאכען אז מיר זאלען איינזעהן אז יעדעם אמתע וויסען, יעדע ווירקליכע פארשטענדניש פאר דער נאטור, אלע גוטע געזעצען און געזעלשאפטליכע כלים, נאך מעהר, אפילו געשיכטע אליין (ווי איהר באהויפט ערגיץ), קומען צו אונז, און קענען בלויז קומען צו אונז דורך געטליכער אנטפלעקונג, דעמאלט (לכל הפחות, וואס אנבעלאנגט מיר) ווערט איהר דער העלד פון טאג. אזוי לאנג ווי איך זעלינגט ניט דאס צו טאן, שטעהען מיר פון דער ווייטענס, איך באוואונדער איך, ליב איך, אבער א ניט דורכשפרייזענדיגער אפגרונד צעטיילט אונז". מען דארף געדענקען אז אדאם מילער איז געגאנגען אזוי ווייט ווי צו באהויפטען אז די עקזיסטענץ פון דער הייליגער דרייאייניגקייט איז א גענוגע ראיה, אז יעדעס נאציאנאל עקאנאמישע סיסטעם וואס שטיצט זיך אויף איין איינציגען פרינציפ, מוז זיין א שלעכט סיסטעם. זי באווייזט איהם אפילו די נויטיגקייט פון דער „דריי־פעלדער ווירטשאפט". בעת גריכענלאנד רעוואלטירט, שרייבט גענץ, אז דער פרינציפ פון לעגיטימיטעט, זייענדיג א פראדוקט פון דער צייט, מוז אויך פון דער צייט געביטען ווערען, און ער מאכט אזא וויכטיגע באהויפטונג: „איך האב תמיד געוואוסט, אז ניט קוקענדיג אויף דער מאיעסטעט און דער קראפט פון מיין ארבייט־געבער, און ניט קוקענדיג אויף אלע איינצעלנע נצחונות, וואס מיר האבען אפגעהאלטען, וועט דער גייסט פון דער צייט סוף כל סוף זיך ארויסווייזען שטארקער ווי מיר; אז די פרעסע, מיאוס ווי זי איז אין איהרע איבערטרייבונגען, וועט זיך ארויסווייזען צו זיין העכער פון אונזער גאנצער חכמה; און אז סיי די דיפלאמאטישע קונסט און סיי געוואלט־הערשאפט וועלען ניט פעהיג זיין צוריקצוהאלטען דאס ראד פון דער וועלט".

צו זיין פינף און זעכציגסטען יאר, איז דער אפגעלעבטער, פאדאגרא־קראנקער, ליידענדיגער אלטער פארכאפט געווארען פון צוויי ליידענשאפטען, וואס זיינען משונה ווייט געווען אי פון זיין עלטער אי פון זיין פסיכישער טבע. עס איז געווען א מאמענטאלער אומקער צו דער יוגענד. איין ליידענשאפט איז געווען פאר דער בא־

רימטער באלעט־טענצערין פאני עלזלער, וואס איז דאמאלט אלט געווען ניינצעהן יאר. זיין משוגעת פאר איהר האט קיין גרענעץ ניט געהאט. ער שרייבט: „איך האב זי געוואונען פראסט, פשוט דורך דער כישוף־קראפט פון מיין ליבע. ביז זי האט מיך דערקענט האט זי ניט געוואוסט אז עס עקזיסטירט אזא ליבע... דערמאנט זיך וואסער גליק עס איז צו פארברענגען אומגעשטערט יעדען טאג מיט א וועזען, וואס יעדע אייגענשאפט איהרע אנטציקט מיך... וואס אין איהרע אויגען און הענט און אין יעדען באזינדערן חן איהרען ווער איך אויף שעה'ן לאנג פארשלונגען, וואס איהר שטים באצויבערט מיך, און מיט וועמען איך קען פירען אומענדליכע געשפרעכען; ווארים איך לערן זי מיט פאטערליכער איבערגעבענקייט און זי איז מיין פעהיגסטער תלמיד, א תלמיד וואס איז אין דער זעלביגער צייט מיין געליבטע און מיין קינד".

די אנדערע מאדנע לײדענשאפט איז געווען פאר היינע'ס „בוך דער לידער", וואס איז דעמאלט נאר וואס ערשינען. עס מאכט ניט אוים וואס דער אלטער רעאקציאנער האט דעם געוואגטען פאעט אנגערופען „א משוגענער ריזיקאנט", ער האט זיך ניט געקענט ווידערשטעלען זיין כישוף. „איך דערפריש מיך נאך אלץ, שרייבט ער, מיט'ן „בוך דער לידער". יוי פאקעש באד איך זיך שעה'ן לאנג אין די דאזיגע מעלאנכאלישע וואסערן. אפילו די לידער וואס גרענצען זיך מיט אמת'ער ליעכטערונג קען איך ניט לייענען אהן די טיפסטע געפיהל־איבערלעבונגען; טיילמאל באשולדיג איך זיך פאר וואס איך קער זיך אום צו זיי אזוי אפט און מיט אזא פארגעניגען". זיין ברייטע נאטור האט זיך ניט געקענט שטעלען אנטקעגען זיי. מיט רעכט האט ער זיך געשילדערט אלס א פרוי. אין א טאן, וואס דערמאנט אונז אן די אנדרוגינוס שטריכען פון „לוצינדע", שרייבט ער צו ראהעל'ן: „ווייסט איהר די אורזאך פארוואס די שייכות צווישען אונז איז אזא פולקאמענער? איך וועל אייך זאגען. דאס איז ווייל איהר זענט אן אומענדליך פראדוקטיווע וועזען און איך בין אומענדליך אויפנעמליך; איהר זענט א גרויסער מענש; איך בין קודם כל די פרוי וואס האט תמיד געלעבט".

ער איז געווען אזוי נערוועאיש, אז א שטארקער האנד־דרוק פלעגט איהם דערשרעקען. אפילו דער אנבליק פון קריגערישע וואג־

סעם איז געווען געגוג איהם צו באַאומרוהיגען. רייזענדער וואָס זיינען מיט אומשולדיגע כונית געקומען זיך צו באַקענען מיט איהם, האָט ער חושד געווען, אז זיי זיינען פאַרשטעלטע טעראָריסטען. אין די לעצטע יאָרען פון זיין לעבען איז זיין פּלייצע געווען איינגעבויגען, זיין גאַנג — שרעקיג און ניט פעסט. די קלאָרע, קלוגע אויגען, צוליב וועלכע ער איז געווען וואונדערבאַר אין זיין יוגענד, זיינען איצט געווען ווי פאַרנעפּעלט מיט אַן אויסדרוק פון עפּעס געהיימעס. אין געזעלשאַפט פלעגט ער זיך באַפעסטיגען דורך טראָגען גרויסע שוואַרצע ברילען.

איינמאָל, בעת א שמחה, האָט איהם פאַני עלזלער דערלאַנגט א שוימענדיג גלאָז שאַמפּאַז, פון וועלכען זי האָט פאַרזוכט און געזאָגט זיך רייצענדיג: „די קרוג געהט אזוי לאַנג צום וואַסער ביז זי ווערט צובראָכען". גענץ האָט געענטפערט: „זי וועט סיי ווי אויסלעבען מיין צייט און מעטערניכ'ס". זיין שטאַנדפּונקט ווערט אין די דאָזיגע ווערטער אנגעוויזען און געאורטיילט.

אין רעליגיעזע ענינים האָט זיך גענץ זעהר שטאַרק געוואַקעלט. אמאָל פלעגט ער זאָגען אז רעליגיע איז פאַר איהם פּשוט א פּאָליטישער ענין, אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער, לויט דער ראָמאַנטישער מאָדע, איהר געבען גרויסע קאָנצעסיעס, כאָטש ער איז קיינמאָל ניט אריבער צום קאַטאָליציזם. ער האָט זיך אויסגעצויגען פאַר די פים פונ'ם קאַטוילישען מיסטיקער, אדאַם מילער, וועלכער האָט בוכשטעבליך אנגענומען נאָפּאָלעאָנ'ען פאַר דער פאַרקערפּערונג פון טייוועל (שרייבענדיג, למשל, צו גענצ'ן אין יולי 1806 אז „ווי קריסטען דאַרפען מיר באַזיגען דעם באָנאַפּאַרט אין אונז"); און ווען ער האָט געבעטען ביים קעניג א שטעלע אין עסטרייך, האָט ער אלס איינס פון די אורזאַכען פאַר פאַרלאַזען פּרייסען, געגעבען „מיין לאַנג־געפּיהלטע שנאה צום פּראָטעסטאַנטיזם, וואָס אין זיין אורשפּרינגליכען כאַראַקטער און אין זיינע וואַקסענדיגע שלעכטע טענדענצען האָב איך, גלויב איך, געפונען — נאָך דעם ווי איך האָב א סך מאָל און פאַרזיכטיג באַוויזען די זאַך — דעם וואָרצעל פון דער גאַנצער פאַרדאַרבענקייט פון אונזער צייט או; איינס פון די הויפּט

אורזאכען פון דער אייראפייאישער צעפוילטקייט".

אין דער פאליטיק איז ער דער פארשטעהער פון דער אומצווידייטיגער, באוואוסטזיניגער רעאקציע, און ער האט פאר דעם ווארט קיין מורא ניט, ווי א טייל אנדערע היפאקריטישע רעאקציאנערען. אין א בריף וואס ער האט געשריבען אין וועראנא אין 1822 דערציילט ער אז ביי א מיטאג ביי מעטערניכ'ן האט ער זיך נאר וואס באקענט מיט שאטאבריאנ'ען, וועלכער איז צו איהם געווען זעהר ליבליך און איהם קאמפלימענטירט. „אין משך פונ'ם געשפרעך האט ער דערמאנט דעם פאקט, אז מיט פיר־פינף יאר צוריק, בעת די לאגע אין אייראפא האט זיך געדוכט צו זיין גאנץ האפנונגסלאז, האט בלויז א הייפעלע מענשען, ניט מעהר וויפיעל מען קען אויפציילען מיט די פינגער, באשלאסען צו באקעמפען די רעוואלוציע, און די דאזיגע מענשען האבען געהאט אזא'ן ערפאלג אז איצט פארנעמען זיי דאס פעלד אנטקעגען דעם בשותפות'דיגען שונא, און רעגירונגען און ארמייען שטיצען זיי. דאס, האט ער געזאגט, איז א וואונדערבארע ערשיינונג, וואס קען באין אופן ניט פארבייגעהן די באאבאכטונג פון היסטאריקער. אלס א סימן פון די וויכטיגע מאמענטען פון אט דער דרייסטער רעאקציע האט ער דערמאנט די גרינדונג פונ'ם „קאנסערוואטאר" און דעם קארלסבאדער קאנגרעס. ער קוקט אויף דער צוקונפט מיט פולען מוט, זייענדיג זיכער אינ'ם נצחון פון דער גוטער זאך. יעדע אמת'ע קראפט און יעדער ווירקליכער טאלאנט איז אויף אונזער זייט, פארטראטען אין ארום צעהן אדער צוועלף קעפ. קיין זאך קען ניט זיין געפערליכער פאר אונז ווי צוצושרייבען צו פיעל וויכטיגקייט צו די אטאקעס פון די רעוואלוציאנערען אדער אין וואסער ניט איז זין מורא צו האבען פאר אט די ערמאנטע רעוואלוציאנערען, וועלכע, ניט קוקענדיג אויף זייער גאנצען טומעל זיינען זיי בלויז פלאפלער. איך וואלט קוים געקענט באגרייפען ווי אזוי אזעלכע מענשען ווי בענזשאמען קאנסטאן, גיזא און רויעה־קאלאר זאלען פאלען אין דער אפשאצונג פון פאלק. ער האט געזאגט דאס און נאך מעהר, ניט מיט פייער און זשעדנעקייט, נאר שטיל און קאלט".

גענצ'ן איז ניט איינגעפאלען, בעת ער האט געשריבען די

דאָזיגע ווערטער, וואָסער גרויסען סורפּריז דער דאָזיגער מענש האָט געהאַלטען פאַר איהם. מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט זיך דאָס געשעהעניש אָפּגעשפּילט, וואָס איז געוואָרען דער ווענד־פּונקט, די וואַסער־צעשיידונג, אַזוי צו זאָגען, אין דער גייסטיגער געשיכטע פון דער ערשטער העלפט פונ'ם יאָרהונדערט, דאָס איז דער פאַל וואָס שאַטאָבריאַן איז אַרויס פונ'ם מיניסטעריום און אריין אין די רייהען פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע און געוואָרען איהר פירער. דאָס דאָזיגע געשעהעניש צוזאַמען מיט בייראָנ'ס טויט, וואָס איז געשעהן אַרום דער זעלביגער צייט, האָט גערופען דעם ליבעראַליזם פון דער גאַנצער וועלט זיך צו באוואָפנען.

גענץ האָט ניט געקענט קאָנטראָלירען זיין צאָרן. נאָך דעם ווי עס איז ערשינען שאַטאָבריאַנ'ס אַרטיקעל אין Journal des Debats וועגען דער אָפּשאַפונג פון דער צענזור, האָט ער געשריבען צו אַ פריינד: „איך שרייב זיך אונטער אונטער יעדען וואָרט וואָס איהר זאָגט וועגען שאַטאָבריאַנ'ען. שוין אַ לאַנגע צייט ווי קיין זאַך האָט מיך ניט אַזוי אויפגערעגט און דערצאָרענט ווי אָט דאָס ווירקליך פּאַסקודנע אַרטיקעל. דאָס איז די אַרבייט פון אַ מענשען, וואָס כאַפּט אַ שטאָרקאַץ און צינדט אונטער דעם דאַך איבער'ן קאָפּ פון זיינע שונאים, ווייל איהם איז ניט געלונגען צו צעשטערען זייער רוה מיט פויקען און פייפער. איך זאָג ניט אַז אין אַזאַ שפּיל איז דאָ עפּעס וואָס איז אומבאַגרייפליך, וואָרים פראַנצויזען זיינען איצט פריי צו טאָן וואָס זיי ווילען. און דער מענש וואָס האָט, אַ דאַנק זיין נקמה־געפיהל, געקענט אויפ'ן שטעל פאַרגוואַלטיגען יעדען חוש פאַר פליכט, ערע און אָרענטליכקייט, ווי די דאָזיגע חיה האָט עס געטאָן דעם דריטען טאָג נאָך דעם ווי מען האָט איהם אָפּגעזאָגט פון זיין שטעלע, איז גע־ווען געצוואונגען — זייענדיג צערייצט פונ'ם געפיהל פון זיין אייגענער שוואַכקייט — צו געהן אַזוי ווייט ווי ער האָט נאָר געקענט ניט ריזיקירענדיג מיט זיין פרייהייט — אַ ריזיקע וואָס האָט כמעט ניט עקזיסטירט אין זיין לאַנד.“

אָבער גענצ'עס גאַנצער צאָרן האָט ניט געקענט אָפּשטעלען דעם גאַנג פון די געשעהענישען, און אין אַ קורצער צייט אַרום

האָט די רעאַקציע, וואָס ער האָט פאַרטראַטען, זיך געוואָרפען אין איהרע גסיסה־וועהען.

אין אַ בריף צו פילאָ'ן, פון 1820, שרייבט ער: „וואָס איז דול, וואָס איז לא מענע, וואָס (מיט'ן אויסנאַם פון באַנאַלי'ן) זיינען אַלע שרייבער פון אונזער צייט אין פאַרגלייך מיט מע־טער'ן? זיין בוך „וועגען דעם פּאַבסט" איז נאָך דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע פון לעצטען האַלבען יאָרהונדערט. איהר האָט עס ניט געלייענט, אַנדערש וואָלט איהר עס זיכער דערמאָנט. נעמט אָן מיין עצה: לייענט עס ניט שטיקלעכווייז, אין געדויש און טומעל מיט וועלכע איהר זענט תמיד אַרומגערינגעלט, לאָזט עס איבער אויף אַ צייט ווען איהר האָט אַ לאַנגע שטילקייט און קענט קאָנצענטרירען אייערע געדאַנקען. אייערע אַזוי־גערופענע פריינד ווייסען אודאי פון דעם בוך, אָבער זיי זאָגען קיין וואָרט ניט וועגען איהם. אַזאַ פלייש איז צו שטאַרק פאַר די דאָזיגע לויליכע קריטישע נשמות. עס האָט מיך געקאָסט עטליכע שלאָפ־לאָזע נעכט, אָבער, וואָסער פאַרגעניגען האָבען זיי מיר פאַרשאַפט! טיפקייט פון געדאַנק צוזאַמען מיט אַ וואונדערבאַרער ערודיציע, און מיט אַ פּאָליטישער דורכדרינגליכקייט וואָס איז העכער פון מאָנטעסקיע'ס, די רעדנער קראַפט פון אַ בורק, און אַן ענטוזיאַזם וואָס דערהייבט זיך אָפט צו דער הויך פון אמת'ער פּאָעזיע — צו דעם גיט צו די כאַראַקטער־שטריכען פון אַ וועלטליכען מענ־שען, פלינקקייט, איידעלקייט, די קונץ פון אָפּהיטען די געפיהלען פון'ם איינצעלנעם בעת איהר צעטרעט זיינע טעאָריעס און מיי־נונגען, אַן אומגעווייניטליכע באַקאַנטשאַפט מיט מענשען און זא־כען — און דערמאָנט זיך אַז דאָס אַלץ ווערט באַנוצט צוליב אַזאַ זאַך, אַרויסצוברענגען אַזעלכע רעזולטאַטען! יאָ, מיט'ן גאַנצען הארצען גלויב איך איצט אַז די קירך וועט קיינמאָל ניט דורכפאַ־לען. אויב אַזאַ שטערען וועט ערשיינען אין איהר הימעל כאָטש איינמאָל אין אַ יאָרהונדערט, וועט זי ניט בלויז פאַרבלייבען, נאָר הערשען. דאָס בוך האָט ע ט ל י כ ע שוואַכע ערטער. איך זאָג דאָס כדי מען זאָל ניט מיינען, אַז מיין באַוואונדערונג איז אַ בלינדע, אָבער זיי פאַרלירען זיך ווי די פלעקען אין דער זון. אַנ־דערע, פאַר מעטער'ן, האָבען מסתמא געפיהלט וואָס דער פּאַבסט

איז, אָבער קיין אַנדערער שרייבער האָט עס ניט אויסגעדריקט אַזוי ווי ער. דאָס דאָזיגע אומגעוויינטליכע בוך, וואָס דער היינ־טיגער מיאוס׳ער דור קען קוים זיך אָראָפּלאָזען עס צו באַמערקען, שטעלט מיט זיך פאָר די אַרבייט פון אַ העלפט פון אַ לעבענס־צייט. דער שרייבער, איצט שוין איבער זיבעציג, האָט זיך זיכער באַשעפטיגט דערמיט צוואַנציג יאָר צייט. מען דאַרף איהם אויפ־בויען אַ מאָנומענט אין איינעם פון די שענסטע קירכען פון רוים. קעניגען דאַרפען זיך מיט איהם אָן עצה האַלטען. אין דער אמת׳ן אָבער, נאָך דעם ווי ער האָט אויסגענוצט אַלע זיינע פּריוואַטע לעבענס־מיטלען, איז אַלץ וואָס ער האָט באַקומען פון זיין רעגירונג באַשטעהט אין׳ם טיטעל „מיניסטער" און אַ הכנסה וואָס איז גענוג אויף צו לעבען אין טורין מיט דער גרעסטער שפּאָרעוודיג־קייט, און אויך דאָס איז איהם ניט לייכט אָנגעקומען. קיין מענש־ליך וועזען האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַט מעהר רעכט צו זאָגען צו זיינע קינדער:

> Disce puer virtutem ex me, verumque laborem,
> Fortunamex aliis!*)

אַך, וואָסער אַ מענש! און ווי ווייניג פון אונזערע צייט־חברים ווייסען אפילו אַז ער איז פאַרהאַנען!"

דאָ זיינען מיר ווידער ביי אַ פונקט וואו די דייטשישע רע־אַקציע געהט אַריבער אין דער פראַנצויזישער.**)

די דייטשישע רעאַקציע איז אין איהר תוך ליטעראַריש, די פראַנצויזישע — פּאָליטיש און רעליגיעז. די דייטשישע גליטשט זיך ביסלעכוויין אַריין אין קאַטאָליציזם, די פראַנצויזישע איז אָפען און קאָנזעקווענט קאַטויליש. אין יעדען איינציגען ווינקעל

---

*) פון מיר, מיין קינד, לערן טוגענד און אמת׳ע אַרבייט, פון אַנדערע — ווי זיך גליק צו פאַרשאַפען.

**) Cf. Briefwechsel zwischen Friedrich Gentz und Heinrich Adam Muller. Stuttgart, 1857.

K. Mendelssohn-Bartholdy: Friedrich von Gentz. Leipzig, 1867, 1867—Aus dem Nachlasse Friedrich von Gentz. Wien, 1867.

שטיצט די פראַנצויזישע רעאַקציע דעם פּרינציפּ פון אויטאָריטעט, און דע מעטער איז איהר סאַמע ערנסטער, און ערליכסטער פאַר־שטעהער. דער וויציגער און קרעפטיגער לויב־דיכטער פונ׳ם תליון און דער פאַרטיידיגער פון דער אויטאָ דאַ פע, איז א געוויסענ־האַפטער, הייסער געגנער פון אויפקלערונג און הומאַניטאַרע אידעאַלען.

די דייטשישע ראָמאַנטיקער האָבען ליב געהאַט בין השמשות און לבנה ליכט. דאָס בלענדענדיגע ליכט פונ׳ם ראַציאָנאַליזם און די אויפבליצונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט זיי גע־טריבען צו זוכען טרייסט אין דער טונקעלקייט. אָבער וואָס איז אפילו נאָוואַליס׳עס ליבע פאַר דער נאַכט אין פאַרגלייך מיט זשאָזעף דע מעטער׳ס גלאָריפיקאַציע פון פינסטערניש!

אַן אַלטע לעגענדע דערציילט אז ווען אפּאָלאָ האָט איינמאָל דערלויבט זיין זוהן פאַעטאָן צו פירען זיין פאָטער׳ס רייטוואָגען, האָט ער איהם אַזוי אומפאָרזיכטיג געפירט אז די זון האָט אָפּגע־בריהט די גאַנצע ערד און אָנגעצונדען א סך שטעט. דער פאַבעל גיט צו אז א גאַנצע מענשליכע ראַסע האָט זיך אַזוי דערשראָקען אז אַלע האָבען מיט איין קול געוויינט פאַר די געטער זיי צו שענ־קען די אייביגע פינסטערניש. דע מעטער איז אַן אָפּשטאַמער פון דער דאָזיגער ראַסע, און ער איז אַ מענש מיט געוויסע רעכט אויף גרויסקייט מחמת זיינע פעהיגקייטען, זיין גלויבען אין דער השגחה און זיין שנאה צו זיינע מיטמענשען. און ביז׳ן היינטיגען טאָג עקזיסטירען אָפּשטאַמער פון אָט דער ראַסע; נאָר זיי זיינען געזונקען צו דער מדרגה פון קאַרליקעס, און וואָס אומוויכטיגער און פּהדנ׳ישער זיי זיינען אַלץ מעהר שטופּען זיי זיך צום אויבען־אָן. זייער געשריי איז אויך: „פינסטערניש! מעהר פינסטער־ניש!" וואָס גרעסער עס איז זייער פּוסטקייט בנוגע אידעען און צילען, אַלץ העכער שרייען זיי, און זייער איינציגע אמונה איז די אמונה אין דער קראַפט פון פינסטערניש.

די מענשען וואָס, בעת זיי שטודירען די געשיכטע פון דייטשישען ראָמאַנטיזם, שענקען ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט דעם וואוקס פון דער רעאַקציע אנטקעגען דעם גייסט פון אכצעהנ־טען יאָרהונדערט, ווערען פאַרוואונדערט פון דער הינטערשטעליג־

קייט פון די דייטשישע ראָמאַנטיקער בנוגע אויפריכטיגער כאַראַקטער־פעסטקייט אין פאַרגלייך מיט אַלע רעאַקציאָנערען ווי דע מעטער. מען דאַרף אָבער געדענקען אַז זיי זיינען ניט געווען קיין שטאַטסלייט אָדער פּאָליטיקער, נאָר שרייבער. אפילו די צווישען זיי וואָס שטעלען מיט זיך פאָר דעם איבערגאַנג פון ליטעראַטור צו פּאָליטיק, ווי גענץ, האָבען קיין אמת'ע באַדייטונג ניט א חוץ אַלס שרייבער.

פון א ריין ליטעראַרישען שטאַנדפּונקט האָט די דייטשישע ראָמאַנטישע שול א שטענדיגען ווערט. מען דאַרף זי בלויז פאַרגלייכען מיט ענליכע גרופּען אין אַנדערע לענדער כדי צו האָבען א גולען איינדרוק פון דער אָריגינאַליטעט און דער אינטעלעקטועלער וויכטיגקייט פון איהרע מיטגלידער.

אין ערשטען יאָר־צעהנדליג פון איצטיגען יאָרהונדערט באַמערקט זיך א ראָמאַנטישער שטראָם כמעט אין יעדען אייראָפּעאישען לאַנד; אָבער בלויז אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך איז די באַוועגונג א קלאָר אָריגינעלע און וויכטיגע. בלויז אין די דאָזיגע לענדער איז זי אַן אייראָפּייאישער „הויפּט־שטראָם". דאָס וואָס מיר באַמערקען אין סלאַווישע לענדער איז מעהר אָדער ווייניגער אַן עכאָ פון ענגלישען ראָמאַנטיזם.

די ראָמאַנטישע ליטעראַטור פון סקאַנדינאַוויען איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון דער דייטשישער.

אין שוועדען, וואו דער ראָמאַנטיזם איז באַקאַנט געווען אונטער'ן נאָמען „פאָספאָריזם' אָדער „נייע שול", האָט ער אַטאַקירט (לויט זיין געוואוינהייט) דעם פראַנצויזישען ליטעראַרישען געשמאַק. אין דעם פאַל איז זיין פאַרטרעטער געווען די שוועדישע אַקאַדעמיע. אין 1807 האָבען אַטערבאָם, האַמאַרסקעלד און פּאַלמבלאַט געגרינדעט די „אָראָראַ געזעלשאַפט". איהרע פּראָקלאַמירטע פּרינציפּען זיינען אין תוך גענומען די זעלביגע וואָס אין דער דייטשישער ראָמאַנטישער שול. אַטערבאָם'ס סימבאָליזם דערמאָנט אונז אָן טיק'ס. סטאַגנעליום האָט א געוויסע ענליכקייט צו נאָוואַליס'ן. די באַוועגונג האָט פונדעסטוועגען בולט'ע נאַציאָנאַלע שטריכען.

אין נאָרוועגען איז דער איינזאַמער ווערגעלאַנד, ניט קוקענ־

דיג אויף זיין זעהר עמפינדליכען, ענטוזיאסטישען טעמפעראמענט, א לעבעדיגער פראטעסט אנטקעגען דעם דייטשישען ראמאנטישען גייסט; אבער אנדרעאס מאנק איז אן אויסגעשפראכענער ראמאנטיקער פון דייטשישען טיפ. און אזעלכע אונטערנעמונגען ווי דאס איבערשרייבען און פארעפענטליכען די נארוועגישע צויבער־מעשיות (אבסיארנסאן און מא) און דאס צונויפזאמלען די נארוועגישע פאלקס לידער (לאנדסטאר), קומען פון דער אנרעגונג וואס די ראמאנטישע פאר־ליבע פאר׳ן פאלקסטימליכען האט אריינגעבראכט אין די מוחות פון די צפון מענשען.

אין דענעמארק איז די פארבינדונג צווישען דעם דייטשישען און היימישען ראמאנטיזם א זעהר קאמפליצירטע. אין אלגעמיין קריגען די דענישע פאעטען זייער ערשטען אימפולס פון דייטשלאנד, אבער שפעטער טרעטען זיי אויס אן אייגענעם וועג. איילענשלייגער איז אנגערעגט געווארען פון סטעפענס׳ן און געווען שטארק באאיינפלוסט, אין די ערשטע יארען פון יארהונדערט, פון טיק׳ן. אונטער׳ן איינפלוס פון דייטשישען ראמאנטיזם האט זיך גרונטוויג אפגעזאגט פון זיין יוגענדליכען ראציאנאליזם; און אין זיין פאטריאטיזם איז ער אין געוויסע פונקטען געווען שטארק ענליך צו ארנט׳ן און יאנ׳ען. פוקיי׳ס און האפמאנ׳ס איינפלוס איז קלאר אין אינגעמאנ׳ען. האוק איז געווען נאוואליס׳עס אן ענטוזיאסטישער באוואונדערער. י. ל. הייבערג, אלס דראמאטיזירער פון צויבער־מעשיות, איז טיק׳ס א תלמיד. האנס קריסטיאן אנדערסען אלס פאנטאסטישער דערציילער איז האפמאנ׳ס תלמיד. שאק סטאפעלט, געבוירען א דייטש, איז א פולשטענדיגער ראמאנטיקער, א געטרייער דינער פון „דער בלאער בלום״.

אבער כאטש מען קען אומעטום דערפירען צו איינפלוסען פון פרעמדע לענדער, ווי עס ווערט גענוג באוויזען אין דעם בוך, זיינען פונדעסטוועגען די אומאפהענגיגע, נאציאנאלע און סקאנדינאווישע באראקטער־שטריכען פונ׳ם דענישען ראמאנטיזם זיכער און בולט.